STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01763

NOVELN

Ephraim Kaganowski

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Melvin Rauch
in memory of
Hyman & Ethel Rauch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים קאַגאַנאָווסקי

נאָוועלן

PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

E. Kaganowski — „N o w e ł n"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

זייט

צוריק פון בית=עלמין (1911) 5
אויף דער אַלטער מיהל (1909) 10
אַלטער פאָמעראַנץ (1911) 23
מירל (1910) 38
משה'לע (1911) 49
פריילין מאַניע (1911) 58
אַ שטוב (1912) 66
מאַרי (1912) 91
צו גאַסט (1913) 116
אין ערוואַרטונג (1913) 132
אונטער'ן פליגעל פון בית=עלמין (1911) 142
פאַוועל פרוזשניאַק (1911) 157
דריי יאָהר (1914) 168
יולקע (1912) 179
וואַלענטי דער שוואַרצער (1911) 200

צוריק פון בית=עלמין

שוין אָווענד=צייט איז דאָס יונגע פּאָר=פֿאָלק צוריקגעגאַנגען פון בית=עלמין פאַר אָרימע, וואָס איז געלעגען הינטער דער שטאָדט, אינמיטען אַ ברייט, ווייס=זאַמדיג פעלד, אַרומגערינגעלט מיט אַ נידעריגען, געמויערטען פּאַרקאַן. אַרום איז שטענדיג שטיל געוועזען, אָבער נישט ווייט האָט זיך געצויגען אַ באַהן=ליניע און פון דאָרט האָט זיך אָפט אָנגעטראָגען אַ געוויש פון דער באַהן און אַ הילכיגער פייף האָט אַריינגעקנאַלט אין ווייס=זאַמדיגען פעלד אַריין. און אַ ביסעל ווייטער, אויף יענער זייט ליניע, זענען געשטאַנען רויט געמויערטע גלאָז=פאַבריקען, וואָס האָבען געפּייפט ווילד און אומעטיג, ווי זיי וואָלטען דערצעהלען פון בית=עלמין.

דאָס פּאָר=פֿאָלק איז געגאַנגען מיט אַ שמאָל, שטויביג שטעגעלע. זי מיט אויסגעוויינטע בלאָנזשענדע אויגען, ער מיט אַ שאַרף אויסגעבלייכט פּנים. פון דעם נידעריגען האָרוואוקס אויף זיינע באַקען, האָט דאָס פּנים אויסגעזעהן, ווי איינגעריסט אין סאַזשע. ער האָט געטראָגען אַ שווערען פּאַלטאָ, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, כאָטש ס'איז געווען נישט קיין קאַלטער פריהלינגס=אָווענד.

געגאַנגען זענען זיי אַ ביסעל אָבגעטיילט איינס פון דעם אַנדערען. זי, די הענד צונויפגעבראָכן, ווי זי וואָלט זיך

אַליין עפּעס אַ שרעקליכע זאַך דערצעהלט איהרע ליפּען זענען אָבער שטאַרק צונויפגעפּרעסט געווען און אַלע מאָל איז זי פונ׳ם שטעגעל אַראָפּ, אַריין אינ׳ם זאַמדיגען פעלד, מיט בלאָנזשענדע אויגען ווי אַ משוגע׳נע...

•

מיט אַ פּאָר שעה פריהער זענען זיי ביידע געגאַנגען צוזאַמען נאָך דער עגלה. אינווייניג, אין דעם שוואַרצען קעסטעל, איז געלעגען דער טויטער יענקעלע, זייער ערשט קינד. אַנדערט־האַלבען יאָהר איז ער אַלט געווען און פאַראַכטאָגען האָט ער פּלוצלינג בעקומען היץ, איז בעשאָטען געוואָרען מיט רויטע פינטעלעך און געשטאָרבען. איצט געהען זיי בעזונדער.

— שרה׳לע וואו געהסטו?... דו געהסט דאָך נישט גוט!

— האָט דער יונגער־מאַן צו איהר געשריגען, מיט אַ פערשטיקטער טרעהרענדיגער שטים, איילענדיג שנעל צו איהר. נאָר זי האָט אויף איהם נישט געקוקט, מיט קראַמפּהאַפטע בעוועגונגען געריסען זיך פאַר׳ן קאָפּ און געמורמעלט:

— כ׳וויס נישט... כ׳געה צו מיין זוהן... וואו איז מיין קינד?...

— שרה׳לע, לאָז שוין זיין גענוג — האָט דער יונגער־מאַן זיך געבעטען, אָננעמענדיג זי פאַר אַ האַנד. איהר בליק האָט אויף איהם שטום געבלאָנזשעט דורך אַ פּאָר מינוט, נאָכדעם האָט זי איהם אויפגעהויבען ווייט אין זאַמדיגען פעלד אַריין, וואו דער בית־עלמין האָט זיך געצייכענט, ווי אַן׳אָפּגעריסען וועלדעל. זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ טיף־האַרציג געוויין און פערענדיגט מיט אַ ווילדען, שפּיציגען קוויטש:

יענקעלע!... יענקעלע, וואו ביסטו?...

דער יונגערמאַן האָט זי אונטערגעהאַלטען ביי דער פּלייצע, זי זאָל נישט פאַלען, און ביידע זענען געשטאַנען ווי פאַרבלאָנזשעטע אין אַ זאַמדיגען מדבר. זייערע בליקען האָבען געבלאָנזשעט איבער׳ן פעלד, צום בית־עלמין צו, וואו די זון האָט זיך אַראָבגעלאָזען אונטער די בית עלמין־ביימער. דאָרט

האָבען גערוהט די שטילע מצבה=שטיינער, בעשאָטענע מיט אַ רויט=גאָלדענעם שטויב, ווי אַ שטילער פערגליווערטער הויף, וואָס איז געבליבען פערגעסען אין ווייס=זאַמדיגען פֿעלד...

*

זיי זענען שוין אַראָב פֿונ׳ם פֿעלד אין די שמאָלע אָרימע אונטער=געסלעך, וואָס זענען געלעגען ביים עק שטאָדט, פערטויבטע און אומעטיגע. דער פאַרנאַכט האָט אָנגעפּילט מיט נעפּעלדיגער פינסטערניש די ווינקעלעך פֿון די גאַסען און די קליינע, אומעטיגע פֿענסטערלעך פֿון די הייזער. נאָר די גאָלדענע פֿלאַמען פֿונ׳ם זון=אונטערגאַנג האָבען בעגילדט אַ שפּיץ פֿון אַ דאַך אָדער אַ גלייכען, שמאָלען קאַנט פֿון אַ הויז.

ערגעץ ווייט, אין אַ קליין פֿענסטערל פֿון אַ רויטער, ווי אָפּגעשונדענער וואַנד, האָט זיך אַריינגעגאָסען די אונטערגעהענדע זון, גלייך ווי גאָט אַליין וואָלט אַריינגעשיקט אַלע ליכטיגקייטען פֿון דער וועלט אין דעם קליינעם, אָרימען פֿענסטערל...

— גאָט, פֿאַרוואָס האָסטו צוגענומען די טרייסט פֿון מיין שטוב... — האָט די מוטער געמורמעלט, ווי זי וואָלט עמיצען עפּעס אין אויער אַריינגעזאָגט, און די הענד זיך געבראָכען. איהר פּנים האָט איצט אויסגעזעהן טיעף=רוהיג, נאָר אַלע מינוט האָט איהר ברעם אַ צאַפּעל געטון, ווי זי וואָלט זיך פֿאַר עפּעס דערשראָקען.

— ווי אַזוי וועל איך איצט די טיר פֿון מיין שטוב אויפֿמאַכען?.. ווי אַזוי וועל איך זיך נישט דערשרעקען פֿאַר די פֿיער ווענד?.. אוי, יענקעלע!... אַ בייזע האַנד האָט דיך ביי מיר צוגענומען.

דער יונגער=מאַן איז געגאַנגען נעבען איהר, טיעף געאָטעמט מיט דער קיהלער, פֿאַרנאַכטיגער לופֿט און אין זיין מידען מח האָבען זיך געשפּאַרט וועהטאָגליך=שווערע געדאַנקען.

ער האָט איצט געזעהן קלאָר די גרעניץ צווישען לעבען און טויט, פֿאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דער בית-עלמין,

דאָס ווייסע זאַמדיגע פעלד און די שטילע, אונטערגעהענדע זון. און דאָ אַרום זענען געסלעך, הייזער ווי אָנגעוואָרפענע שטיינער, דאָ לעבט מען... און וואָס טיפער דער געדאַנק האָט זיך אין איהם איינגעגעסען, אַלץ נעהנטער אַהין האָט ער זיך דערפיהלט...

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פרישען קבר פון זיין קינד און ס'האָט איהם אַזאַ ציה געטהון אַהין; דאָס שטילע פעלד... די אונטערגעהענדע זון... די שאָרכענדיגע ביימער אויפ'ן בית-עלמין... — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעוועבט אין איין וועהטאָגליכער, ציהענדיגער בענקשאַפט צו זיין קינד. ער האָט איצט פערגעסען אָן אַלעם, וואָס לעבט אַרום איהם, פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דער שטילער פאַרנאַכטיגער בית-עלמין.

*

אַנטקעגען איהם באַרג-אַראָפּ, אינ'ם שמאָלען אונטער-געסעל האָט געצויגען אַ לויה. אַ גרופּע האַלב-געבויגענע יודען און ווייבער איז לאַנגזאַם נאָכגענאַנגען און טייל פון די ווייבער האָבען געוויינט. נאָר אין זיינע אויערען איז אַ טויבע שטילקייט געשטאַנען.

ער האָט נישט געהערט דאָס וויינען, ער האָט געקוקט אויפ'ן שוואַרצען וואָגען און געטרונקען די שטילקייט, וואָס האָט פון איהם אַראָבגעטעמט. זיינע אויערען האָבען זיך ווי אויפגעעפענט און ער האָט דערהערט אַ היסטעריש פרויען-געוויין.

ערשט איצט האָט ער דערזעהן, ווי אַ רעדעל ווייבער האָבען אונטערגעהאַלטען זיין פרוי. ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו איהר און איבערגענומען זי פון די ווייבערס הענד. אַ קליין מיידעל האָט געבראַכט וואַסער פון אַ געוועלבעל און ער האָט עס געשפריצט אויף דער פער'חלש'טער.

ווען זי איז צו-זיך געקומען, זענען זיי שוין געווען אַליין. נאָר עטליכע קינדער האָבען אויף זיי געקוקט מיט צושראָקענע אייגעלעך.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען. — זי שטיל, מיד אַנגע־שפאַרט אויף איהם.

— אַליין האָב איך דיך געלאָזען... מיין גאָלדען קינד... מיין שטילער מלאך... — האָט זי ווי משוגע געמורמעלט.

ער האָט זי נישט געהערט; ווי אין אַ טיפען פער׳חלום׳טען שלאָף איז ער געגאַנגען.

— ס׳וועט קומען אַ טאָג, אָדער אַ נאַכט... עמיצער וועט נאָכגעהן... אַהין, צו יענעם ווייסען, שטילען פעלד. דערנאָך וועט דער, וואָס וועט נאָכגעהן, קומען אַהין... די זון וועט פערגעהן איבער׳ן בית־עלמין... און אַזוי וועט געהן איינער נאָכ׳ן אַנדערען... איינער נאָכ׳ן אַנדערען...

און אַ שווערען, ברענענדיגען וועהטאָג האָט ער אין קאָפּ דערפיהלט...

*

די זון איז שוין פאַרגאַנגען. אין דער שמאָלער לענג פון די געסלעך האָבען זיך גענעפּעלט די געלע פלעמלעך פון די לאַמטערענס. דער הימעל איז געוועזען טונקעל־בלוי און שי־טערע זילבער־שטערן האָבען אין דער ווייטער, קיהלער בלוי־קייט אַרומגעצאַפּעלט.

איצט האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז די אַלע געסלעך פלעכטען זיך צונויף אין איין שמאָלען, אויסגעפלאַסטערטען, גלייכען וועג, און די אַלע לעבעדיג־בעוועגליכע מענשען נעמען זיך צונויף אין איין שטילען, אייביגען גאַנג, ציהען שטיל אַהין צום ווייסען, זאַמדיגען פעלד, — אַזוי אונטער דער אונטער־געהענדיגער זון צום בית־עלמין „פאַר אָרימע".

אויף דער אַלטער מיהל

אַ קאַלטע הערבסט־נאַכט.

דער הימעל גרוי־רויטליך, ווי דורכגענומען מיט אַ לייכטען, ברודיגען פלאַם, פערציהט זיך ווייט־ווייט און פערגעהט אין אַ גרויען פויל־וואַסערדיגען נעפעל.

עס טריפען לאַנגזאַם גראָבע, פוילע רעגען־טראָפענס. ס'איז קאַלט, און די קעלט איז אַ פויל נאָגענדע, ווי טראָפענס קאַלטען שווייס וואָלטען זיך געגאָסען...

טיף אין גרויען נעפעל שניידט זיך אַריין די שאָסע און בלאַנקט מיט אַ גרוי־נאַסען גלאַנץ

אַרום איז שטיל און פינסטער.

ביי דער זייט שאָסע, נעבען אַ פייכטען, זומפיגען גראָבען, שפּאַנט מיט שנעלע טריט דער יונגער פויער „קאָסטעק". זיינע פיס זענען באָרוועסע און פּאַטשען אויף דער שטיינערנער שאָסע מיט אַ פייכט־ליימיגען פלעסקעריי. זיין לייכטע, בלוי־לייוועגטענע בלוזע בלאָזט זיך פון'ם ווינד, דער אַרומגעריסענער ראַנד פון זיין שטרויענעם קאַפעליוש רייסט זיך אַרויף און עס טריפען איבער זיין פנים די פוי'ע טראָפענס פון'ם רעגען.

ער איז אַ דאָרף־גנב און די פויערן רופען איהם „פּטאַשעק".

— ווי שפעט קען שוין זיין? — קלערט ער.

ער קוקט זיך אַרום: ס'איז שטיל און פינסטער. אין פעלד, אין וואַלד הערט זיך נאָר דאָס רוישען פונ'ם רעגען; בייטעגוויין טראָגט זיך אָן קרום אַ ווינד און מיט אַ פייכט געשמאַק... ווערן צווייגען זיך די ביימער...

— ווי שפעט קען שוין זיין?

צוויי אַ זייגער בייטאָג איז געווען, ווען ער איז אַוועק פונ'ם דאָרף...

— כ'האָב נאָך אין דער פריה געוואוסט, אַז דער טאָג וועט זיין אַ פערשאָלטענער! — קלערט ער. — אַז ס'קריכען מיר אין קאָפּ אַריין נאָר די ב'ינדע „צעלקע" מיט'ן הינקענ-דיגען „פי'פ", מוז עפּעס געשעהן! ס'אַ הינקענדיגער הונד! כ'האָב געוואוסט, אַז ער וועט מיך קומען פערבעטען. זי' בענקט נאָך מיר—דערצעהלט ער מיר. הע, הע! כ'האָב דיך שוין דערקענט, הינקענדיגער הונד, ווער דו ביסט! און דיך ב'ינדע, האָב איך דערקענט!

אַזוי זידעלט „פטאַשעק" אין די געדאַנקען זיינע חברים, צו וועלכע ער געהט איצט קיין יאַלאָווקאַ...

ער קוקט זיך אום צוריק, צי איז ער שוין אָבגעגאַנגען ווייט פון זיין דאָרף, די שאָסעע איז אָבער אַזוי פינסטער און פערנעפּעלט, אַז ער קען נישט וויסען, וואו ער איז. ס'דאַכט זיך איהם, אַז ער איז נאָך פון זיין דאָרף נישט אַרויסגעגאַנגען, און ער טוט אַ ציטער

„פטאַשעק" האָט נישט קיין מורא פאַר די פויערען. ווען זיי האָבען איהם היינט געיאָגט, איז ער גאָרנישט אַנטלאָפען. ער האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט, אויסגעצויגען דעם האַלז און געזאָגט:

— נאַט אייך! שניידט מיר איבער דעם האַלז! אָדער הענגט מיך אַליין אויף אַ בוים!

איהם שרעקט נאָר דאָס געשריי, וואָס ווערט, ווען מען דערהערט איהם, און ער פרעגט זיך אַליין:

וואָס ווילען זיי פון מיר? כ'האָב דאָך די שטיוועל

בישט געקומען!

און ער דערמאָנט זיך, ווי דער הינקענדיגער פיליפּ האָט צו איהם גערעדט אין דער פריה:

— קום „קאָסטוש"!— האָט ער געזאָגט און דערלאַנגט אַנ'אויסגעבויגענעם פּאַפּיראָס פון'ם היטעל אַרויס.

— קום „פּטאַשעק"! צעלקע בענקט נאָך דיר. זי פרעגט זיך אַלע טאָג: פאַרוואָס זעהט מען נישט פּטאַשעק'ן? זעה נאָר, ווי דער הימעל איז פאַרוואָלקענט, ווי ער וואָלט מיט אַנ'אייזערנעם שלאָס, פערשלאָסען געוואָרען, זעה נאָר, ווי אַלץ איז פערנפּעלט;—קום פּטאַשעק!

און ער איז מיט איהם געגאַנגען.

אויפ'ן גאַנצען וועג האָט איהם פיליפּ פערצעהלט, ווי גוט ס'לעבט זיך ביי דער בלינדער צעלקע. אַלע ביינאַכט קאָכט מען אָפּ גרויסע טעפּ קאַרטאָפּעל און קיין ביסעל בראָנפען פעהלט נישט. אַלעק „נעמיעץ" ברענגט אַ ברוינע פידעל און מ'שפּילט, מאַנקאַ הויבט-אויף דאָס קליידעל, טוט זיך אָן אַ שיסעל אויפ'ן קאָפּ און טאַנצט, נאָך איהר לאָזט זיך „וואַצעק נאָצני" און פויקט אויף אַ בלעכערנער פּאַטעלניע. פיליפּ האָט איהם דערצעהלט, אַז יענע נאַכט האָבען זיי אַוועקגע־שלעפּט אַ גאַנצען פאַרקאַן ביי מאָטעק פּאַרטשאַזש, קיין האָהן אפילו האָט זיך נישט אויפגעוועקט... און ווען זיי זענען צו־געקומען צום „קאָנדוקטאָר", האָט איהם פיליפּ אָנגערעדט, אַראָבצונעמען די שטיוועל, וואָס האָבען זיך געטרוקענט אויף דער „פּורטקע".

פּטאַשעק'ן האָט זיך אפילו נישט געגלוסט האָבען צו טון מיט'ן „קאָנדוקטאָר", נאָר אַז דער הינקענדיגער הויבט אָן איינצורעדען, וועסטו זיך פון איהם אַרויסדרעהען! „פּטאַשעק" האָט זיך אַרומגעקוקט. ס'איז געווען שטיל, מ'האָט קיינעם נישט געזעהן.

פיליפּ האָט זיך געלעגט אונטער אַ קזשאַק.

פּטאַשעק האָט ליעב ווען ס'איז שטיל. ווען ס'איז שטיל דאַכט זיך איהם, אַז אַלעס איז זיין...

א'ז ער שטיל אונטערגעקראָכען, מיט צוויי פינגער די שטיוועל פון דער „פּורטקע" אַראָפּגענומען, אויפגעהאָנגען זיי אויף דער אַקסעל און שטיל, ווי אַ קאַץ, גענומען אָבשפּרינגען...

אָבער באַלד איז אַרויסגעגאַנגען דער „קאָנדוקטאָר" זעהן, צי די שטיוועל זענען שוין טרוקען, און זעהענדיג, אַז זיי זענען נישטאָ, לאָזט ער זיך נאָך פּטאַשעקין מיט אַ געשריי:

— אַ גנב! אַ גנב!

און אַז „פּטאַשעק" הערט אַ געשריי, קען ער זיך שוין פון'ם אָרט נישט ריהרען. האָט ער די שטיוועל אַ וואָרף געטהון און געוואָלט אַוועק; נאָר די פּויערען זענען זיך צונויפּבעלאָפּען און גענומען איהם שלאָגען.

פּיליפּ איז פערשוואונדען, ער האָט איהם מעהר נישט געזעהן...

באַלד איז פּטאַשעק אַוועק פון'ם דאָרף, איז אָפּגעלעגען ביים טויבען „טשעשלאַרזש" ביז ביינאַכט און פון דאָרט געהט ער איצט צו דער בלינדער צעלקע שלאָפען.

פון ערגעץ קומט אָן אַ שאַרפער ווינד און יאָגט איהם שאַרפּע שנירעלעך רעגען אין פּנים אַריין. ער ציהט אַראָפּ דעם קאַפּעליוש איבער די אויגען, נורעט איין דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען און שפּרייזט מיט ברייטע, האַרטע טריט...

אָט איז שוין די „קוזשניצע";—נאָך צוויי דערפלעך — איז „יאַלאָווקאַ".

ער געהט שנעל און ס'דאַכט זיך איהם: וואָס טיפער ער וועט קומען אינ'ם נעפּעל, אין דער פינסטערניש,—אַלץ שטילער וועט זיין.

און די שטילקייט האָט פּטאַשעק אַזוי ליב...

ער פערטראַכט זיך, פערזשמורעט די אויגען און דערמאָנט זיך אָן זיין דאָרף: ס'געהט אַזאַ לאַנגער ווינטער, באַלד וועט אַלץ אַרום ווייס, פערשנייעט ווערען, אַרום אין אַלע דערפער וועט ווערען אַזוי שטיל... פאַרנאַכט וועלען אַלע פּויערן זיך לעגען שלאָפען און די נעכט וועלען זייז אַזעלכע

פינסטערע, קאַלטע, פּראָסטיגע...

דאָ אַרום, איבער אַלע פעלדער וועט זיך לעגען אַ דיקער, ווייסער שניי... און איהם, פטאַשעק'ן, איז שוין נמאס צו זיצען אין דער היים...

דער פאָטער לעבט נישט... די אַלטע מאַמע שיקט איהם זוכען אַ ביסעל אַרבייט,—נאָר קיינער גיט נישט. מ'האָט מורא, ער וועט בע'גנב'ענען...

און פטאַשעק פּלאַנט זיך אַזאַ לעבען:

ער זאָל קענען אַוועקגעהן אין אַן אַנדער דאָרף, ווייט פון דאַנען, גאָר אויף אַנ'אַנדער שאָסעע, וואו קיינער קען איהם נישט, וואו קיינער ווייס נישט, ווער און וואָס ער איז. דאָרט זאָל ער זיך שטעלען פאַר אַ „פאַראָבעק" ביי אַ פריץ. ווען ס'וועט קומען זומער, זאָל ער אַלע פאַרנאַכט אַוועקגעהן אונטער'ן דאָרף, אין אַ יונג בזשאָזאָווע וועלדעל, אַוועקלעגען זיך מיט'ן פנים ארויף און אַזוי קלערען. ס'זאָל זיין שטיל, קיינער זאָל נישט שטערען, און קלערען זאָל ער פון דער בלינדער צעלקע, וואָס איז דאָך אין אמת'ן אַ גוטע שוועסטער; פון דעם הינקענדיגען פיליפּ זאָל ער קלערען. און ער קריגט זיי ליב און דערמאָנט זיך אָן אַלע: אָן „אָלעק נעמיעץ", אָן מאַנקאַ'ן און אָן „וואַצעק נאָצני" מיט די וואָלפישע אויגען....
און ס'ציהט, איהם פטאַשעק'ן, אַהין צו צעלקע'ן, ער וואָלט שוין דאָרט געוואָלט זיין...

און ער הויבט אָן שנעלער צו געהן.

... און ווען ס'וואָלט איהם נמאס געוואָרען דאָס קלערען, וואָלט ער זיך אויסגעקליבען דאָס שענסטע, בעסטע פערדעל פונ'ם פריץ אין היידאַ! אַוועק אין דער וועלט אַריין! און געריטען וואָלט ער איבער אַלע שאָסעען, אין אַלע שטעדט וואָלט ער אויסגעוועזען; אַמאָל, ס'וואָלט זיך איהם פערגלוסט, גאַלאָפּ!! אַוועק צו צעלקען!—כ'בין דאָ! וואָס מאַכסטו בלינדע?

און די גאַנצע חברה שטעהט פערוואונדערט, גלעטען די ברוין־סאַמעטענע „באָקעס" פונ'ם פערדעל, שאָקלען מיט די קעפּ:

— אַ, אַ! ווי שטאַשעק זעהט אויס!...

*

האַלבע נאַכט איז פּטאַשעק אָנגעקומען קיין יאַלאָווקאַ צו דער בלינדער צעלקע.

ביים ראַנד פון אַ ווייט פאַרנעפּעלט פעלד, נישט ווייט פון א וואַסער־מיהל, שטעהט צעלקעס הייזעלע. די פּאַדערשטע וואַנד איז ווייס און האַלב איינגעבראָכען, דער דאַך אַ שטרויענער, אַנ'אויסגעבראָכענער און לאָזט זיך אַראָב נידעריג איבער דער קרומער וואַנד.

די בלינדע צעלקע איז אַ מויד פון אַ יאָר 25. שוין עטליכע יאָהר, אַז מ'האָט צעלקע'ן געבראַכט מיט'ן עטאַפּ אין דער „גמינע" פון יאַלאָווקער שאָסעע, פאַר אַ גנבה. פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך צוזאַמענגענומען מיט די גנבים פון דער שאָסעע, מ'האָט זי אויסגעקליבען פאַר אַ „מאַטקע" און זי האָט זיך בעזעצט אין דעם הייזעלע, וואו זי האַלט אויף די חברה.

דאָס הייזעלע האָט פריהער געהערט צו דער וואַסער־מיהל, וואָס שטעהט נישט ווייט פון דאָרט; ס'פּלעגט דאָרט ליגען מעהל. נאָר צייט די מיהל האָט אויפגעהערט אַרבייטען, וואוינט דאָרטען צעלקע.

דאָס גאַנצע דאָרף יאַלאָווקאַ קען צעלקען און מען ווייסט, ווער זי איז, נאָר קיינער שטערט איהר נישט, ווייל זי איז אַ גוטע, האָט ליב צו טון אַ טובה. ס'מאַכט זיך אַמאָל, ווינטער, אין אַ פראָסטיגער נאַכט, ווען אַ פויער פאָהרט דורך מיט אַ וועגעלע, רופט מען איהם אַריין און איז איהם מכבד מיט אַ שנאַפּס, מיט אַ ביסעל הייסע קאַרטאָפעל. ס'קומט אַמאָל אַ „סטראַזשניק" טרינקט מען איהם אָן אַזוי, אַז ער טרעפט קוים אַ היים.

דאָס לעבען איז פריי, די טיר איז אָפען אַ גאַנצע נאַכט, און ס'זאָל קומען אַ פרעמדער מענש, וועט מען איהם נישט פרעגען, ווער ער איז און וואָס ער וויל.

בײַ צעלקע'ן איז דאָ אַ גרויסער, שוואַרצער הונט, אַ פּיר־קאַנטיגער, מיט אַן איבערגעלעגטן קאַרק, מיט פּײַכטע קלעפּעדיקע אויגן. גאַנצע טעג ליגט ער אָפּ אונטער אַ באַנק און סאָפּעט, ווי אַ סאַמאָוואַר. די חברה האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „סוכאָטניק". אַזוי ווי דער חברה, אַרט אים אויך גאָרנישט. מעג האַלבע נאַכט קומען ווער עס איז אין אַריבער־פּאַלען איבער אים, וועט ער נישט בילען, נאָר זיך אויפהויבן, אָבשאָקלען זיך, וואַרפן מיט'ן איבערגעלעגטן קאַרק און ווייטער זיך אַ ־עקלייגן.

•

אַ ברייטער, הילכיגער פּייף האָט זיך פאַרטראָגן אין דער טיפער פינסטערניש.

דאָס האָט פּטוּשאָק מיט צוויי פינגער אין מויל אַ פייף געטון, מ'זאָל וויסן אַז ער געהט.

נאָר באַלד האָט ער חרטה געהאַט; ער האָט בעסער געוואָלט עס זאָל שטיל זיין, ער זאָל אַריינקומען, מען זאָל אים גאָרנישט בעמערקן.

ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

די חברה איז שוין אַרויס אַנטקעגן פּטאַשעק'ן מיט אַ פייפעריי, מיט אַ טאַנצעריי. פיליפּ האָט געטאַנצט מיט'ן הינקענדיגן פוס, טייל זענען געלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, מיט אויפגעהויבענע הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט נאָך אַ ווילדער חיה.

•

בײַ צעלקען אין הייזל איז ליכטיג פון אַ גרויסער, בלעכערנער ליכט־לאַמטערן. אויף צוויי לאַנגע, הילצערנע בענק, זיצן די חברה צוואָרפן, טייל די קעפּ אַרונטערגעהאָנגען אונטער די בענק. אַרום זיי געהט אַרום צעלקע, קוקט קרום מיט'ן ווייס־איבערגעקעהרטען אויג און טיילט־אַרום בראָנפן פון אַ קיילעכיג גלעזעלע.

די ווענט אַרום זענען געל=ליימיגע און פייכטע; אין מיטען שטעהט אַנ'איינגעהייצטער „פיעציק" פון עטליכע שוואַרץ=פעררויכערטע ציגעל

נעבען „פיעציק" שטעהט מאַנקאַ. איהרע האַרטע, העל=פלאַקסענע האָר זענען צולאָזען און הענגען אַרום, ווי פייכטע שטריקלעך. זי געהט אָנגעטאָן אין אַ קורץ, רויט קליידעל; דאָס קליידעל איז האַרט און שטעהט אָפּ ביי די זייטען מיט האַרטע קאַנטען, ווי ביי אַ געקאַלעכטען זאַק. זי מישט מיט אַ הילצערנעם לעפעל אין אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפעל און שניידט אַריין אַלעמאָל שטיקער האַרטע, פעטע קישקע.

מאַנקאַ איז געווען אַ דינסט ביי אַ פריץ, נאָר פאַר אַ גנבה האָט מען זי אַרויסגעטריבען.

— טרינקט, ברידער, און ווייסט, אַז צעלקע איז נאָך נישט געשטאָרבען! הע, אָלעק! וואָס שאַרסטו זיך דאָרטען צו מאַנקאַ'ן? זי וועט דיר קיין בראָנפען נישט געבען. כ'האָב שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז די דייטשען האָבען אין זיך הינטיש בלוט!—שרייט צעלקע מיט אַ הייזעריגער שטימע, גיסענדיג איבער'ן גלעזעל אַראָב אויף דער ערד. דער הינקענדיגר פיליפ איז שכור, ער ליגט אויסגעצויגען אין מיטען שטוב אויפ'ן בויך, פרובט אַלעמאָל אָנכאַפען מאַנקאַ'ן פאַר אַ פוס, קריגט אַ זעץ מיט'ן לעפעל איבער דער האַנד,—קוקט ער צו איהר אַהין מיט פער'חלש'ט=שכור'ע אויגען און שווערט זיך אונטער דער נאָז: אַז נישט זאָל איהם אַ דונער טרעפען, ווי נישט ער...

די שטוב איז פערנעפעלט פון אַ פעטער פאַרע, געמישט מיט קנוילען רויך פון מאַכאָרקע. אינ'ם נעפעל מישען זיך, וואַרפען זיך האַלב=אָפּגעהאַקטע ווערטער, הייזעריגע געשרייען און דאָס כראָפּען פון פיליפ'ן.

אַלעמאָל הויבט זיך אויף איינער, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עפּעס דאַרפען טון און לעגט זיך צוריק, איינ=פלעכטענדיג זיך אין דער חברה.

און אין דרויסען, הינטער דעם קליינעם פענסטערל,

טראָגט זיך קרום אַ ווינד און וואָיעט ווי אַ חיה; די פּילע טראָפּענס רעגען פּויקען שווער אין דעם אויסגעבראָכענעם שטרוי־דאַך און די קאַלטע, פינסטערע נאַכט ציהט זיך אַזוי שווער איבער צעלקעס הייזעל, מיט דער קרומער פעדערשטער וואַנד...

*

עס הויבט שוין אָן טאָגען.

דער הימעל איז גרוי־וואַסערדיג. פעט־גרויע וואָלקען ליגען איינער איבער דעם אַנדערען, ווי אָנגעגאָסענע, און עס דאַכט זיך, אַז זיי גלאַנצען מיט אַ גרוי־פעטען גלאַנץ. אַ נאַסער, פויל־קאַלטער נעפּעל שטראָמט איבער דעם ווייטען, טונקעלען פעלד. פון דערווייטענס, אויף דעם פערנעפּעלט־וואַסעריגען האָריזאָנט, האָט זיך געלעגט אַ ברודיג־ראָזער פאַס; עס זעהט אויס, די זון דאַרף שוין אויפגעהן און דער ברודיגער, מאַט־ראָזער פאַס ווייזט, אַז דער טאָג וועט זיין אַ פוילער, אַ רעגענדיגער. ערגעץ ווייט קרעהט אַ האָן,—נאָר דאָס קרעהען מישט זיך צונויף מיט׳ן רוישען פון׳ם ווינט אין דעם איינ־טאָניגען פּויקען פון׳ם גראָבען, שיטערן רעגען...

איבער׳ן פעלד הענגט אַ בלייכע טונקעלקייט.

ביי צעלקען אין שטוב איז דער נעפּעל פון׳ם מאָ־כאָרקע־רויך געדיכטער געוואָרען. דאָס לאַמטערן־ליכט קנאַקט, שמעלצט זיך אין חלב, און די קרומע, צאַנקענדיגע פלאַם פון׳ם ליכט־קנויט בעפאַרבט מיט אַ ברודיגער רויטקייט דעם נעפּעל.

אין דעם „פּיעצ׳יק״ גליהען נאָך עטליכע שטיקער האָלץ און רויכערן זיך מיט אַ ביטער־שטיקענדען רויך...

פיליפ ליגט אין אַ ווינקעל, ער כראָפּעט שווער. מאַנקאַ ליגט האַלב־אָנגעשפּאַרט אָן אַ באַנק. איהרע אויגען זענען האַלב־אָפען און איהרע דיקע, רויטע הענד הענגען מיד איבער איהרע קניהען. צעלקע זיצט נעבען איהר, האַלב־ליגענדיג אויף דער באַנק, דעם קאָפּ פערריסען. און איהר וויים־איבערגע־

דרעהט אויג בלישטשעט מיט אַ קאַלטען, ווייסען בליאַסק קעגען דער קרום=צאַנקענדיגער פלאַם. פון דער לאַמטערען...

אָלעק ניעמיעץ שלאָפט, ליגענדיג האַלב=קיילעכיג אויסגעצויגען אויף דער ערד, איין האַנד אונטערגעשפּאַרט אונטער׳ן קאָפּ, און זיין בלוי טיכען היטעל מיט׳ן גלאַנציגען לאַקירדאשיק איז טיף אַראָפּגערוקט איבער זיינע אויגען.

וואַצעק נאָצני זיצט דעם קאָפּ פערריסען נעבען דער אָפענער טיר; זיינע גרינע, שאַרפע אויגען=ברייט געעפענט.

ער קוקט אַרויס אינ׳ם פינסטערען, נאַסען פעלד אַריין.

קעגען איבער איהם, אויף דער ערד, זיצט, די פיס אונטער זיך, פּטאַשעק; ער קוקט וואַצעק׳ן גלייך אין די אויגען אַריין און וואַצעק׳ן דאַכט זיך, אַז פּטאַשעק שלאָפט מיט אָפענע אויגען. ער קען נישט פערשטעהן: שלאָפט ער,— טאָ וואָס האַלט ער אָפען די אויגען? וואַצעק הויבט אָן די אויגען צו מרוזשען. ס׳דאַכט זיך איהם, אַז זיין קוקען אויף פּטאַשעק׳ן איז עפּעס אַ גנבה, און ער קען זיך נישט בעשליסען אָנהויבען עפּעס רעדען צו פּטאַשעק׳ן. ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער זאָגט צו איהם עפּעס, און ער פּטאַשעק, שלאָפט גאָר, זיינע ווערטער הילכען אַזוי אין דער שטילקייט און באַלד כאַפּען זיך אַלע אויף, מיט אַ געשריי, ווי עס וואָלט עפּעס געשעהן.

אָלעק ניעמיעץ הויבט אויף דעם קאָפּ פון דער ערד, רוקט אַרויף דעם דאַשעק, ציהט זיך צו פּטאַשעק׳ן און רעדט מיט אַ פערשלאָפען ביי=קול:

— אַ—אַ—אַ! זאָלען אייך טייוולאָנים בראָטען! אַוועקגעזעצט זיך קלערען; כ׳קאָן שווערען, אַז פּטאַשעק האָט מיר די פאָר גראָשען פון קעשענע אַרויסגעגראַבעלט!

ער הויבט זיך אויף, ציהט זיך אויס מיט די הענד און דער הויך און גיט אַ ברייטען געניץ.

— ס׳איז שוין טאָג, ברידער, ס׳איז שוין טאָג!

דאָס ליכט לעשט זיך אויס, אינ׳ם לאַמטערען הויבט זיך אָן ציהען אַ שמאָלער פאַס פון שוואַרץ=שטיקענדען רויך...

— ס'איז שוין טאָג! — שרייען־אויס אַלע דרײַ מיט אַ מאָל.

דורכ'ן קליינעם פענסטערל האָט זיך דער גרוי־וואַסעריגער פאַרטאָג אַרײַנגעריסען און מיט אַ מאַטער גרויקייט די שטוב בעפאַרבט.

— מיר וועלען זיי אויפוועקען! — האָט אַלעק אַ געשריי געטון און צוגעהענדיג צו דער באַנק, וואו צעלקע און מאַנקאַ זענען געשלאָפען, האָט ער זיי מיט איין שלעפ פון דער באַנק אַראָפגעוואָרפען. מיט אַ ווייכען קלאַפ זענען זיי פון דער באַנק אַראָפגעפאַלען.

וואַצעק אין אַלעק האָבען זיך צולאַכט.

מאַנקאַ און צעלקע האָבען זיך שטיל אויפגעהויבען און זיך אַרומגעקוקט.

אַלעק האָט זיך דערווייל צוגערוקט צום שלאָפענדיגען פיליפ; באַלד איז צו איהם צוגעקומען וואַצעק און ביידע האָבען איהם מיט איין הויב גלייכגעשטעלט.

פיליפ איז געשטאַנען און געוואַקעלט זיך, אַנגעוויזען מיט אַ וואַקלענדיגען, אויסגעצויגענעם פינגער ערגעץ אין אַ ווינקעל אַרײַן און צוגעמורמעלט עפעס מיט אַ פייפענדיגער שטים.

די חברה האָבען פייפענדיג געלאַכט.

— וועסט טאַנצען פיליפ! — האָט אַלעק אַ געשריי געטון.

און ער כאַפט־אַרויס פון אונטער'ן קאַסטען זיין גרויסע, ברוינע פידעל וואַרפט זי אַרויף אויפ'ן אַקסעל און הויבט אָן שפילען...

— טאַנצען, טאַנצען! — שרייען־אויס־אַלע.

און פיליפ טאַנצט, שפאַרט צו איין האַנד צום אויער, די צווייטע האַנד אויף אַ זייט, און שטעהענדיג אויף איין אָרט, הויבט ער מיט'ן הינקענדיגען פוס, דרעהט מיט'ן קאָפ אין וואַקעלט זיך.

און אַלעק שפילט... און אין יעדען טאָן פון זיינע פאַלש־אָבגעלאָזענע סטרונעס הערט זיך דער נאַסער, נעפעלדיגער פאַרטאָג, הערט זיך די שכור'ע הייזעריגקייט.

צעלקע פערוואַרפט איהרע צולאָזענע האָר אַרונטער, כאַפּט אַרום פּטאַשעק'ן און לאָזט זיך מיט איהם אין טאַנץ; מאַנקאַ און וואַצעק פלעכטען זיך איין און אויף דער ערדער־נער פּאָדלאָגע פּאַטשען זייערע באָרוועסע פיס. הויבט זיך פיליפ, וואַקעלט זיך, פּאַטשט צו מיט די הענט:

— האָפּ! האָפּ!

און באַלד רייסט זיך צעלקע אַרויס, כאַפּט אַ פערבונ־דענע פּאַטשיילע, בינדט־אויף אַ גרויסע פלאַש בראָנפען און די חברה טרינקען.

אין דער טאַנץ ווערט שנעלער, ווילדער; די טענער פון אָלעק'ס פידעלע ווערען שפּרינגענדיגער, ראַשיגער; צעלקע ווילדעוועט, פאַלט אַרויף אויף אָלעק'ן, קושט איהם שנעל:

— די, הינטישער דייטש! כ'האָב דיך ליב. קומט, ברידער!

אַלע פלעכטען זיך איין אין איין קנויל און שטום, אָהן ווערטער, וויגען זיי זיך שכור, וויגען זיך...

נאָר אָט איז שוין טאָג! דער רעגען איז געדיכטער געוואָרען און דער ווינט יאָגט זיך קרום איבער די פעלדער. די עטליכע כאַטעס, וואָס האָבען זיך פון דערווייטענס גע־האַט אָנגעזעהן אין פעלד, זעהט מען נישט, זיי זענען פער־נעפּעלט, ווי זיי וואָלטען דורך דער נאַכט פערטראָגען געוואָרען...

ווי פערשלאָסען איז אַלץ אַרום.

נאָר אָט האָבען זיך די חברה צוטיילט—זיי האָבען דעם טאָג דערזעהן...

אין מיט ברייט־געעפענטע אויגען קוקט איינער אויפ'ן צווייטען, ווי זיי וואָלטען זיך פרעגען: וואָס?!

— ס'איז שוין טאָג!—שרייען־אויס אַלע מיט אַמאָל.

און עס ווערט שטיל...

— — — — — — — — — — — —

אָט האָבען זיך שוין וולאַדעק און אָלעק די קעלנער פון זייערע בלוזעס אויפגעשטעלט, די קעפּ אין די אַקסלען

אַריינגענורעט און שטיל, ווי די קעץ, אַרויסגעשלייכט זיך אין דרויסען, פערשוואונדען אויף דער שאָסע, פערטראָגען ערגעץ ווייט אין גרוי-וואַסעריגען נעפעל אַריין...

מאַנקאַ ליגט דעם קאָפּ פעררייסען און פון איהר האַלבּ-אָפען מויל טראָגט זיך אַ הייזעריג כאָרכלען.

פיליפּ ליגט שכּור נעבען איהר...

פּטאַשעק רוקט אַראָב זיין נאַסען, שטרויענעם קאַפּעליוש, שטעקט אַריין די הענד אין די הויזען-קעשענעס, נורעט איין דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען און געהט צו דער אָפענער טיר.

— מיין טייערער פּטאַשעק!—שפּרינגט-אויף צעלקע—דו געהסט, אויך אַוועק?!—און זי צוויינט זיך מיט אַ גרילציג, שיכּור געוויין...

און אין דרויסען יאָגט זיך קרום דער ווינד און וואָיעט ווי אַ חיה.

— — — — — — — — — — — —

פּטאַשעק געהט אָפּ אַ שטיקעל וועג. די נאַסע קעלט לעגט זיך אויף איהם שווער און דער קאָפּ טוט איהם וועה פון בראָנפען און נישט-שלאָפען...

נעבען אַ נאַסען, אויסגעווייקטען בוים אין דער זייט פון שאָסע שפּאַרט זיך אָן פּטאַשעק און פרעגט זיך אַליין:

— וואו זאָל איך געהן?—און דער ווינד גיט זיך אַ טראָג און ברענגט מיט זיך צעלקעס געוויין.

— וואו זאָל איך געהן?— פרעגט זיך נאָכאַמאָל פּטאַשעק און ער געהט ווייט-ווייט און פערשווינדט אין געדיכטען נעפעל...

1909

אַלטער פּאָמעראַנץ

דריי מיידלעך האָבען זיי צוזאַמען געוואוינט אין אַ צימערל. איינע איז געווען אַ גרויסע, אַן׳עלטערע, מיט אויסגעוויינטע אויגען און האָט אויסגעזעהן, ווי אַ נאַר=וואָס געשלאָגענע. מ׳האָט וועגען איהר דערצעהלט, אַז ערגעץ אין טיף=רוסלאַנד, פון וואַנען זי איז געקומען, פלעגט זי מאַכען עקספּראָפּראַציעס, דערנאָך זיך געליבט מיט אַ קריסט, אַ קאַפּעלמייסטער, וואָס איז געשטאָרבען, זיצענדיג אין טורמע פאַר פּאָליטישע חטאים...

די צווייטע איז געווען אַ קליינע, אַ שוואַרצע, פלעגט שטענדיג שפּעט אין אָוועגד אַהיימקומען, מיטברענגען מיט זיך פיעל טרוקענע זעמעל, שנעל דערצעהלען עפּעס אַ געשיכטע, וואָס האָט מיט איהר געטראָפען אין גאַס, דערביי די זעמעל אויפגעגעסען און צוריק אַוועק אין גאַס שפּאַצירען. זי איז געווען פון דער פּוילישער פּראָווינץ.

די דריטע איז געווען פריילין יוסטינאַ, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 18, אויך אַ פּוילישע, מיט העלע האָר און בלויע אויגען. זי האָט פלינק און קלוג גערעדט וועגען אַלץ. און ווען ס׳איז אויסגעקומען צו זיין מיט איהר אין שטוב, איז די לאָמפּ געווען האַלב=אַראָבגעדרעהט צוליב שטימונג. און ביי דער שטימונג האָט מען נישט=ווילענדיג געזונגען נאַדסאָנס

אומעטיגע לידער, גערעדט וועגן ליטעראַטור, ליבע, אָדער וועגן דעם, וואָס מען רעדט שוין היינט נישט...

צו די מיידלעך פלעגן קומען יונגע־לייט. איינעם פון זיי. האָט מען יעדן אָוונד געקאָנט טרעפן ביי פריילין יוסטינאַ, ווי זיי זיצן אין דער פינסטערער זייט צימער, שטיל רעדענדיג צווישען זיך. ער איז געווען אַ יונגער־מאַן פון אַ יאָר 35, אַ הויכער, מיט וואָנסען, מיט פערנעפעלטע אויגען אונטער דער פענסנע, שטענדיג אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצען ראָק מיט ווייסע מאַנזשעטען, וואָס האָבען איהם אויסגעצייכענט פון די איבעריגע יונגע־לייט אין צימערל...

אָט דעם יונגען־מאַן האָט מען גערופען אַלטער פּאָמעראַנץ. ער האָט גערעדט שטיל און געלאַסען און אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען פעסט און זיכער. ווען אַלטער פּאָמעראַנץ האָט גערעדט, פלעגען אַלע הערען און שווייגען. די איינציגע, וואָס האָט זיך געקאָנט אָברופען, ווען אַלטער האָט גערעדט, איז געווען יוסטינאַ. ווען ס'האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט פערענדיגט דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען, פלעגט ער אויף איהר דורך דער פענסנע לייכט צו שמייכלען, ווי אַ טאַטע, וואָס קוקט אויף א קליין קינד, ווען עס רעדט קלוגע רייד. וואָלט אַן'אַנדערער געזאָגט דאָס זעלבע, וואָלט איהם אַלטער מיט לאָגיק און מיט אַ סך פרעמד־ווערטער אויפגעוויזען, אַז וואָס ער רעדט איז נישט ריכטיג, אַז ס'קאָן אַזוי נישט זיין, און וואָלט זיכער געבליבען גערעכט...

אָפטמאָל, ווען אַ יונגער־מאַן האָט עפעס געזונגען,—געזונגען האָט ער, פערשטעהט זיך, אַז יוסטינאַ זאָל עס זיך אויסלערנען און איבערזינגען אויף איהר דין שטימעלע,—האָט יוסטינאַ געהערט און—געקוקט אויף אַלטער'ן, אַלטער אויפ'ן זינגער, און ס'איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז אַלטער האָט געדאַרפט זאָגען אַ מיינונג. און האָט דאָס ליד מיט דער מעלאָדיע געמעגט געשאַפען ווערען אין דער זעלבער מינוט, האָט אַלטער אַ פּאָר מינוט געשוויגען און דערנאָך, ווי צו זיך, גע־

רעדט: ס׳איז נישט קיין שלעכט ליד, נאָר ס׳איז געזונגען נישט ריכטיג...

אַז אַלטער פּאָמעראַנץ איז געווען אין טעאַטער מיט יוסטינאַ׳ן, פֿלעגט ער שפּעטער פאַר אַלע יונגע־לייט, און מיידלעך, וואָס זענען צוזאַמען אַרויפגעקומען, דערצעהלען וועגען דעם, וואָס זיי האָבען געזעהן אין טעאַטער. און כאָטש אַלע זענען געווען אין טעאַטער און געזעהן דאָס זעלבע וואָס אַלטער, דאָך האָבען אַלע זיך צוגעהערט, וואָס אַלטער רעדט און געבליבען איינשטימיג מיט איהם.

די יונגע־לייט, וואָס זענען געקומען אין צימערל, זענען אַלע געווען נישט־גלייכגילטיג צו יוסטינאַ׳ן, נאָר אין אַלטער׳ס געגענוואַרט האָבען זיך אַלע שלעכט געפיהלט.

צווישען די דאָזיגע יונגע־לייט איז געווען איינער, אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר 19, שמעון האָט מען איהם גערופען. ער איז געווען פון הויכען וואוקס, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגען. אָט דער שמעון האָט זיך נישט לאַנג בעקענט מיט יוסטינאַ׳ן. דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם געשטערט צו ער־קלערען זיך איהר אין ליעבע, איז געווען אַלטער פּאָמעראַנץ.

שמעון איז געקומען זעהר אָפט, כמעט יעדען אָוועגד, אַזוי, אַז אַלטער איז געווען אין זיין געגענוואַרט און יוסטינאַ האָט געזיפצט.

שמעון האָט געוואוסט, אַז ער שטערט דאָ עפּעס, נאָר נישט־קומען האָט ער נישט געקאָנט. די אַרומיגע האָבען גע־וואוסט, וואָס דאָ קומט־פאָר,—זיי האָבען עס געפיהלט אין דער שטימונג. שמעון׳ס קומען איז געווען אַנדערש, ווי יעדען אַנדערנס. ביז שפּעט אין אָוועגד פלעגט ער אָבזיצען, שווייגען אָדער אַ זיפּף טאָן. אַנדערע האָבען, אַוועקגעהענדיג, זיך געווענדט צו איהם:

— קומט, איהר געהט, שמעון?

— ניין, איך בלייב נאָך...

— קומט, ס׳איז שוין שפּעט!

דערויף האָט ער נישט געענטפערט...

יוסטינאַ האָט איהם אויך נישט געבעטען בלייבען, נאָר געקוקט מיט צושראָקענע אויגען אויף אַלטער׳ן. אין אַזעלכע מינוטען האָט שמעון געליטען. אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער האָט ערפאָלג ביי מיידלעך. אוןווירקליך: ער איז געווען אַ שעהנער בחור, געהאַט די נויטיגע רוהיגקייט און מעלאַנכאָליע, וואָס בעהערשט די מיידלעך אין יענע איינצעל־צימערלעך, וואו די לאָמפּ איז שטענדיג האַלב־אַראָבגעדרעהט.

*

איינמאָל, אין אַן אָוועגד, איז אַלטער פריהער פאַר אַלע אַוועק פון יוסטינאַ׳ן, אָבער דערפאַר איז שמעון אַהיימגע־גאַנגען אַ גליקליכער.

שוין אין אָנהויב אָוועגד איז אַלטער געזעסען, אַ שוויי־גענדיגער, אָבגערוקט פון יוסטינאַ׳ן. יוסטינאַ האָט געשמייכעלט און געזונגען עפּעס אַ מאָדנע ליעדעל, מיט אַ פרעמד־קלינגענ־דיגען שטימעלע. שמעון איז מיטגעווען.

באַלד, ווי ער איז געקומען, האָט ער דערפיהלט, אַז יוסטינאַ איז גוטמוטיג צו איהם. זי האָט איהם דערצעהלט אַ לאַנגע געשיכטע און דערנאָך, ווען ער האָט איהר עפּעס דער־צעהלט, האָט זי פיעל געלאַכט.

אַלטער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, נאָר ווען יוסטינאַ האָט אַרויסגענומען זיין זייגער (אַלטער האָט איהר געגעבען זיין זייגער צום טראָגען) און געגעבען איהם שמעונ׳ען צו־צוזיהען, האָט אַלטער נערוועז אויסגעשריגען:

— גיט אַהער דעם זייגער,—איהר וועט איהם צוברעכען!

— נאַט אייך, נאַט אייך; אַז איהר האָט אַזוי מורא פאַר׳ן זייגער!—האָט זיך יוסטינאַ קאָקעטיש גע׳ברוגז׳ט און פאָרזיכטיג אַריינגעלעגט איהם דעם זייגער אין האַנד אַריין, נישט קוקענדיג אויף איהם. און באַלד נאָכדעם האָט זי זיך צוקלונגען אין אַ פרעמד געלעכטער. אַזוי לאַכען אַלע מיידלעך אין דער געגענוואַרט פון אַזאַ איינעם, וואָס זיי הערען אויף ליעב צו האָבען. דערנאָך איז אויף לאַנג געוואָרען שטיל,

נאָר פון צייט צו צייט האָט יוסטינאַ געפּרובט זינגען אַ ליעדעלע און געקוקט מיט איין אויג אויף אַלטער׳ן, גלייך ווי זי וואָלט איהם געוואָלט אויף עפּעס אַרויסרופען...

אַלטער האָט נאָך אַלץ געשוויגען.

ער האָט געפיהלט, אַז ער הויבט אָן צו פערלירען די רוה, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט גוט געפיהלט. ער האָט פון צייט צו צייט אַ קוק געטון אויף שמעונ׳ען און יעגער איז אין זיינע אויגען ווי גרעסער געוואָרען. ער האָט געפיהלט, אַז יוסטינאַ איז פון איהם שוין ווייט. פאַר איהם איז דאָס נישט ניי געווען. ער איז צווייי מאָל אַזוי אַלט ווי שמעון און נישט איין מאָל איז איהם שוין אויסגעקומען צו זעהן, ווי דאָס, וואָס ער האָט ליעב מיט זיין גאַנצער רוהיגקייט און ניכטערקייט, פערשווינט פון איהם פערגעהט ווי די זון; און תמיד צוליעב אַזעלכע שמעונ׳ס. זיין טרייסט איז שטענדיג געווען אין זיין זיכערקייט, — אַז ער גיז גערעכט. און כאָטש אַ שאַרפער ווערהטאָג האָט זיין האַרץ ענאָגט, האָט ער זיך דאָך געוואָלט אנערייידען אַז דאָס אַלץ איז אַ קינדער־שפּיל...

ער האָט אַ קוק־געטון אויף יוסטינא׳ן, -- זי איז געזעסען שטיל, אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, אין אַפּירגעקוקט פון אינטער איהרע צולאָזענע האָר אויף שמעונ׳ען. טרערען האָבען איהם אָנגעהויבען שטיקען אין האַלז, ער האָט זיך אויפגעהויבען געוואָלט עפּעס רעדען, נאָר צוליעב מורא, ער זאָל נישט אַרויסווייגען, האָט ער טיעף אָפּגעצטעמט און דערנאָך ווי געשטאַמעלט:

— יוסטינאַ... כ׳דאַרף מיט אייך רעדען... אַ פּאָר ווערטער...

יוסטינאַ האָט געשוויגען.

— איהר קאָנט... — האָט ער אָנגעהויבען און געבליבען אָהן אָטעם. יוסטינאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און אויסגעצויגען זיך פויל מיט די הענד אין דער הויך:

— אפשר, שטער איך אייך עפּעס?... — האָט זיך שמעון אָבגערופען.

— ניין, ניין! _ האָט יוסטונאַ שנעל געענטפערט און באַלד:

— נו, זאָגט, פאַניע פּאָמעראַנץ...—און האָט אויף איהם אַ קוק געטון אַזוי, ווי עס קוקט אַ קראַנק פייגעלע.

— יוסטינאַ...—האָט אַלטער אַרויסגעשטאַמעלט—יוסטינאַ... איך געה אַוועק פון דאַנען, איך ווייס, אַז כ׳בין אייך מעהר נישט נויטיג...

— ע, איך האָב נישט ליעב אַזעלכע זאַכען! פאַרוואָס זענט איהר אַזוי?...—האָט יוסטינאַ מיט אַ צומישטען בליק סתם אין דער לופט אַריין געקוקט און אויסגעזעהן, ווי אַ קליין קינד, וואָס קלויבט זיך וויינען...

אַלטער האָט נאָך עפּעס געוואָלט רעדען, נאָר פלוצלינג האָט איהם יוסטינאַ׳ס פּנים ווי איבערגעשראָקען. אין איהר קינדיש-קרענקליכען פּנים האָט ער דערזעהן טיעפע זיכערקייט, און אָט די זיכערקייט האָט איהם געגעבען צו פיהלען, אַז זי האָט איהם איצט פיינט. נישט זעהענדיג פאַר זיך קיין שום זאַך, ווי מיט פערמאַכטע אויגען, איז ער פון צימער אַרויס...

און ביינאַכט, ווען אַלע דריי מיידלעך זענען געלעגען אין די בעטלעך, האָט שוין יוסטינאַ נישט דערצעהלט, ווי אַלעמאָל, אַז אַלטער איז אַ קלוגער, אינטערעסאנטער מענש. היינט האָט זי געפרעגט, צי זיי—די מיידלעך—האָבען בעמערקט, וואָסערע אויגען שמעון האָט. איינע פון די מיידלעך, די עלטערע, האָט זיך איינגעגראָבען אין קישען און מיט אַ ווייבענדיגער שטים גע׳טענה׳ט, אַז שמעון איז נאָך אַ יונגעל, אַז זי האָט ליעב צו פערברענגען מיט אַ מענשען און אַלטער געפעהלט איהר זעהר. נאָר אין געדאַנק איז זי בייז געווען אויף אַלטער׳ן, וואָס ער פערדרעהט זיך דעם קאָפּ מיט אַזעלכע לייכטזיניגע מיידלעך, ווי יוסטינאַ. און געקלערט האָט זי וועגען דעם, אַז יוסטינאַ איז שוין פערליעבט אין שמעונ׳ען...

קוים האָט אַלטער הינטער זיך פערמאַכט יוסטינאַ׳ס טיר, האָט ער זיך דערפיהלט שרעקליך עלענד. אַראָבגעהענדיג פון די טרעפּ, האָט ער געשפּירט אַ שאַרפען וועהטאָג. ער האָט זיך

פֿאָרגעשטעלט אַ ביִלד, וואָס האָט איִהם בעליידיִגט און דערניִדעריִגט: ס׳האָט זיִך איִהם געדאַכט, אַז וויִ נאָר ער האָט די טיר פֿערמאַכט, זענען זיי, יוסטיִנאַ מיִט שמעון׳ען, אויפגעשפרונגען איִן אַ געלעכטער; אַז שמעון מיִט יוסטינאַ׳ן זענען איִצט אַזוי נאָהנט! איִהם האָט עס וועה געטון, ער האָט חרטה געהאַט אויף די אַלע פיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט פֿאַר יוסטיִנאַ׳ן אַרויסגערעדט: איִהם האָט זיִך געדאַכט, אַז זיי לאַכען איצט פֿון יעדען וואָרט זיינעם.

איִן דרויסען האָט איצט געסמאַליעט אַ טרוקען פֿרעסטעל, אַ שאַרף וויִנטעל האָט איהם אַ שטאָך געטון איִן פּנים,—נאָר אַלטער האָט עס כמעט וויִ ניִשט געפֿיהלט. ער האָט איִצט גע׳חזר׳ט די שאַרפּסטע אַפּאָריזמען געגען פּויען, וואָס ער האָט ווען עס איז געלעזען ביי פֿערשיִעדענע דענקער... און אַזוי טראַכטענדיִג און חזר׳נדיִג, איִז ער צוגעקומען צום טויער, וואו ער האָט געוואוינט.

ס׳האָט זיִך איִהם ניִשט געוואָלט אַריינגעהן איִן זיין איינזאַם צימערל, וואו ער האָט געוואוינט מיט נאָך איינעם, אויך אַן׳עלטערען בחור, וואָס איז אַמאָל געווען איִן פּאַריִז און האָט ביינאַכט פֿון שלאָף גערעדט פֿראַנצויזיִש...

יוען דער סטרוזש האָט איִהם געעפֿענט דעם טויער, האָט ער גערעדט צום סטרוזש וועגען דעם: אַז ס׳איז איִצט אַ גאַנץ גוט וועטער און, ווען ס׳וואָלט ניִשט געווען אַזוי שפּעט, איז גאַנץ גוט צו געהן שפּאַציִרען. דער סטרוזש האָט איִהם מיט אַ פֿערשלאָפֿען ביי־קול געענטפֿערט: אַז מען קען יאָ געהן און ניִשט געהן, אַז ס׳איז אַ היִנטיש לעבען—גאַנצע טעג לאָזט מען קיין אויג ניִשט צוטון...

אַריינקומענדיִג איִן שטוב, האָט אַלטער שוין געטראָפֿען זיין מיטוואוינער איִן בעט. יענער איִז שוין האַלב־געשלאָפֿען, נאָר הערענדיִג עפֿענען די טיר, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געפֿרעגט אַלטער׳ן, וויִ שפּעט ס׳איִז שוין. אַלטער האָט דעם זייגער אַרויסגענומען און צוגעגאַנגען צום ליכט, וואָס האָט געברענט אויפ׳ן טישעל. נאָר ווי ער האָט

אַ קוק געטון אויפ׳ן זייגער, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יוסטינאַ׳ן. אַנ׳אַנדער מאָל וואָלט איצט דער זייגער געווען ביי יוסטינאַ׳ן אויף דעם שוואַרצען שנירעל אַרום דעם האַלז און פֿערשטעקט ביי דער זייט טאַליע. ס׳האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער זייגער איז שולדיג אין עפּעס און, געבענדיג איהם אַ דרעה פֿון ביידע זייטען, האָט ער נערוועז אַרויסגערעדט:

— ד״ר טייוועל ווייס איהם, מ׳האָט איהם איבערגעדרעהט; ער שטעהט שוין, דאַכט זיך, גאָר...

דאָס איז געווען אַ ליגען. דער זייגער האָט געקלאַפּט און געוויגט זיך, נאָר אַלטער׳ן האָט געערגערט זיין קלאַפּען. ער האָט אַ כאַפּ געטון עפּעס אַ בריף, וואָס איז שוין געלעגען אַ גאַנצע וואָך, און תּאָט אים באַלד צוריק אַוועקגעלעגט. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו זיין מיטוואוינער, וואָס האָט זיך שוין מיט אַ קרעכץ געהאט איינגעוויקעלט אין דער קאָלדרע און אויסגעדרעהט צו דער וואַנד אויף ענטשלאָפען צו ווערען:

— קרייקין, איר זענט שוין לאַנג דאָ? נישט געווען קיי־בער?

— געווען דאָ עפּעס איינע, אַן אַלטע מויד, זעהט אויס; געזאָגט, אַז זי הייסט סאָניא דאווידאָווסקאיאַ; אַ שאָד, וואָס זי האָט אייך נישט געטראָפען און אַ הערצליכען גרוס...

— ווי? סאָניאַ דאווידאָווסקאיאַ? אהאַ!

— וואָס, איר קענט זי?

— כ׳ווייס... אַלע פּאָר מאָנאַטען קומט זי צוגעהן, ברענגט מיר גרוסען פֿון מיינע אייגענע און זאָגט, אַז זי איז מיינע אַ קוזינע...

קרייקין האָט אַ זיפּץ געטון און מיט אַ געהיימניספולען טאָן נאָר געזאָגט:

— יאָ, יאָ! ווער ווייסט, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ פרוי....

דערנאָך האָט זיך אַלטער אוועקגעזעצט, אַ ביסעל געקלערט און געזאָגט: יאָ, יאָ, אַזוי איז עס... און אויסגעטון זיך, אראָפּ־גענומען די פּענסנע, פֿערלאָשען דאָס ליכט און זיך געלייגט

אויף׳ן בעטעל, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגען קרייקינ׳ס. אויס־ציהענדיג זיך גלייך אין בעטעל, האָט ער בעשלאָסען, אַז אַזוי ליגענדיג וועט ער בעקלערען, וואָס ער דאַרף טון; צי זאָל ער נאָך געהן צו יוסטינאַ׳ן, ווירקען אויף איהר, זי זאָל אויפהערען די קינדער־שפּיל, איהר לייכטזיניגקייט, אָדער ער זאָל מעהר איהר שווע׳ נישט איבערטרעטען און אָנהויבען צוריק אַ נאָרמאַל לעבען...

— קרייקין! — רופט ער — וואָס זאָגט איהר קרייקין, איז ווירקליך נישטאָ קיין איין פרוי, וואָס זאָל אַ חוץ דעם זיין אַ מענש אויך?...

— נישטאָ, נישטאָ! — האָט קרייקין שנעל, מיט אַ פּרעמדער שטים, אויסגעשריגען און דערביי צוגעגעבען אונטער דער נאָז אויף פראַנצויז...

— נישטאָ, זאָגט איהר?... — האָט אַלטער נאָכגעדענקט — נישטאָ...

קרייקין, וועלכער האָט נישט ליעב געהאַט צו רעדען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, האָט זיך איצט פלוצלינג האַלב־אויפגעזעצט צו אַלטער׳ן:

— איר פערשטעהט, איך דערצעהל אייך דאָ נישט קיין נסים: פרויען... איך קען זיי גוט! פּאַריז... איהר ווייסט, פּאַריזער פרויען, אָהאָ...

אַלטער האָט געוואוסט, אַז קוים האָט קרייקין נאָר דערמאָנט דאָס וואָרט פּאַריז, וועט באַלד נאָכקומען אַ גאַנצע געגעשיכטע מיט פראַנצויז, וואָס ער האָט נישט פערשטאַנען. און איהם האָט זיך איצט נישט געוואָלט הערען קרייקינען רעדען. ער האָט געוואָלט ועדען פון זיך. דערפאַר האָט ער איצט שנעלער ווי אַלעמאָל גערעדט:

— פערשטעהט איהר מיך, קרייקין, איך בין אַ מענש, וואָס האָט פיינט די אַלע שפּילעכלעך: ליעב — נישט־ליעב. כ׳האָב ליעב צו נעמען יעדע זאַך קלאָר און ניכטער. איהר פערשטעהט? איך קען אַ מיידעל. שאַט, דאַכט זיך, איהר האָט זי געזעהען מיט מיר אין טעאַטער. יאָ! איהר געדענקט?...

— אַהאַ, איך געדענק! — האָט קרייקין שנעל געענטפערט — איך געדענק! נאָר לאָמיך אייך דערצעהלען: ווען איך בין געווען אין פּאַריז...

— אַך, וואָס פאַר אַ מאָדנע מענש איהר זענט... איך דערצעהל אייך אַ פאַקט, איבער וועלכען מען מוז ערנסט דענקען און איהר — שטענדיג מיט אײַער פּאַריז!

אַלטער האָט געפיהלט, אַז יעדער נערוו זיינער האָט אויפגעצאַפּעלט געגען דעם, וואָס ס'איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל איהם אויסהערען און פערשטעהן, און האָט אָנגעהויבען רעדען אַזוי ווי איינער, וואָס רעדט צו זיך אַליין:

— איך קען אַ מיידעל, אין וועלכער איך האָב געפונען אינטעלעקט, דאָס הייסט: כ'האָב געפונען אין איהר אַ האַרץ, וואָס איר מיר נאָהנט.

— דאָס הייסט, איהר האָט זיך אין איהר פערליעבט!... — האָט קרייקין אַ געניץ געטוהן.

— ווייטער פערליעבט! — האָט זיך אַלטער געערגערט — וואָס הייסט פערליעבט? איז דען נישטאָ קיין אַנדער אויסדרוק? יאָ, ס'קען זיין, ס'איז ליעבע, אָבער נישט דאָס, וואָס איהר רופט אָן ליעבע! — האָט אַלטער כמעט געשריגען — ברידערליכע ליעבע, ברידערליכע געפיהלען, איהר פערשטעהט? כ'האָב מיט איהר געקאָנט רעדען וועגען אַלץ און כ'האָב גערעכענט זיך פערבינדען מיט איהר און מיט איהר דורכגעהן מיין לעבען.

— חתונה האָבען! — האָט קרייקין נאָך אַמאָל אַ געניץ געטוהן און ווילענדיג, אַז אַלטער זאָל שנעלער ענדיגען, האָט ער צוגעגעבען:

— נו?

— נו, און איצט האָב איך זיך ענטוישט.

— צוליעב וואָס?

— צוליעב וואָס? — אַלטער האָט אַ מינוט געקלערט — איך פערשטעה נישט, כ'האָב פערלוירען דעם אינטערעס צו איהר, כ'האָב דערפילט, אַז זי הערט מיך נישט מעהר און איך בין איהר מעהר נישט נייטיג.

— קאַלט געוואָרען...

— קאַ׳ט — נישט־קאַלט, דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטען... כ׳האָב דערפֿילט, אַז זי האָט זיך געענדערט צו מיר.

— נו, און איצט?

— איצט... — אַלטער האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגען און געקלערט וועגען שמעון׳ען, דערנאָך האָט ער שטיל געענטפֿערט: — פֿערשטעהט זיך, אַז דאָ איז אַריינגעמישט אַ דריטע פּערזאָן. כ׳ווייס, עפּעס אַ לײַכטזיניג יונגעל! כ׳גלייב נישט, אַז דאָס זאָל עס זיין...

— כאַ־כאַ־כאַ! איהר גלייבט נישט? — האָט זיך קרייקין צולאַכט — איהר גלייבט נישט? איהר מעגט זיין זיכער, אין פּאַריז טרעפֿט עס זיך אויף יעדען שריט. אָט פֿרעגט מיך...

און דאָ האָט קרייקין אָנגעהויבען דערצעהלען אַ געשיכטע פֿון פּאַריז: ווי ער איז איינמאָל ביינאַכט געגאַנגען, איז צו איהם צוגעקומען אַ פֿרוי און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זי אָפּפֿירען אַהיים. איז ער געגאַנגען צו איהר אַהיים... דערצו האָט ער איבערגעגעבען זייער געשפּרעך אויף פֿראַנצויז און דערצעהלט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען אַלטער האָט איך צובייזערט און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל איהם מעהר נישט דערצעהלען אַזעלכע מעשיות, ווייל, ערשטענס, איז ער נישט קיין יונגעלע און, צווייטענס, גלייבט ער איהם נישט און קיין שום אָנשטענדיגע פֿרוי וועט נישט טון אַזאַ זאַך...

— אנשטענדיגע! — האָט זיך קרייקין שפּאָטיש צולאַכט — וואו האָט איהר אָנשטענדיגע פֿרויען?... דערצו נאָך אין פּאַריז, כאַ־כאַ־כאַ! כ׳וועל אייך דערצעהלען נאָך אַ פֿאַקט, איהר וועט מיר זיכער נישט גלייבען...

נאָר אַלטער האָט שוין מעהר נישט געוואָלט הערען, וואָס קרייקין דערצעהלט און, קלערענדיג וועגען דעם, אַז ער איז אַזוי איינזאַם און ס׳איז נישטאָ קיין איינציגער מענש, וואָס זאָל איהם שעצען און פֿערשטעהן, איז ער איינגעשלאָפֿען...

ס'איז אַוועק דער ווינטער און די טעג האָבן אָנגעהויבן ווערן וואַרימער. אַלטער איז אין אָוועגדען געזעסן ביים פענסטער און נישט געגאַנגען אין ערגיץ: ס'איז איהם נישט גוט געווען אַליין צו געהן אין גאַס. דערהויפט האָט ער זיך נישט געוואָלט טרעפען מיט יוסטינאַ'ן

איין אָוועגד איז ער אין שטאָט־גאָרטען אַריין, האָט ער געטראָפען יוסטינאַ'ן מיט שמעונ'ען. ער ווייס נישט, צי זיי האָבען איהם געזעהן. ער האָט זיי אָבער געזעהן פון דער ווייטענס. יוסטינאַ האָט געהאַלטען שמעונ'ס אָרעם און אַלטער איז אַוועק אָן אַ זייט, ער זאָל זיך מיט זיי נישט טרעפען. אַ פרעמדער, ווייטער וועהטאָג האָט איהם דעמאָלט אַרומגענומען. יענע גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפען. ער האָט אויפגעזוכט זיינס אַ טאָג־בוך, וואָס ער האָט געפיהרט נאָך אין די יונגע יאָהרען, און האָט דערין אַריינגעשריבען עטליכע בלעטער. ערשט דעמאָלט איז איהם אַביסעל גרינגער געוואָרען. דאַן האָט ער בעשלאָסען אויסצומיידען בעגעגענישען מיט יוסטינאַ'ן..

אַלטער האָט געהאַט פערשידענע פלענער וועגען זומער. געטראַכט אַרויסצופאָהרען אויף אַ זומער וואוינונג, קויפען זיך אַ שטרויענעם הוט און דורכלעבען דעם זומער אַזוי, אַז ער זאָל צוריק צונעמען דאָס געזונד, וואָס ער האָט ווינטער פערלוירען

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפען קרייקינ'ען גאָר אַ נייעם מענשען. ער איז געווען אָנגעטון אין העלע הויזען מיט אַ העלען הוט. זיין שטענדיג געל פנים, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי פון טרוקען האָלץ, האָט איצט געשיינט. ער האָט געהאַלטען די הענד אין די הויזען־קעשענעס, געלאַכט און גערעדט וועגען דעם, אַז ס'איז אמת'ער זומער און מען קען שוין טראָגען העלע קליידער. קוקענדיג אויף קרייקינען האָט אַלטער געקלערט: „אָט אַ מענש

געניסט פֿונ׳ם לעבען, כאָטש מען דאַרף אין זיך נישט האָבען קיין איין פונק מענשליכקייט, אויף אָנצוטון אַזעלכע העלע הויזען"... קרייקין האָט דערוויל אויפֿגעפּאַקט אַ פּעקעל, וואו ס׳האָבען זיך געפֿונען עטליכע צעהנדליג אַלטע קראַוואַטען. ער האָט געזוכט אַ קראַוואַט, וואָס זאָל פּאַסען צו די העלע קליי-דער.

— וואָס זאָגט איהר צו דעם קראַוואַט? איהר מיינט, אַז ס׳איז אַ היגער? איהר וועט איהם דאָ נישט קריגען; ס׳איז פֿון פּאַריז, פֿון די גוטע צייטען!...

— עט קלייניגקייטען, — האָט אַלטער געענטפֿערט, קלע-רענדיג וועגען עפּעס אַנדערש — שפּיעלט דען אַ ראָליע, וואָס פאַר אַ קראַוואַט?...

— שפּיעלט אַ ראָליע, זאָגט איהר? דאָס זענט איהר אַזאַ אָפּגעלאָזענער מענש. איך האָב ליעב זיך אָנצוטון מיט גע-שמאַק! — האָט קרייקין גערעדט, בינדענדיג אַ גרויסען, ווייסען שלייף.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער זומער האָט שוין געהאַלטען ביי סוף. דער דרוי-סען האָט זיך שוין געבלאָטיגט אויף הערבסט און קורצע, אויסגעגלייכטע טעג האָבען צו אַלטער׳ן אין פענסטער אַריינ-געקוקט.

דער זומער איז פֿאַר אַלטער׳ן געווען אַ שווערער, ער האָט זיך געפֿיהלט שלעכט אין געזונד, זיין שוואַרצער ראָק איז אויף איהם ברייט געוואָרען און זיינע האָר האָבען זיך אָנגעהוֹיבען ביי די זייטען צו גרויען.

ער איז איצט געזעסען אין זיין צימערל און געקלערט וועגען דעם זומער, וואָס איז — ווי איהם האָט זיך געדאַכט — אַזוי שנעל אַרורכגעלאָפֿען.

— וואָס איז אַ זומער? — האָט ער געקלערט — דאָס זע-נען עטליכע ליכטיגע מאָנאַטען פֿון זון. — און וויפֿיעל האָפֿנונג און ערוואַרטונגען האָבען אָנגעפֿילט זיין ברוסט אָנהויב-זומער, ווען ער האָט געקלערט אַרויסצופֿאָרען אויף אַ זומער-וואוינונג,

זיין אויף דער נאַטור, עטעמען מיט פרייער לופט...

ווענן יוסטינאַ׳ן האָט ער ווייניג געטראַכט. כמעט אַ מורא האָב איהם אַרומגענומען, ווען ער האָט זיך נאָר דער־נעהנטערט צום געדאַנק וועגען איהר. אָט, ווי אַ קראַנקער, וואָס בעהאַלט זיך פאַר זיין וואונד און האָט־מורא אָנצוריהרען זיין אָנגעווייטאָגט לייב....

אַלטער איז געזעסען נעבען פענסטער און געקוקט אויפ׳ן קעגענאיבערדיגען הויז, וואו ער האָט געקאָנט זעהן אַ שטיקעל הימעל איבער׳ן דאַך. די זון איז הינטער אַ וואָלקען פערגאַנ־גען און אַ רויט־ברענענדיגער שטויב האָט זיך דורכ׳ן פינסטע־רען וואָלקען־קאַנט אַרויסגעשיט. אין צימערעל האָט זיך גע־טונקעלט. אַלטער האָט געקוקט אויפ׳ן שטיק הימעל, וואָס האָט אַלע מאָל געביטען זיינע פאַרבען, און געפיהלט, ווי אַ מידער דרימעל צוגיסט זיך אין איהם. פאַר זיינע אויגען איז אויפגע־שוואומען יוסטינאַ. ווייט און שטיל האָט זי זיך פאַר איהם אַדורכגעטראָגען, ווי אַ ווייט געזאַנג פון ווייטע, קלאָרע ליכ־טיגקייטען...

...שטיל האָט זיך די טיר געעפענט און אויפ׳ן שוועל שטעהט יוסטינאַ...

— „אַלטער, זאָגט מיר עפּעס, איהר רעדט אַזוי שעהן, אַזוי טיעף"...

— „יוסטינאַ, ווי איינזאַם איך בין, ווי האָב איך גע־בענקט נאָך אייך"...

— „אַלטער, איהר זענט דער איינציגער מענש, וועלכען איך ליעב"...

— „יוסטינאַ, זעצט אייך דאָ, נעבען מיר... כ׳וועל אייך דערצעהלען, ווי מיר איז שווער אָהן אייך, ווי איינזאַם איך בין. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז איך לעב די לעצטע טעג, איך וועל שטאַרבען"...

— „ניין, ניין, אַלטער, איהר וועט לעבען"...

און טרעהרען פליסען אַזוי עטל פון איהרע אויגען.

— „אַך, יוסטינאַ! מיין איינציגע... איינציגע"...

און אַלטער ווײנט. דאָס האַרץ ציהט, קלעמט. ווי שווער איז יעדע טרער!

אַלטער פּאָמעראַנץ ווײנט. ס'איז איהם אַזוי גוט צו ווײנען, גלײך ווי קנוילען וועהטאָגליכע בענקשאַפט וואָלטען אײנציגווײז אַרויסגעטריבּט פון זײנע אויגען.

יעדער מענש מוז כאָטש אײן מאָל אין זײן לעבען אַזוי ווײנען. דער הענדלער אויף דער גאַס, דער מערדער אין געפענגעניש און אַלטער פּאָמעראַנץ פאַר יוסטינאַ'ס טרערען, וועלכע ער האָט נאָר אין חלום געזעהן...

1911.

מירעל

אַ זומערדיגער פֿאַרנאַכט.

פֿון יענער זייט דאָרף האָט די זון זיך אַראָפּגעלאָזט איבער'ן וואַלד און רויטע, שטיל=גליהענדיגע פֿלאַמען האָבען פֿאַרכאַפּט דעם הימעל, ביז אין דער העלפֿט.

דער רויט=צופֿלאַמטער הימעל האָט געבלענדט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער צעגיסט זיך, צושפּרייט זיך וואָס אַמאָל מער; באַלד וועט ער פֿערכאַפּען דעם גאַנצען הימעל=ראַנד.

צווישען די רויטע פֿלאַמען איז געשוואומען די זון, ווי אַ רונדיג=בלויער פֿלאַם, גערעהמט אין אַ גאָלד=צעגליהטער רייף; און געדאַכט האָט זיך, אַז דער גאַנצער זון=אונטערגאַנג לאַכט מיט אַ רויטען=גאָלד=צעגליהטען געלעכטער.

אָט האָט שוין אַ קיהל ווינטעל אַ בלאָז געטון געגען דער פֿערגאַנגענער זון און אַ לייכטער טוי=נעפּעל האָט זיך געלייגט אויף די ווייטע פֿעלדער.

אויף די שוואַרץ=פֿעררויכערטע קוימענס פֿון די נידעריגע הייזלעך מיט די גרין=שטרויענע דעכער, האָבען זיך געלייגט רויטע, גאָלדענע פּאַסען און די קליינע, דאָרפֿישע פֿענסטער=שויבען האָבען געפֿינקעלט ווי רויטע, בלענדענדע שפּיגלען.

אויף אַ שמאָל זאַמד=שטעגעל, וואָס איז געווען איינגע=

פֿאַסט צווישען ברייטע געל־פֿערגילדטע קאַסטענעס קאָרן, איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט מירעל, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, אין דער האַנד אַ קליין, רויט שירעמעל. איהר לענגליך ראָז פּנים איז געווען בעלויכטען פֿונ׳ם זון־אונטערגאַנג און האָט אָפּגע־שלאָגען מיט ליִלאַ־בלויע, בלענדענדע גאָלד־פֿאַרבען.

זי הויבט פּלוצלים אָן געהן לאַנגזאַמער. עפּעס גלויבט זיך איהר נישט, נאָר זי דערמאָנט זיך, ווי נחומ׳קע איז צוגע־גאַנגען צו איהר און שטיל אין אויער אַריין געזאָגט: „וועסטו קומען, מירעל? כ׳וועל זיצען און וואַרטען אויף דיר אונטער דער תּליה״.

זי האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳ט פֿון דער היים, דער טאַטע זאָל נישט וויסען, וואו זי געהט...

זי געהט שנעל, און שפּאַנט איבער׳ן בריקעל. אונטער׳ן בריקעל בלאַנקט שטיל דאָס טייכעל. זי זעהט, ווי איהר רויט שירעמעל שפּיגעלט זיך אין וואַסער און בעפֿאַרבט רויט די פּאַליעס, וואָס לעגען זיך, גיסען זיך איינע איבער דער אַנדערער.

פֿון דער ווייטענס דערזעהט זי דעם וואַלד. איבער די וואַלד־שפּיצען הענגט נאָך אַ שמאָלער, רויט גליהענדער פּאַס. אַרום איז טונקעלער געוואָרען, די נאַכט רוקט זיך אָן. ס׳איז שטיל, נאָר צייטענווייז הערט זיך אַ שווישטש פֿון אַ פֿויגעל.

נחומ׳קע גנבו — לויפֿט אַדורך מירל׳ען אַ געדאַנק, ווי עמיצער וואָלט עס איהר אין אויער אַריין געזאָגט.

— יאָ, נחומ׳קע גנבו — צו איהם געהט איצט מירעל. און זי דערמאָהנט זיך, ווי דער סטראַזשניק האָט איהם גע־פֿיהרט, די הענד פֿערבונדען אַרונטער, און אַלע האָבען צוגע־שאָקעלט מיט די קעפּ:

— אַ שעהנע כּפּרה:

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט צוגע׳גנב׳עט ביי וויקטאָר׳ן דעם „גאָספּאָדאַזש״ אַ קעסטעלע מיט געלד. דריי חדשים איז ער געזעסען, דערנאָך איז ער געקומען.

זי ווערט טרויעריג, לאָזט אַראָב די אויגען, גיט אַ יקלאַפּ מיט׳ן שירעמעל אָן דער ערד און בעשליסט ביי זיך

„פון היינט אָן!“ היינט וועט זי איהם זאָגען:

— פּאָלג מיך, וואָס טויג עס דיר, נחומ׳קע? זוך זיך אויס עפּעס אַנ׳אַרבייט!

און ס׳נעמט זי אַרום אַזאַ וואַרימקייט; זי פּערגעסט עס באַלד און דערמאָנט זיך:

ער וועט זיין! ער וועט וואַרטען אויף מיר, יאָ!

דערווייל איז שוין אויסגעלאָשען דער לעצטער פייער־פּאַס פון׳ם זון־אונטערגאַנג און אויפ׳ן קיהלען, טונקעלען נאַכט־הימעל האָבען זיך בעוויזען איינצעלנע שטערען. אין אַ שוואַרץ־בלויליכען שלייער האָט זיך פּערהילט דער וואַלד און אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט, האָט זיך דערוועקט דאָס קוואַקעריי פון די זשאַבעס...

אָט איז זי שוין נעבען וואַלד. זי זעהט שוין דעם ערשטען, ריזיגען סאָסנע־בוים, דעם ערשטען אין וואַלד.

אָט ביי דעם בוים האָט זי זיך מיט נחומ׳קען בעשטעלט. די „תליה“, רופט מען איהם, ווייל אויף איהם האָט זיך געהאָנגען דעם פריצ׳ס פּאַסטוך „יאַנאָש“. זי צילט־אָן איהר בליק אויפ׳ן בוים: ער איז העכער פון אַלע בוימער. מיט שוואַרצע, ווי אין קראַמפּען געדרעהטע צווייגען, שניידט ער זיך אין טונקעלען הימעל אַריין... און זי בלייבט שטעהן אַ מינוט. עפּעס האָט זיך מירעל דערשראָקען: אויף דעם בוים האָט זיך אַ מענש געהאָנגען! אַלע האָבען מורא אַדורכצוגעהן פּאַרביי דעם בוים ביינאַכט.

נאָר באַלד, הויבט זי אָן געהן שנעלער.

ער וועט וואַרטען! — פליהט איהר אַדורך אַ געדאַנק און זי געהט ווייטער און פערשווינדט אין דער געדיכטער אָווענד־טונקעלקייט.

*

— מירעלע! — הערט זי הינטער זיך, נישט וויסענדיג פון וואַנען און ווער עס רעדט.

נאָר באַלד האָט זי דערקענט נחומ׳קעס שטימע און געענטפערט:

— נחומקע!?

נחום׳קע איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי אַרומ־גענומען.

— דורך וואַנען ביסטו געקומען? — האָט מירעל געפרעגט.

— גלייך מיט׳ן וועג! — האָט איהר נחום׳קע געענטפערט, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען אַריין.

מירעלען האָט עפּעס שווער אַ דרוק געטון. זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך אונטערגע׳גנב׳עט, ווייל איידער ער איז צוגעקומען האָט זי אפילו קיין מענשליכען אָטעם נישט געהערט. קוקענדיג אָן אַ זייט, האָט זי פערקלערט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָב איך נישט געהערט ווי דו געהסט?

— צו וואָס דאַרף מען הערען? — האָט איהר נחום׳קע געענטפערט.

ער האָט גענומען איהר פּנים אין זיינע הענד און איהר אַ קוש געטון.

מירעל האָט אָבגעריסען זיינע הענד פון איהר פּנים און אָבגעקעהרט זיך פון איהם.

— קום, מירעל, מיר וועלען זיך אַוועקזעצען! — האָט נחום׳קע געזאָגט.

זיי האָבען זיך געזעצט אונטער דער „תּליה״ און אַרום אין פעלד, אין וואַלד איז געווען אַזוי פינסטער און די גרינ־גאָלדענע שטערען אויפ׳ן הימעל האָבען געציטערט; געדאַכט האָט זיך, אַז אין דער פינזטערניש, וואָס האָט געהאָנגען איבער פעלד און וואַלד, קוקען אַריין טויזענדער בייגעריגע אויגען, ווי זיי וואָלטען עפּעס זוכען אין דעם ברייטען, פינ־סטערען ראַנד.

שטיל איז געווען. זעלטען האָבען די בוימער זיך צו־וויגט, פון אַ ווינטעל, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטון, און באַלד איז ווייטער שטיל געוואָרען, ווי די בוימער וואָלטען זיך דערשראָקען פאַר זייער אייגענעם שאָרך...

שטיל געזעסען זענען מיכעל מיט נחום׳קען. אין זייער

אייגענער שטילקייט האָט זיך געהערט מירעל'ס אָטעם. שווער און אָבגעהאַקט האָט זי געעטעמט...

אַזוי אַרום האָט זיך דאָס טונקעלע פעלד מיט הויכע שוואַרצע וועלדער דערהויבען אין הימעל אַריין, און געדאַכט האָט זיך, אַז עפּעס אַ ריזיגער, שוואַרצער טורעם האָט די וועלט אַרום פערשלאָסען און אַלץ איז געבליבען שטעהן הינ־טער דעם שווערען שלאָס, שטום און פערגליווערט.

— מירעל! — האָט נחום'קע איבערגעריסען די שטילקייט.

— וואָס איז, נחומקע? — האָמ מירעל געענטפערט.

— פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט, האָסט מורא?

— כ'האָב נישט מורא.

— מיט מיר האָסטו נישט מורא!

נחום'קע האָט געוואוסט, אַז איצט איז איבעריג צו רע־דען. ער האָט אפילו נישט געוואוסט, וואָס צו רעדען, נאָר ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אויב ער וועט שווייגען, וועט די צייט שנעלער אַדורכגעהן און מירעל וועט פאר עפּעס מורא האָבען.

ער האָט מירלען שטאַרק צו זיך אַ דריק געטון. אַ פּלוצומדיגע וואַרעמקייט צוזאַמען מיט אַ שטייפען עקשנות האָט זיך אין איהם צוגאָסען. נחום'קע גנב האָט דערפילט זיין עלענדקייט צווישען אַלע, דעם קרומען, קאַלטען בליק פון אַלע און איצט האָט ער געוואָלט מיט זיין גאַנצער נשמה באָדען זיך אין דעם קוואַל פון וואַרימקייט...

מירעל האָט אַ לייכטען ציטער געטהון — באַלד האָט זי די אויגען אַראָבגעלאָזען...

נהום'קעס קאָפּ איז געלעגען אין מירעל'ס שויס, שטאַרק זי צו זיך געדריקט...

און די נאַכט אַרום איז געוועזען שטיל און פינסטער, נאָר פון ווייטענס, אויפ'ן ווייטען האָריזאָנט, איבער די שוואַר־צע וואַלד־שפּיצען, איז ווי אַ וואַסער פּאַרע אָנגעלאָפען; בלאַס ווי העלע, מאַטע פלעקען, האָבען זיך אָנגעזעהן די שטערן

מירעל האָט געזאָגט:

— ס׳וועט רעגענען, נחומ׳קע!

— זאָל רעגענען, זאָל דונערן, זאָל בליצען, מירעלע! —
און אין זיינע גרויע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען גרינע פייערלעך... ער האָט זי שטאַרקער צו זיך צוגעדריקט, פּלוצלינג האָט זיך מירעל פון איהם אַ ריס געטון און הויך אויסגעשריגען:

— ניין, נחומ׳קע, כ׳דאַרף מיט דיר רעדען!

— מירעלע!...

מירעל האָט געוואָלט רעדען צו נחומ׳קען, רעדען וואָס זי האָט געקלערט אויפן וועג, געהענדיג צו איהם; רעדען לאַנג, ביז וואַנען ער וועט איהר צושווערען אַז ער וועט שוין פון היינט אָן ווערען אַנדערש... ער זאָל אוהר צושווערען, אַז ער האָט זי ליעב, ווי זי, מירעל, איז ביי איהם טייער... מיט אַנ׳אומגעהויערער ברייטקייט זענען ביי איהר אין מח געוואַקסען די געדאַנקען, און זי האָט גערעדט... איהרע ווערטער האָבען געקלונגען אין דער שטילקייט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט צו אַ סך מענשען:

— זאָג מיר, נחומ׳קע, האָסטו מיך ליעב?!

— כ׳האָב דיך ליעב, מירעלע!

— דו ווייסט דאָך ווי מען רופט דיך ביי אונז אין דאָרף! יאָ, דו ווייסט?!

— כ׳ווייס, מירעלע!

— אויב דו האָסט מיך ליעב, נחומ׳קע, זאָלסטו זעהן ווערן אַ מענש גלייך מיט אַלע, זאָלסטו זיך זוכען אַנ׳אַרבייט. הערסט, נחומ׳קע? דאָס זאָג איך דיר און כ׳וויל, דו זאָלסט עס מיר צושווערען. איצט זאָלסטו עס מיר צושווערען, אויב דו האָסט מיך ליעב, נחומ׳קע!

— צושווערען! האָט נחומ׳קע שטיל געמורמעלט — צושווערען!

ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד און מיט זיינע הענד מירעל׳ס קניה אַרומגענומען...

ביידע האָבען אַ מינוט געשוויגען, באַלד האָט מירעל

ווייטער גערעדט:

— כ'וויל, דו זאָלסט עס מיר צושווערען, דו זאָלסט מיר שווערען, ווי דו האָסט מיך ליעב, ווי איך בין ביי דיר טייער.

— יאָ, מירעלע! ווי כ'האָב דיך ליעב, ווי דו ביסט ביי מיר טייער, מירעלע!

זיי האָבען זיךביידע שטאַרק אַרומגענומען, און ווי זיי וואָלטען ערגיץ־וואו פערטראָגען געוואָרען, איז ארום שטיל און פינסטער געבליבען.

ערשט איצט איז מירל'ען גרינגער געוואָרען, ווי אַ שטיין וואָלט איהר פון האַרץ אַראָב; — דערפאר איז אָבער נחומ'קען געוואָרען וואָס אמאָל שווערער. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער האָט עפּעס אויסגענאַרט, גע'גנב'עט ביי מירלען, אַזוינס, וואָס עס איז הייליג, וואָס מ'טאָר נישט גנב'ענען, און דעריבער האָט איהם ארומגענומען עפּעס ענליכס ווי אַ כעס. ער האָט געפיהלט, ווי ער דאַרף פלוצלינג אויפשפּרינגען, ווייט פון מירל'ען און פון דערווייטענס שרייען צו איהר:

— ניין, מירעל, נישט אמת, כ'האָב דיך אָבגענאַרט, גלויב מיר נישט!..

און ווי אַ טיפע בענקשאַפט האָט זיך אין נחומ'קען צוגאָסען. עפּעס האָט איהם גערייצט אויף זיך אַליין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען: אין אַ גרויער, אָנגעלאָפענער פאַרע האָט זיך דער הימעל פערשלאָסען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די נאַכט איז ליכטיג געוואָרען; אָבער די ליכטיגקייט האָט נאָר פערגרויט די פינסטערניש און נחומ'קעס בליק האָט בעגעגענט אַ ברייטע פינסטערניש, ווי אַ גרוי טריב אויג וואָלט אויף איהם געקוקט. און ער האָט דערפיהלט אַ נויטיגקייט צו זיין אַליין, טון עפּעס שטילס, בעהאַלטענס, וואָס קיינער קאָן נישט זעהן. ער האָט דערפיהלט אַ נויטיגקייט צו געהן עפּעס אַ ווייטען, אומענדליכען וועג; ס'האָט זיך איהם געוואָלט פריי זיין, מיט זיך, מיט דער ברייטער, פינסטערער נאַכט...

מירעל איז פרעהליכער געוואָרען, ס׳האָט זיך איהר געוואָלט לאַכען, שטיפּען. האָט זי געזאָגט:

— נחומ׳קע, דו זאָלסט וויסען וואָס פאַר אַ נאַר אונזער משרת איז!

זי האָט אָנגעהויבען דערצעהלען פון דעם משרת, דערביי געלאַכט מיט אַ קלינגענדיג געלעכטער. נאָר באַלד האָט זיך אויף איהר פּנים אויסגעגאָסען אַ מאַטער ערנסט מיט אַ לייכטער שרעק און זי האָט אַ קוק געטון אויף נחומ׳קען. זיינע אויגען, אין וועלכע ס׳האָבען געפינקעלט צוויי גרינע פייערלעך, האָבען געגלאָצט אין דער ווייט, וואו דער הימעל איבער׳ן שוואַרצען וואַלד איז געווען דורכגענומען מיט אַ רויטען פלאַם. אַזוי ווי זיין בליק, איז זיין האַנד, אַ האַרטע און גלייכע ווי אַ סטאַטוע, געווען געווענדט אַהין.

— נחומ׳קע, אַ שרפה! — האָט מירעל מיט שרעק אַ געשריי געטון, אָנכאַפּענדיג נחומ׳קען פאַר אַ האַנד. ער האָט געשוויגען אין דערזעלבער פּאָזע.

אַרום איז נאָך שטילער געוואָרען און אין דער שטילקייט האָט זיך די נאַכט, דער וואַלד און דאָס פעלד אויפגעכאַפּט, ווי עס וואָלט זיך אויסגעצויגען, צוגעגרייט צו עפּעס שווערס, שרעקליכס. פון דער ווייטענס, איבער׳ן וואַלד, אויף דעם רויט בעשלאָגענעם הימעל, האָבען געצויגען אַרויף צוויי גלייכע זיילען רויך און אין׳ם רויך האָבען זיך צוטאַנצט פייער-געשפּרענקעלטע קרויגען-פונקען, ווי געשפּריצטע פון רויט-פייערדיגע ליפּען.

פּלוצלינג איז נחומ׳קע אויפגעשפּרונגען. נאָך איהם איז מירעל אויפגעשטאַנען, טוליענדיג זיך צו איהם. זיין האַנד איז נאָך אַלץ געווען געווענדט צו דער זייט פון דער שרפה, ביז וואַנען פון דער ווייטער, פינסטערער שטילקייט, ווי פון טיפע, הוילע גריבער אַרויס, האָבען זיך אָנגעהויבען טוקען שווער-און ברייט-צופלאָסענע גלאָקען-טענער:

— באָאָמ׳ן!! באָומ׳ן!!

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך יעדען קלונג רוקט זיך ד

שרפה אַלץ העכער איבער׳ן וואַלד.

— אין „טשאַרנע וויעש״, הינטער׳ן וואַלד! אין „טשאַרנע וויעש״, הערסט מירעלי?! — האָט נחומ׳קע אַ זאָג געטון און גענומען זיך אָברוקען פון מירלען.

— נחומ׳קע, פיהר מיך אָב אַהיים! — האָט מירעל מיט טרעהרען געבעטען — כ׳האָב מורא, נחומ׳קע!

— געה אַהיים! — האָט נחומ׳קע שנעל אַ זאָג געטון און אָבגערוקט זיך ווייטער פון מירעלען.

— נחומ׳קע, האָסט מיר געשוואוירען! — האָט זיך מירעל צווויינט. — וואו ווילסטו לויפען? כ׳וועל דיך נישט לאָזען, ניין!

— יאָ, באַלד, מירעל, לאָז מיך!... — האָט ער זיך אַ ריס געטון, ווי אַ שוואַרצער ריהרעוודיגער פלעק אַוועקגעקוילערט זיך איבער׳ן שוואַרצען פעלד און פערשוואונדען ערגעץ ווייט אין דער פינסטערניש.

אַ ווינד, צוזאַמען מיט אַ דינעם שטעכיגען רעגען, האָט זיך פון ערגעץ אָנגעטראָגען. דאָס פייער האָט זיך געשטאַרקט און געהויבען צוזאַמען מיט צופלאַמטע, שטרויענע דעכער.

*

מיט׳ן זעלבען וועג, וואָס מירעל איז געקומען, איז זי איצט אַהיימגעגאַנגען. אַ שווערער טרויער האָט זיך געלעגט אויף איהר האַרץ, פון איהרע אויגען האָבען זיך טרעהרען געגאָסען. אויפ׳ן גאַנצען וועג האָט זי געוויינט, ביז וואַנען זי איז צוגעקומען אויפ׳ן בריקעל צום טייכעל. האָט זי געזעהן, ווי דאָס וואַסער איז שוואַרץ און עס גלאַנצט ווי אַ גלאָז. זי האָט געקוקט אויף די שורצע, ווייכע פאַליעס, וואָס האָבען זיך געשלענגעלט און געהויבען איינס איבער׳ן אַנדערען, און ס׳האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס לויפען קליינע נחומ׳קעס ערגעץ ווייט צו אַ שרפה, צו אַ פייער לויפען זיי, גנב׳ נען זיי.

זי איז געשטאַנען לאַנג נעבען „פּאַרענטש״ פון בריקעל און איהר שוואַרצער, לאַנגער שאָטען האָט זיך אַריינגעצייכענט טיף אין דעם וואַסער און געדונצעלט.

זי האָט געוויינט און איהרע טרעהרען האָבען זיך שטיס גערייניגעגאָסען אין דעם שוואַרצען וואַסער. זי האָט איצט נישר געוויינט, פאַרוואָס נחומ׳קע האָט די שבועה געבראָכען, נאָר פאַרוואָס ער איז פון איהר ענטלאָפען. פאַר איהרע אויגען, האָט זי געזעהן נחומ׳קען האַלב אָנגעבויגען איבער אַ גרינעמל פויערשען „קופער״, ווי מיט דערשראָקענע אויגען צעהלט ער עפּעס אַרויס פון דאָרט.

... און איבער איהם, יאָגען זיך, הויבען זיך, קנויטען פייער און ער שטעהט און צעהלט... און צעהלט...

... דער סטראַזשניק האַלט אַ שטריק, ער געהט איהם בינדען און נחומ׳קע שטעהט און צעהלט... און צעהלט...

געבונדען נחומ׳קען, אַוועקגעשלעפּט... מירעל וועט איהם מעהר נישט זעהן. און זי וויינט און וויינט...

*

שפּעט אין דער נאַכט איז מירעל אַהיימגעקומען.

איהר טאַטע „בערעל ראַטעוועט״, ווי מ׳האָט איהם גערופען, דערפאַר, וואָס ער פלעגט פון שלאָף שרייען „ראַטעוועט!״, אַ ברייט־בעוואַקסענער יוד, וואָס האַלט אַ קרעטשמע, איז אַוועק מ׳ט׳ן משרת צו דער שרפה. קיינער איז אין שטוב נישט געווען אַ חוץ איהר משוגענער מאַמען, וואָס איז געשטאַנען אויף אַנ׳איבערגעדרעהטען פאַס, קלאַפּענדיג מיט צוויי הילצערנע לעפעל, און געשריגען:

— „טשאַרנע וויעש״ ברענט!

די טיר איז געווען אָפען. אינעווייניג איז געווען ליכטיג פון אַ בלעך־לאָמפּ. אויפ׳ן לאַנגען טיש זענען געווען אָנגעשטעלט פלעשער. אויף דער ערד איז געלעגען דער אַלטער יאַן און געשלאָפען מיט׳ן פנים אַראָב. די ווייסע קאַץ האָט לאַנגזאַם אַריבערגעשפּאַנט איבער איהם.

די משוגענע מאַמע האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, דעם קאָפּ איינגענורעט, מיט אַ פערגלייזט אויג אין דער נאַכט אַריין.

מירעל האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק נעבען דער

ביד. זי האָט אַראָבגעלאָזען איהר קאָפּ אויף די הענט, לאַנג־לאַנג געקלערט וועגען נחומ׳קען ביז זי איז איינגעדרעמעלט.

ווי זי האָט נאָר די אויגען צוגעמאַכט, האָט זיך איהר אָנגעהויבען דאַכטען, אַז פון ווייטען, פינסטערען פעלד הערט זי טריט. זי קוקט זיך צו זעהט זי, ווי דער סטראַזשניק שלעפּט נחומ׳קען אַ געבונדענעם. נחומ׳קע קוילערט זיך, וואַרפט זיך ווי אַ שלאַנג.

— נחומ׳קע!... — גיט מירעל אַ געשריי.

— מירעלע, מירעלע!... — ענטפערט איהר נחומ׳קע — איך וועל שוין מעהר נישט צוריקקומען! — און ער ווערט פער־שוואונדען אין דער פינסטער.

ווען מירעל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען פאַרטאָג.

דער פאַרטאָג איז געווען אַ פערנעפּעלטער, אַ גרויער. מיט אַ פייכט געשנאָרכעריי תאָבען זיך געוויגט די בוימער אין געווימעל איבער׳ן פייכטען פעלד, מיט אַ מאַטער פוילקייט פון אַ איבערגעריסענעם שלאָף.

פון דעם שאָפּעע האָט זיך געהערט דאָס טראַסקעריי פון פוהרלעך, וואָס זענען צוריקגעפאָהרען פון דער שרפה.

נת׳קע דער משרת האָט מירעלען דערצעהלט, אַז פינף כאַטעס מיט איין קיה זענען פערברענט געוואָרען. „פון איין זייט האָט מען געראַטעוועט, פון דער צווייטער זייט האָט נחומ׳קע גנב בע׳גנב׳עט. האָבען איהם די פויערן מיט העק און אייזענס פעריאָגט ערגעץ ווייט אין וואלד אַריין.“

שפּעטער, ווען די זון, אין אַ בלאַס־גאָלדענעם אָבשיין, האָט זיך בעוויזען דורך די גרויע שטיקער וואָלקען, איז מירעל געגאַנגען אין שטאַל אַריין מעלקען די קוה. דעמאָלט האָבען הייסע טרעהרען צוזאַמען מיט פריש־אויסגעמאָלקענער מילך דאָס מעלק־שעפעל אָנגעפילט.

משה׳לע

דאָס איז געווען דער ערשטער פֿריהלינגס־טאָג. הויף אין דעם אויסגעבלייכטען, בלויען הימעל האָט געשיינט די זון און איהרע בלייכע, קורצע שטראַהלען האָבען צושמאָלצען די דינע שניי־פֿלעקען, וואָס זענען געלעגען אויף די שפּיצדעכלעך פֿון די נידעריגע הייזלעך...

דער הויף איז געווען אַ גרויסער, מיט אַ סך הייזער, אָנגעשטעלטע איינס אויפֿ׳ן צווייטען. האָבען זיך אויפֿ׳ן הויף אַרויסגעלאָזען קינדער, פֿיעל מעהר, ווי ס׳זענען געווען שויבען אין די הייזער. און די אַלע קינדער, וואָס האָבען זיך כמעט נישט געזעהן דעם גאַנצען קאַלטען ווינטער, זענען צווישען זיך נישט פֿרעמדער געוואָרען, נאָר אַזוי ווי פֿאַראַיאָהרען און פֿאַר צוויי יאָהרען, זיך געראָיעט איינער איבער׳ן אַנדערען, געשפּיעלט זיך אין פֿערשיעדענע שפּיעלען און דערצעהלט פֿערשיעדענע מעשיות...

נאָר פּלוצלינג, אין מיטען שפּיעלען זיך, האָט זיך אָפּגערוקט אַ קליינע גרופּע פֿון די קינדער, רעדענדיג עפּעס צווישען זיך; באַלד זענען אַלע צוגעקומען צו דער גרופּע. נאָר איין יונגעלע, משה׳לע האָט ער געהייסען, איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קעפּעל געבליבען שטעהן אַליין, קראַצענדיג זיך צווישען די שווער־אָנגעוואַקסענע שוואַרצע האָר...

אין אַ מינוט אַרום האָט איין יונגעלע אָנגעוויזען מיט'ן הענטעלע אויף משה'לעס פּנים און געזאָגט צו די איבעריגע:

— קומט, לאָמיר זיך מיט איהם נישט שפּיעלען. ער האָט פּאָקען אוי'פ'ן פּנים. אָ־אָ! אַזוי פיעל לעכער, בלויז לעכער! — האָט ער געפיהרט מיט'ן פינגערעל אויף משה'לעס פּנים, וואָס איז ווירקליך אינגאַנצען געווען צולעכערט פון די פּאָקען, אויף וועלכע משה'לע איז דעם ווינטער אָבגעלעגען אין שפּיטאָל פיער חדשים.

— לאָמיר זיך מיט איהם נישט חבר'ן! — האָט זיך אָפּגערופען אַ צווייט יונגעלע, שלעפּענדיג זיינע חברים ביי די פּאָלעס. מ'קען זיך נאָך פון איהם אָנשטעקען. און אַוועקגע־הענדיג פון איהם, האָט אַ דריטער אַ שפּיי געטון און געזאָגט, אויסציהענדיג דאָס העלזעל:

— דו האָסט פּאָקען, ביזט אַ חזיר!

אַלע האָבען זיך פון איהם דערווייטערט, פון דער ווייטענס אויסגעצויגען צו איהם זייערע קליינע פינגערלעך, אַ סימן אויף ברוגז, און געשריגען צו איהם:

— האָסט פּאָקען, ביזט אַ חזיר!

משה'לע איז געשטאַנען. אַ גרינע בלייכקייט האָט בעגאָסען זיין פּנים'ל, וואָס האָט אויסגעזעהן אַרום ביי די קאַנטען, ווי אַרומגעריסען פּאַפּיר. נאָר באַלד האָט ער אַ שמייכעל געטון, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, וואָס דאָ איז פאָר־געקומען, און געענטפערט:

— האָב איך; און שוין!

און געקלערט האָט ער, אַז ווען זיי זאָלען וויסען, אַז ער איז קראַנק געווען און געלעגען אין שפּיטאָל, געהאַט אַזוי פיעל פּאָמעראַנצען, וואָלטען זיי זיך נאָך געבעטען, ער זאָל זיך מיט זיי חבר'ן. די מאַמע גיט איהם איצט אויך אַלע טאָג אַ צווייער. זיי וועלען זיך ביי איהם שוין בעטען...

ס׳זענען אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג און די קינדער פון הויף האָבען זיך ביי איהם נישט געבעטען. פערקעהרט — מ׳איז פון איהם ענטלאָפען. און משה׳לען האָט אָנגעהויבען ווערען אומעטיג אַרומצודרעהען זיך אַליין; ווען ער איז צוגע-גאַנגען צו אַ יונגעל, האָט זיך יענער פון איהם אָבגערוקט:

— געה, געה, דו האָסט פּאָקען!

— איך בין דאָך נישט שולדיג! — האָט זיך משה׳לע געפּרובט פערענטפערען, נאָר קיינער האָט איהם נישט געוואָלט הערען. איז ער אָבגעזעסען אַגאַנצען טאָג אויף אַ פּאָס, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן הויף, און געקוקט, ווי אַלע קינדער שפּיעלען זיך. ער האָט שוין אָנגעהויבען קלערען: אַז ס׳איז אמת, אַז ער איז טאַקע אַזוי מיאוס, מיט אַזאַ געלעכערט פּנים, און זיינע אויגען האָבען בעקומען אַזאַ מידען בליק, אַזוי ווי ביי אַלע קאַליקעס, ווען זיי פּיהלען, אַז מ׳קוקט אויף זייער פּעהלער...

זיצענדיג אויפ׳ן פּאָס, האָט ער נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַרוואָס מ׳קוקט אויף איהם אַזוי, ער האָט דאָס נישט געקאָנט ליידען און אַלע מאָל זיך איבערגעזעצט אויף אַנ׳אַנדער אָרט.

איין מאָל זענען עפּעס צוויי ווייבער אַדורכגעגאַנגען, האָט משה׳לע געזעהן, ווי זיי האָבען זיך איבערגעקוקט. באַלד זענען די ווייבער צוגעקומען נאָהנט צו איהם און אָנגעהויבען איהם אַריינצוקוקען אין פּנים אַריין. און אַז משה׳לע האָט דאָס נישט געקאָנט אַריבערטראָגען און האָט, אָבגעהענדיג אַ ביסעל, אַרויסגעשטעלט זיין צינגעל, האָבען זיך ביידע ווייבער צולאַכט און איינע האָט צו דער צווייטער אַ זאָג געטון:

דאָס שעהנע פּנים דאַרף זיך נאָך פערקרימען!

*

ביסלעכווייז האָט משה׳לע אָנגעהויבען צו פּיהלען, אַז ער איז דער ערגסטער, דער מיאוס׳טער פון אַלע. נישט האָ-בענדיג קיין חברים, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס צו טון. גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אויפ׳ן הויף אָדער

געזעסען אויף דעם פּאָס. די ווייבער אויפ׳ן הויף האָבען זיך מיט איהם אָנגעהויבען צו שאַפען, אַרומשיקען אין שליחות, און ער האָט דאָס אַלץ געטון מיט גרויס צופרידענקייט, ווי אַ פערשוילדיגטער.

פאַרנאַכט, ווען די מאַמע איז אַהיימגעקומען מיט׳ן זאַק אַלטוואַרג, וואָס זי האָט געהאַנדעלט, האָט זיך משה׳לע געטוליעט צו איהר און מיט אַ וויינענדיגער שטים גערעדט:

— מאַמע, זעה נאָר, וואָס איך האָב אויפ׳ן פּנים! לאָז עס שוין אַראָבגעהן!...

— געה, געה, מיין קינד, דאס איז דאָך פון די פּאָקע-לעך; ס׳וועט זיך אָבגעהן, ס׳וועט אַראָגעהן. דערביי האָט זי אַ קרעכץ געטון; נאָר משה׳לע האָט געהאַלטען אין איין איבער-חזר׳ן:

— מאַמע, זיי זאָגען, אַז איך בין אַ חזיר, אַז איך האָב פּאָקען אויפ׳ן פּנים, ס׳איז נישט שעהן...

- אויף כפּרות דאַרפסטו זיי, מיין קינד! כ׳וועל דיך אָבגעבען אין אַ שקאָלע אריין, וועסטו האָבען שענערע חברים-לעך פון זיי...

נאָר משה׳לע האָט נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען און קלאָגען זיך אויף זיין פּנים׳ל, ביז וואַנען די מאַמע האָט אָנ-געהויבען רעדען מיט טרעהרען אין די אויגען...

*

ווען משה׳לען איז נמאס געוואָרען אַרומצודרעהען זיך אויפ׳ן הויף, האָט ער אָנגעהויבען אַוועקצוגעהן אין מאַרק אַריין, וואו די מאַמע האָט געהאַנדעלט, און דאָ האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבען אַ ניי לעבען. ס׳זענען איהם זעהר געפעלען די „קאַטאַרינקעס״, וואָס האָבען דאָרט געשפּיעלט, און ער האָט זיך געפּיהלט אַזוי ווי אויף אַ חתונה...

אין אָנהויב פלעגט איהם די מאַמע טרייבען אַהיים. ווען זי האָט אָבער געזעהן, אַז דאָס העלפט נישט, האָט זי איהם געלאָזען נעבען זיך. משה׳לע האָט זיך אָבער דערמיט

ניִשט בעגגנועגנט און ניִשט איינמאָל, ווען ער איז פערבלאָנ־זשעט געוואָרען צווישען דער מאַסע מענשען, פלעגט זיך אין דער ענגשאַפט פונ׳ם מאַרק הערען דער מאַמעס פערצווייפעלטע געשרייען: „משה׳לע, משה׳לע! וואוהין איז ער אַוועקגעגאַנ־גען? מ׳וועט איהם צוטרעטען!”...

אָבער משה׳לען האָט מען ניִשט צוטרעטען. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען די גרויסע פיס פון די סאָלדאַטען און הענדלער, ווי אַ פישעל אין וואַסער. גיך איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט׳ן מאַרק־פּלאַץ און געקראָגען אַ גרויסען חשק צו האַנדלען. ווען אַ הענדלער האָט אָפּגעלאָזט פון פּרייז און דער אַוועקגעהענדיגער קונה האָט ניִשט דערהערט, איז משה׳לע איהם נאָכגעלאָפען און צוריקגערופען. שפּעטער האָט ער אָנ־געהויבען אויפצוזוכען פון מיסט אַרויס שטיקלעך אייזען, אַלטע טשייניקלעך, פאָדקאָוועס און פערקויפט עס אויפ׳ן מאַרק. כדי נאָכצוטון די גרויסע, האָט ער, פערקויפענדיג עפּעס, דערלאַנגט זיין ברודיג הענטעל דעם קויפער אָדער אַ שפּיי געטון אויף דער מטבע און געשוואוירען זיך, אַז ער האָט גאָרניִשט פּערדינט...

*

ביסלעכווייז איז משה׳לע בעוואוסט געוואָרען אויפ׳ן מאַרק. מ׳האָט איהם שוין אַ נאָמען געגעבען „געדעלטע מצה” און גרויס און קליין האָבען געוואוסט, אַז פון משה׳לען וועט אויסוואַקסען אַ פייערדיגער סוחר. משה׳לע האָט שוין איצט געהאַט אַ שטעל, — צו שטעהן נעבען אַ טיר פון אַ געוועלב און אַריינפיהרען קונים, און דערפאַר האָט מען איהם געצאָהלט אַ פּאָר גילדען אַ וואָך. ער האָט שוין געקענט אַלע קליינע גנבים׳לעך, וואָס האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט און אויסגע־קוקט, עפּעס פון אונטער דער האַנד אַוועקצושאַרען. און כאָטש זיי האָבען איהם שוין אַ סך מאָל מכבד געווען מיט קלעפּ, האָט ער דאָך אויסגעזאָגט, ווען ער האָט געזעהן גנבע׳נען. די חברה האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהם היטען, אַ נאָמען געגעבען איהם „עין־הרע׳לע” און געשוואוירען זיך, אַז זיי

װעלן אים אַמאָל אַ פֿוס אױסדרײען.

װען ס'איז געװאָרן װינטער, איז שױן משה'לע נישט געזעסן אין שטוב. ער האָט אָנגעטון אַ פּאָר שטיװעל, די אױערן אַרומגעבונדן מיט אַ שמאַטע, אױף די הענט אַ פּאָר שװערע הענדשקעס מיט אײן פֿינגער, איז ער געשטאַנען און גערופֿן קונים, קלאַפּנדיק אײן פֿוס אָן צװײטן. גלײך מיט אַלע גרױסע האָט ער געטרונקען טײ פֿאַר אַ קאָפּיקע בײם טישל מיט'ן גרױסן, בלעכערנעם סאַמאָװאַר, װאָס איז געשטאַנען און געראָכערט זיך אין מיטן מאַרק...

*

מיטאַמאָל האָט משה'לע אָנגעהױבן פֿאַרשװינדן צו װערן אױף האַלבע טעג פֿונ'ם מאַרק און קײנער האָט נישט געװוּסט, װוּ ער װערט פֿאַרפֿאַלן. דער בעל־הבית פֿונ'ם געװעלב אין װעלכן משה'לע פֿלעגט אַרײַנרופֿן קונים, האָט זיך געקלאָגט, אַז משה'לע איז קאַליע געװאָרן, שטײט פֿאַרטראַכט און זעט נישט, װי אַנדערע משרתים'לעך נעמען צו די קונים פֿון אונטער זײַן האַנט.

— װוּ װערסטו פֿאַרפֿאַלן, װוּ קומסטו אַהין? — האָט די מאַמע געפֿרעגט משה'לען, װען ער איז צוריקגעקומען.

— אין שטוב! — האָט משה'לע שטיל געענטפֿערט. זײַנע אױגן האָבן געקוקט זײער מיד, זײַנע פּאָקן־גריבלעך זענען טיפֿער געװאָרן און בעקומען אַ פֿאָרם פֿון גרינליכע לײם...

— װאָס טוסטו אין דער הײם?

— גאָרנישט! — האָט משה'לע שטיל געענטפֿערט.

— און װאָס װעט זײַן פֿון דיר? — איז די מאַמע צו אים צוגעשטאַנען — ר' חיים־דוד (אַזױ האָט געהײסן זײַן בעל־הבית) האָט געזאָגט, אַז ער װעט דיך אַרױסװאַרפֿן. װאָס װעט פֿון דיר אַרױסקומען?

דאָ האָט שױן משה'לע נישט געענטפֿערט, געשאַרט זיך בײַ די װענט, באַלד זיך אַרױסגעשלײכט פֿונ'ם מאַרק און צוריק פֿאַרפֿאַלן געװאָרן אַהײם...

װאָס האָט משה'לען אַזױ געצױגן אַהײם, — דערפֿון

האָט קיינער נישט געוואוסט. אפילו משה׳לע אַליין האָט אויך נישט פערשטאַנען, וואָס עס ציהט איהם אַזוי צו זיצען ביים דאַך־פענסטער און קוקען אָהן אויפהער. וואָס האָט ער עס דאָרט דערזעהן אַזעלכעס, פון וואָס האָט זיין הערצעל אַזוי געצאַפּעלט און צוגאָסען אַ זיסע פוילקייט אין אַלע זיינע גלי־דער?

פונקט געגענאיבער דעם פענסטערל האָט זיך געזעהן דאָס פענסטערל פונ׳ם געגענאיבערדיגען הייזעל; און אַרום דעם טישעל, וואָס איז געשטאַנען האַרט נעבען דעם פענסטער, זענען דאָרט געזעסען עטליכע מיידלעך און פון זייער שנעלען מאַכען מיט די הענד זענען אַנגעשיט געוואָרען אויפ׳ן טיש גאַנצע בערג רויטע און בלויע בלימעלעך...

נאָר נישט די היט־בלימעלעך האָבען דאָס משה׳לען אַזוי צוגעצויגען. פונקט ביים פענסטער איז געזעסען אַ קליין מיי־דעלע, מיט העל־גאָלדענע צעפּלעך, מיט בלויע, גרויסע אויגען, וואָס זי האָט זיי זעהר זעלטען אויפגעהויבען, ווייל זיי זענען שטענדיג געווען אַראָבגעלאָזען אויף די קליינע, שנעלע הענ־טעלעך, וואָס האָבען קונציג געדרעהט די בלימעלעך...

אָט אויף דעם מיידעלע, רחל׳ע, האָט עס משה׳לע אַזוי ליעב געהאַט צו קוקען. ער איז געלעגען איינגאַנצען אויסגע־צויגען אויפ׳ן ברעטעל פונ׳ם פענסטער און געקוקט דאָרשטיג, הערענדיג דערביי די פערשידענע ליעדער, וואָס די גרויסע מיידלעך האָבען ביי דער אַרבייט אויסגעזונגען...

ווען די מיידלעך האָבען בעמערקט, אַז משה׳לע טרעט נישט אָב פונ׳ם פענסטער, האָבען זיי זיך מיט איהם אָנגע־הויבען איבערצורעדען:

— פון וואַנען, יונגעלע, האָסטו עס געקראָגען אַזאַ פער־זשאַווערט פנימ׳ל?

און כאָטש משה׳לע האָט געזעהן, ווי די מיידלעך האָבען געלאַכט, האָט ער געענטפערט:

— ס׳איז מיר געקומען פון די פּאָקען.

— אַהאַ! און וועלכע ווילסטו דאָ פאַר אַ כלה?

ער האָט זיך פֿערשעמט. ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די מיידלעך ווייסען אַלץ, וואָס משה'לע קלערט וועגען רחל'ען; אַז צוליעב איהר שטעהט ער דאָ אָב אַ גאַנצען טאָג און נאָר דעמאָלט, ווען ער זעהט, אַז די מיידלעך האָבען איינגעפּאַקט אַ פּעקעל, וועלכעס רחל'ע טראָגט אַוועק און זוימט זיך אַ האַלבע שעה, — לויפֿט ער אַוועק אין מאַרק אַריין. נאָר ע' קאָן דאָרט לאַנג נישט זיין. ס'דאַכט איהם, אַז דאָרט, ביים פֿענסטער, זיצט שוין רחל'ע, מיט'ן אַראָבגעלאָזענעם, גאָל=דענעם קעפּעל. דרעהט מיט די קליינע הענטלעך די בלימלעך און זינגט זיך צו אַ ליעדעל. און ער קומט צום פֿענסטער נאָך פֿריהער פֿאַר איהר...

*

איינמאָל, אין אַ שבת'דיגען זומער=טאָג, האָט משה'לע דורכ'ן פֿענסטער געזעהן, ווי רחל'ע האָט זיך אָנגעטהון און געגומען אין דער האַנד אַ ווייס שירעמעל צום שפּאַציר. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַראָפּגעגאַנגען אויפֿ'ן הויף און אַוועקגעשטעלט זיך ביי דער טיר פֿונ'ם הייזעל, וואו רחל'ע האָט געדאַרפֿט אַרויסגעהן. ביי יעדען סקריפּ פֿון אַ טיר האָט זיין הערצעל אַ צאַפּעל געטהון. ער האָט נישט געוואוסט, נאָך וואָס ער שטעהט דאָ, נאָר אַוועקגעהן האָט ער נישט געקאָנט.

פּלוצלינג האָט איהם אַ שווינדעל געטון פֿאַר די אויגען, ער האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּען. פֿון אויבען, פֿון די קרומע שטיעגלעך, האָט זיך רחל'ע אַראָבגעלאָזט. זי איז איהם שוין פֿאַרבייגעגאַנגען, נאָר משה'לע איז צוגעלאָפֿען פֿער=שטעלט איהר דעם וועג, און ווען רהל'ע האָט דאָס שירעמעל אויסגעשטרעקט און אַ געשריי געטון „מאַמעשי!", — האָט משה'לע זי מיט'ן גאַנצען כח פֿאַר אַ האַנד אַ כאַפּ געטון און, אויסשנאָבלענדיג זיינע ליפּען, זיין ראַציג בעקעל אָן איהר גלאַטיג געמבעלע אַ רייב געטון.

— מאַמעשי! — האָט דאָס מיידעלע אַ קוויטש געטון און משה'לע האָט געוואָלט אַ שפּרינג טון פֿונ'ם הויז צום אַנטלויפֿען...

נאָר עפּעס אַ יוד, וואָס איז אָנגעקומען אין דער מינוט און האָט געזעהן, ווי משה׳לע האָט דאָס מיידעלע אַ קוש געטון, האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנד און, געבענדיג איהם צוויי פּעטש פֿון ביידע זייטען, געטון אַ זאָג:

— אַ, דו משומד, האָסט שוין קיין צייט נישט?!

משה׳לע איז אַנטלאָפֿען און פֿון דער ווייטען געזעהן, ווי עטליכע ווייבער זענען געשטאַנען אַרום רחל׳ען, וועלכע האָט זיך געווישט די אויגען, און דערזעלבער יוד, וואָס האָט איהם געגעבען די צוויי פּעטש, האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענד און דערצעהלט די ווייבער...

ביז ביינאַכט איז משה׳לע אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען. ס׳האָט זיך איהם שוין געוואָלט דער שבת זאָל אַוועקגעהן, ער זאָל שוין זיין אין מאַרק און רופען די קונים אין געוועלב אַריין.

נאָר ביינאַכט, ווען ער האָט זיך אַרומגעדרעהט געגענאיבער דעם טויער און געזעהן, וואו רחל׳ע איז אַהיימגעקומען פֿונ׳ם שפּאַציר, מיט׳ן וויסען שירעמעל אין דער האַנד, האָבען זיך צוויי הייסע טרעהרען געקייקעלט איבער די פּאָקען-גריבעלעך פֿון זיינע באַקען...

1910.

פריילין מאַניע

אויף דער פריילין מאַניע האָט קיינער נישט גערעדט, כאָטש זי איז קיין מיאוס׳ע ניִשט געווען און יונגעלייט זענען פון איהר נישט אַנטלאָפען...

דאָס פּנים איהרס איז געווען ניִשט קיין שעהנס. אַ נאָז האָט זי געהאַט אַ מענערשע. נאָר דערפאַר זענען ביי איהר די הענד געווען פולע און ווייסע און איהר קערפּער אַ פולער און גראַציעזער.

אין שטוב איז זי געווען די מיטעלסטע טאָכטער צווישען צוויי: איינע אַן׳עלטערע, אַ טויבע פון אַ יאָהר 30, און איינע פון אַ יאָהר 17, אַ מיידעל וואָס איז ניִשט קיין ליים, וויל גאָרנישט טון, געהט אַרום מיט סטאַדעס יונגלעך און גיט שוין אָנצוהערעניִשען, אַז ווען זי וועט וועלען, וועט זי נעמען.

נאָר די פריילין מאַניע איז אַ געזעצט מיידעל, קומט גלייך אַ היים פון דער אַרבייט, וואַשט אויס קליינינקייטען, צוואָגט זיך, אָדער שרייבט גרויסע בריף צו איהר קוזין אין אַמעריקע. אָט צו דעם קוזין אין אַמעריקע קען זי שרייבען וועגען אַלעמען, זי ווייסט אַליין ניִשט פאַרוואָס זי האָט אַזוי־פיעל צו שרייבען. און אין אַ סך אָוועגדען, ווען אַ בענקשאַפט צו ליעבע טראָגט אַרויס יונגע מענשען אין גאַס, פערברענגט זי ביים לייענען די בריעף פון איהר קוזין — זי לעבט און

און דענקט מיט זיינע געדאַנקען, וואָס ער שרייבט איהר אַרויס אין זיינע בריעף.

ס'איז שוין זעהר לאַנג, ווי ער איז אַוועקגעפאָהרען אין אַמעריקע; זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר 15. זי געדענקט איהם צומקלאָרסטען אין איין אָוועגד, ווינטער, ווען ער איז געקומען פון דער רייזע (ער איז געווען אַ וואָיאַזשאָר); אָנגעטון איז ער געווען אין אַ בעשנייטען באַש'יק, מיט אַ הויך, פיטערען, בעשנייט היטעל. ס'האָט זיך פון איהם געפיהלט אַ קאַלטער ריח פון פראָסט און אונטערוועגענס, און איהר האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז ער איז דער שטאַרקסטער, דער מעכטיגסטער פון אַלע מענשען. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרען. און שפעטער, ווען זי איז געגאַנגען אַרבייטען צווישען אַ סך מיידלעך האָט יעדע פון זיי דערצעהלט עפעס אַזעלכעס, וואָס האָט זי שטענדיג אַרויפגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק פון משה'ן. זי האָט אָנגעהויבען פון איהם דערצעהלען אַזוי אָפט, אַז די מיידלעך האָבען איהר געגעבען אַ צונאָמען „קוזין פון אַמעריקע"; נאָר זי האָט אָן איהם נישט פערגעסען.

זי האָט אָנגעהויבען לעבען מיט זיינע בריעף, כאָטש איצט איז ער פאַר איהר שוין עפעס אַנדערש. די פאָטאָגראַפיעס, וואָס ער שיקט איהר אַלעמאָל בעפריעדיגען זי שוין נישט געגען יענעם אָוועגד, ווען ער איז געקומען פון דער רייזע. און טראַכט זי אַמאָל פון יענעם אָוועגד, וויינט זי שטיל פאַר זיך און ס'דאַכט זיך איהר, אַז אַלץ האָט געקענט זיין אַנדערש און זי האָט אַזוי פיעל פערשפיעלט...

*

אַרום 9, האַלב צעהן אינדערפריה קען מען זעהן די פרייליין מאַניע, אין איהר הוט, מיט די ווייסע, געדרעהטע פעדערלעך, געהן אין געשעפט, וואו זי דיענט אַלס פערקויפערין. אין געשעפט האַלט מען זי פאַר אַן עהרליכע, פעהיגע. דאָס איינציגע וואָס איהר בעל-הבית זאָגט אויף איהר איז דאָס, אַז זי איז אַביסעל אַ פערשלאָפענע. אָט דער בעל-הבית איז אַ קליינער, אַ פלינקער, מיט קליינע, ברענענדיגע אויגען,

814

אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר איז ער הייזעריג, און דערפאַר איז ביי איהם דער האַלז שטענדיג אַרומגעבונדען. כאָטש ער זאָגט אויף דער פריילין מאַניע, אַז זי איז אַ פערשלאָפענע, האַלט ער זי פאַר אַ קלוגע און האַלט פון איהר עצה, רעדט פאַר איהר אויס זיין האַרץ, אַז די געשעפטען זענען שלעכט, און דער־צעהלט איהר אויך וועגען זיין ווייב: „זי איז געגען אייך ווי... ווי... אַ—אַ—אַ בהמה!" — סיקעט ער הייזעריג מיט'ן האַלז. דער פריילין מאַניע איז נישט בעקוועם, וואָס ער רעדט אַזוי, וואַרפט זי איהם צו אַ שטרענגען בליק: „ווי אַזוי רעדט איהר עס וועגען אייער פרוי?!" — — — נאָר ער טראָגט זיך אַרום ווי אַ ווינד איבער'ן געוועלב און סיקעט הייזעריג, קוקענדיג אויף איהר מיט זיינע קליינע, ברענענדיגע אויגען: „אַזאַ יאָהר אויף איהם וואָס פאַר אַ מיידעל... אַזאַ יאָהר אויף איהם"...

אין דעמזעלבען אָווענד שרייבט זי אַ בריעף צו איהר קוזין אין אַמעריקע: „ליעבער קוזין משה! וואָס קומט אַרויס, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, — אַז אָט דער אָרדנונג ווערט מיר וואָס אַמאָל מעהר צוגעגעסען — ח־ח־ח! מיין בעל־הבית לויבט מיך, ער זאָגט, אַז איך בין קלוג; ער ווייסט נישט ווי נמאס ער איז מיר, מיט דער קלוגשאַפט, מיט זיינע געשעפטען, מיט אַלעמען אַרום; מיין האַרץ בענקט אַזוי צו אַן'אַנדער לעבען, ס'געהט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, צו וואָס, צו ווען?..."

*

אין איינעם פון די לעצטע בריעף שרייבט איהר קוזין צו דער פריילין מאַניע וועגען דעם; אַזאַ מענש, וואָס קומט אין זיינע יאָהרען, הויבט שוין אָן קלערען וועגען אייאָרדנען זיך, ער וועט איהר זאָגען דייטליכער. וואָס דאַרף ער פאַר איהר האַלטען סודות? ער האָט זיך בעקענט מיט זעהר אַ פיין מיידעל, ער איז זיכער, אַז ווען זי, מאַניע, זאָל זי קענען, וואָלט זי געווען ענטציקט פון איהר. דאָס איז אַ מענש אין פולען זין פון דעם וואָרט... צום סוף שרייבט ער איהר נאָך, אַז ס'וועט האַלטען ביי עפעס וועט ער איהר באַלד אָנשרייבען...

און די פריילין מאניע דערפיהלט מיטאמאל, אז דער בריעף האט איבערגעריסען דעם פאדעם, וואס האט זיי ביידע פערבונדען. צווישען זיי ביידע איז אויסגעוואקסען א נייע געשטאלט און, ווען די פריילין איז אין אווענד אהיימעקומען פון געשעפט, זיך אויסגעצוואגען, פערבונדען די נאסע האר, זיך אוועקגעזעצט מיט די נאקעטע אקסלען נאכ׳ן וואשען, אזוי ווי אלעמאל, ענטפערען משה׳ן, — האט זי בשום אופן נישט געקענט געפינען דאס ערשטע ווארט, וואס זי דארף שרייבען... וואס קענען איהם אנגעהן איהרע אלע געדאנקען, איצט ?... איצט, ווען ער האט שוין געפונען זיין גליק... צי וועט זיי איהר בריעף נישט טרעפען אין אזא צייט, ווען זיי ביידע וועלען זיצען צוזאמען... שפינען זייער גליקליכע צוקונפט ?... ניין, זי קאן פאר איהם שוין מעהר קיין איין ווארט נישט געפינען... און איהר קאפ לאזט זיך לאנגזאם אראב אויף איהר נאקעטען ארעם, די פעדער גליטשט זיך פון דער האנד...

נאר זי אליין ווייסט נישט וואס ס׳איז געשעהן. עפעס א נייער אונזיניגער וועהטאג געהט ארום אין איהר ברוסט: משה... משה...

איהר קעסטעל איז פול פון זיינע פריהערדיגע בריעף. אט שרייבט ער איהר: „ליעבע מאניע! ווען דו זאלסט דא זיין... איך געדענק דיך דאך נאך א קליין מיידעלע, ווען ביסט געווען... כ׳האב דיך פון שטענדיג אן אזוי ליעב געהאט”...

און זי זעהט איהם פאר זיך אין א בעשנייטען באשליק. זי פיהלט זיין קאלטען, געזונטען אטעם... זיינע ליפען...

*

דער פריילין מאניעס בעל־הבית וויל זעהר וויסען, פארוואס איז זי אזוי אומעטיג ? אזא שען מיידעל זאל זיין אזוי אומעטיג, ער וואלט געוואלט דערגעהן, וואס איז מיט איהר אזעלכעס געשעהן ? ס׳שאדט דאך איהר דאס, וואס זי רעגט זיך אזוי אויף, בעווייזט נישט קיין שמייכעל; ער קען עס נישט צוזעהן...

נאָר ער האָט קיין צייט נישט, טראָגט זיך אַרום ווי אַ ווינד, און די פריילין מאַניע בלייבט זיצען ווי שטענדיג, מיט אַ בלאָנדזשענדיגען בליק אויף דער פערהויכטער שויב, אויף וועלכער ס'רוקען זיך מענשען הין און צוריק. זי קלערט די לעצטע טעג זעהר פיעל וועגען דעם, פאַרוואָס זי קאָן נישט זיין ווי אַנדערע מיידלעך, קומען צווישען בעקאַנטע, פער־ברענגען. די אָוונדען זענען דאָך איצט ביי איהר אין גאַנצען פרייע — וואָס האָט זי דען צו טון? צו משה'ן שרייבט זי דאָך שוין נישט מעהר. וואָס האָט זי איהם דען איצט צו שרייבען?

ס'ווערט איהר אָפט אַזוי לעדיג און שווער אויפ'ן האַרץ. זי וואָלט, דאַכט זיך, אַנטלאָפען ערגעץ... וואוהין? — קיינער רופט זי נישט. דאָס איז אפשר נישט אינגאַנצען אַזוי ווי זי מיינט — דערביי דערמאָהנט זי זיך אן פיעל פון איהרע בע־קאַנטע יונגע־לייט, וואָס האָבען נישט איינמאָל געגעבען אָנצו־הערען וועגען דעם, אַז זיי זענען נישט אינגאַנצען גלייכגילטיג צו איהר, נאָר זי האָט זיי אויסגעלאַכט. און די בריעף צו משה'ן — אַזוי פיעל קרבנות האָט זי פאַר איהם געבראַכט... און ס'דאַכט איהר, אַז אַלץ וואָלט געקאָנט זיין אַנדערש.

*

נאָך האַלבען טאָג.

אין געוועלב איז שוין האַלב־פינסטער. די פריילין מאַ־ניע זיצט אונטער'ן בופעט, די הענט פערלעגט. זי האָט גאָר־נישט וואָס צו טהון.

דער בעל־הבית שטעהט נישט ווייט פון איהר, רעדט עפעס הייזעריג און רעכענט. איהר פאַלט פלוצלינג איין צו זאָגען: „וואו איז דער פרעזענט, וואָס איהר האָט מיר צוגע־זאָגט?"

דאָס האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען מאָדנע ווילד־קלינגענדיג, אַז ס'איז איהר שנעל הייס געוואָרען אויפ'ן פנים פון צוריקגעזעצטקייט. זי האָט געלאַכט, ס'האָט זיך איהר געוואָלט שרייען הויך אָדער מאַכען זיך הייזעריג, ווי דער בעל־הבית.

איהר האָט זיך אין דער מינוט געדאַכט, אַז זי וואָלט איהם געקאָנט שלאָגען, זי האָט ערשט איצט בעמערקט וואָסערע קליינע פּיס ער האָט.

— דער פּרעזענט? — ער האָט אויף איהר אָנגעציעלט זיינע קליינע, פייערדיגע אויגען — דער פּרעזענט? ער וועט זיין! גוט וואָס זי האָט געזאָגט. — ער האָט אויף איהר לאַנג געקוקט און נאָכגעדענקט.

ער קוקט אויף איהר גלייך און אומזיניג און סיקעט עפּעס הייזעריג..

— ...נאָר וואָס דען? אַזאַ מיידעל, ווי זי איז נישט ווערט דעם שענסטען פּרעזענט? ס'וועט שוין זיין! וואָס איז ער עפּעס אַ יונגעלע? זיין וואָרט! נאָר ער לאַכט, כע—כע! וואָס וועט זי איהם געבען דערפאַר?...

די פריילין מאַניע קוקט קרום אויף איהם, איהרע ליפּען קרומען זיך אויס אַביסעל, אַזוי ווי מען קוקט אויף אַ זאַך, וואָס איז נישט ליעב, און זאָגט לאַנג ציהענדיג:

— איהר זענט אַ שמוציגער מענש!

דער בעל-הבית גיט שנעל אַ קוק אויף איהר, ווי ער וואָלט דערהערט זאַך, אויף וועלכער ער האָט געוואַרט, ער געהט-צו גאָר נאָהנט צו איהר, בויגט זיך עטליכע מאָל, סיקעט מיט'ן האַלז, פּרובט אַרויפלעגען אַ האַנד אויף איהר אַקסעל. זי שטערט עס איהם נישט און זאָגט נאָך אַמאָל, נאָך לענגער אויסציהענדיג די ווערטער:

— איהר זענט אַ שמוציגער מענש!

אין אָוועגד, זי געהט אַ היים פון געשעפט, איהר איז מאָדנע נמאס דער וועג, אויף וועלכען זי געהט עטליכע מאָל אין טאָג, איהר איז ענג דאָס האַרץ, איהר ווילט זיך וויינען — נאָר צו וויינען איז איהר שווער, זי איז נישט די נאַטור פון וויינען.

נאָר איצט וויל זי וואָס שנעלער זיין אינדערהיים, זי וואָלט זיך באַלד לעגען שלאָפען, זי וואָלט אַזוי וועלען איינ-

שלאָפֿען כאָטש אויף אַ שטיק צייט, ביז וואַנען ס׳וועט אראָבּ־גיין די שווערקייט פֿון האַרץ.

דער הימעל לויטערט זיך און אין דער הויכער־טונקעל־קייט קוקען אַרויס שטערן. נאָר די פֿריילין מאניע זעהט איצט נישט די גאַס, זי וויל וואָס שנעלער זיין אינדערהיים.

אויף די טונקעלע טרעפּ טרעפֿט זי אַ סך ווייבּער געהן אויסגעפּוצטערהייט אַרויף און אראָבּ: ס׳איז אַ חתונה ביי אַ שכנה׳ס אַ טאָכטער, מ׳טראגט אַרויס אנגעצונדענע לאָמפּען און די שאטענס פֿון די ווייבּער קריכען אַרום אויף די ווענט. מיט האסטיגע טריט געהט זי דורך די פרעמדע שמחה. אַך, דאָס אַלץ איז אזוי נאַריש, אזוי נאַריש...

* *
*

אַ בּריעף פֿון משה׳ן? אַ וואָס שרייבּט זי? — איר האַנד האָט אַ צאַפּעל געטון.

דערנאָך האָט זי האַסטיג אויפֿגעריסען דעם קאָנווערט זי האָט אַרויסגענומען אַ מאָגער בּריוועל אויף איין שטיק פּאַפּיר. צוגלייך דערמיט איז אַרויסגעפֿאַלען אַ קליין, געדרוקט קאַרטעל, אַן׳איינלאַדונג אויף דער חתונה צו איהר קוזין משה.

אין בּריוועל שרייבּט ער איהר, זי זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער שרייבּט אַזוי ווענינ, — זי וועט אַליין פֿערשטעהן, אַז אין אַזאַ צייט איז שווער אַ סך צו שרייבּען, זי ווינשט אייך גליק און אַ גרוס פֿון איהר...

זי האָט אַ פּאָר מינוט געהאַלטען דעם בּריעף מיט׳ן קאַרטעל; איהרע ליפּען האָבּען זיך צונויפֿגעפּרעסט, זי האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ בּוק געטהון, ווי עמיצער וואָלט איהר אַ שטאָך געגעבּען, אין פּלוצלינג זיך אַ וואָרף געטון אויפ׳ן בּעטעל, אינ׳אַ נצען צאַפּלענדיג פֿון געוויין. זי איז לאַנג־לאַנג אַזוי געלעגען. אין שטוב איז געווען שטיל, אַלע זענען שוין אין דער צווייטער שטוב לאַנג געשלאָפֿען, נאָר פֿונ׳ם הויף האָט זיך געהערט אַ פֿיעדעל־שפּיעלען פֿון דער חתונה. דאָס לעמפּעל האָט אָנגעהויבּען אויסגעהן, זי האָט זיך דערפֿיהלט מאָדנע מיד,

צי איז אַלץ אַרום איהר אַזוי נאַריש?... אָדער אַזוי קלוג?

איהר האָט זיך איצט אַזוי געוואָלט בעגרייפען די אַלע טעג מיט דעם גאַנצען שטיק לעבען, וואָס זי האָט אָבגעלעבט. וואָס איז געווען? וואָס וועט זיין? אָך, ווען זי וואָלט נאָך עפּעס געקאָנט רעדען צו איהם, צו משה׳ן...

און זי האָט זיך שטיל אויפגעהויבען, גענומען טינט און פּעדער מיט פּאַפּיער און מיט אַ טיף־אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ אָנגעהויבען.

„משה... ליעבער משה!“

מעהר האָט זי קיין וואָרט נישט געפונען און מיט אַ ביטער געוויין איז זי אויפ׳ן בעטעל געפאַלען...

1911.

אַ ש ט ו ב

די מאַדאַם גינגאָלד איז געווען די אייגענטימערין פון אַלע דריי גרויסע, קאַלטע, כמעט לעדיגע צימערן. די איבעריגע שכנים: די פריילין וואַלדמאַן, די מאַדאַם ראָזענצווייג, די פריילין סאָניע און די אַלטיטשקע אסתּר, וואָס האָט פאַרנומען אַ ווינקעל אין דער קיך, האָבען געצאָהלט דירה־געלט.

די מאַדאַם גינגאָלד איז געווען אַן׳אלמנה פון אַ יאָר פערציג, אַ הויכע, איבערגעבויגענע, מיט קורצע הענט. איהר פנים האָט שטענדיג געגלאַנצט, ווי ס׳וואָלט געווען אויסגעשמירט מיט פעטס. דער מאַן איז ביי איהר געשטאָרבען מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, דריטהאַלבען יאָר נאָך דער חתונה, איבערגעלאָזט איהר אַ זוהן, וואָס איז איצט שוין אַלט געווען אַ יאָהר עלף. אָט דער זוהן, אַבראַם האָט מען איהם גערופען, איז געווען דער איינציגער מאַנסביל אין די דריי גרויסע, קאַלטע, לעדיגע שטובען צווישען די אַלע פרויען. און נישט איינמאָל, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכען אַ מלחמה צווישען דער מאַמען מיט׳ן זוהן, האָבען זיך אַלע פרויען מיט דעם קליינעם מאַנסביל נישט געקאָנט קיין עצה געבען.

די טיר האָט זיך געעפענט אין אַ קליין פינסטער פּאָרצי[illegible]צר אַריין, פון וועלכען איין טיר האָט געפיהרט אין דער קיך. די צווייטע טיר האָט אין אַ גלייכער ליניע געפיהרט אין

די איבעריגע צוויי צימערן. די אַלע שכנ׳טעס האָבען אין דער דירה קיין בעזונדערע טיילען נישט פֿערנומען; וואו איינע האָט געוואָלט איז זי געשלאָפען, אַ חוץ דער אַלטיטשקער אסתר, וואָס האָט זיך אויסגעצי־ערט איהר ווינקעל אין קיך, וואו אַלע ווענד זענען געווען אויסגעהאָנגען מיט אַלטע, געלע פאָטאָגראַפיעס פון איהרע אייגענע.

ביי דער אַלטער אין קיך האָט זיך שטענדיג געפיהלט דער טרוקענער ריח פון אַלטקייט מיט אַ נאָך־ריח פון ציבעלע.

צי זי איז יאָ געווען אין דער היים, צי נישט, איז אלץ איינס שטיל געווען, ווייל שטענדיג פלעגט זי זיצען אויף איהר אַלטען, אויסגעריבענעם פאָטעל, וואָס איז איהר איבערגעבליבען פון די אַמאָליגע, גוטע יאָהרען, אַראָפגעלאזט דעם אַלטען, קליינעם קאָפ מיט׳ן איינגעשרומפענעם פנים אויף די קליינע, פון אַלטקייט, הענד, מיט אַ שטארען בליק, איבער די אויסגעגעלטע פאָטאָגראַפיעס אויף דער וואַנד. זעלטען פלעגט זי אין אָווענד מיטהאלטען מיט די איבעריגע פרויען, וואָס האָבען זיך אַרומגעזעצט אַרום׳ן טיש טרינקען טעה אין דערצעהלען מעשיות.

דער טיש, אַרום וועלכען די שכנ׳טעס פלעגען זיך אַרומזעצען איז געשטאַנען אין דער מיטעלסטער שטוב, וואו ס׳האָט געברענט אַ לאָמפ אונטער אַ גרינעם קלאָש. דאָס צימער איז געווען גרויס, און האָט אויסגעזעהן מאָדנע לעדיג. אין די ווינקלען איז כמעט פינסטער געווען, און דאָס האָט צוגעגעבען אַ מאָדנע שרעקיגקייט, ווי אַ שטענדיגער קראַנקער וואָלט אין שטוב געלעגען. אין לעצטען צימער איז געווען שטענדיג פינסטער און שפעט אין אָווענד, ווען מ׳האָט געדאַרפט דאָרט אַריינגעהן אויסבעטען, האָט יעדע פון די פרויען מורא געהאַט אַריינצוגעהן, ביז וואַנען אַלע האָבען זיך צוזאַמענגענומען מיט אַ אָנגעצונדענער לאָמפ און געשטופט איינע די צווייטע פאַר זיך.

די גע[illegible]פרעכען, וואָס זענען אין די אָוועטען געפיהרט געוואָרען זענען כמעט שטענדיג געווען די זעלבע. מ׳האָט אָנגעהויבען וועגען מענער, גליק, געלד, אָדער איינעם זאַלמאַנאָוויטש, אַ יונגערמאַן, וועלכען זיי האָבען אַלע געקענט. אָנגעפיהרט

היט׳ן שמועס האָט מאַדאַם גינגאָלד. זי האָט גערעדט הויך און שווער, צומאַכענדיג אומגעלומפערט מיט די הענד, אַזוי ווי ס׳רעדען פויערן פון ווייטע, פערוואָרענע געגענדען. די שעה האָט זי געזיפצט מיט אַזאַ רעש, ווי מ׳וואָלט געבלאָזען אין אַ רעהר, און יעדער שלינג איז אין אַריינגעפאַלען ווי אַ שטיין. די רעשט פרויען האָבען זי נישט ליעב געהאַט פאַר איהרע זיטען, כאָטש אין דער נאַטור איז זי געווען אַ גוטע.

די מאַדאַם ראָזענצווייג, איז געווען אַן׳עגונה פון אַ יאָהר 35, מיט אַ מאָדנע ווייס פנים, ווי אַ טויטע; מ׳האָט זי געקענט אָננעהמען פאַר אַ קליין מיידעל און פאַר אַן׳אַלטער יודענע. מיט איהר מיר=צוצויגענעם און דאָך איינגעשפאַרטען און שלעכטען געלעכטער פלעגט זי אָפלאַכען פון דער גינגאָלד:

— כאַ=כאַ כ=אַ=אַ, די מאַדאַם גינגאָלד דערצעהלט, אַז איהר מאַן האָט זי געטראָגען אויף די הענד... איהר שטעלט זיך פאָר, ווי מ׳טראָגט אַזעלכעס אויף די הענד?...

דערביי האָט זי געוואָלט, אַז אַלע זאָלען לאַכען; נאָר קוקענדיג אויף איהר ווייס, טויט פנים, האָט זיך נישט געוואָלט לאַכען און די פריילין וואַלדמאַן האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס=זשע לאַכט איהר אַזוי?... ס׳איז גאַנץ מעגליך, אַז איהר מאַן האָט זי טאַקע ליעב געהאַט! וואָס מיינט איהר, אַז בלויז דאָס פנימ׳ל שפּיעלט אָ ראָליע?...

אָט די פריילין וואַלדמאַן איז שוין געווען אַלט אַ יאָהר פינף און פערציג, אַ קליינגעוויקסיגע, אַ קיילעכיגע, אָהן אַ האַלז; דער קאָפּ האָט זיך ביי איהר געהאַלטען אויף עטליכע גוידערס, איהרע האָר זענען געווען גרוי=געלבליך און די הענד און פיס אַזעלכע קורצע, אַז זי האָט קוים=קוים געקאָנט מיט זיי בעוועגען. דערפאַר איז זי טאָג און נאַכט געזעסען אויף דער סאָפע, אַראָבגעהאָנגען די קורצע, קיילעכיגע פיס, וועלכע האָבען נישט נעקענט דערגרייכען צו דער פּאָדלאָגע.

זי האָט געהאַט, ווי זי אַליין פלעגט זאָגען, אַ רייכע פערגאַנגענהייט. זי האָט דערצעהלט פון איהרען אַ ראָמאַן, וואָס זי האָט געפיהרט מיט אַ פידעל=שפּיעלער, וואָס האָט

געוואוינט אין אַ פֿענסטער געגענאיבער איהר. אין דער לעדיגער צייט, האָט זי געהאַלטען אַ מאַנדאָלינע, אויף וועלכער זי האָט גאָרנישט געקאָנט אויסשפּיעלען, ווייל איהרע פינגער האָבען זיך פֿון קורצקייט און דיקקייט נישט געקאָנט בויגען איבער די סטרונעס. זי האָט אַ סך געלאַכט, געלעבט גוט מיט אַלע, אַ חוץ מיט איין פֿריילין סאָניע, אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, וואָס איז געווען אַ קאַסירערין אין אַ אַפּטייק. די פֿריילין סאָניע פֿלעגט אַהיימקומען אין צווענד, אויסוואַשען זיך די האָר און דערנאָך, ווען זי האָט מיט אַ האַנדטוך אַרומגענומען די נאַסע האָר, פֿלעגט זי זיך אַוועקזעצען אין אַ ווינקעל און נעהמען וויינען. מיט דעם וויס=אַרומגעבונדענעם קאָפּ, אין שטילען, שלוכצענדען געוויין, האָט זי אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ געמיט פֿון משוגעת. דעמאָלט האָט די פֿריילין וואַלדמאַן, איהר אויף להכעיס, זיך גענומען צו דער מאַנדאָלינע, אָדער גלאַט אַזוי זינגען עפּעס אַ פּייפּענדיגען נגון, ביי וועלכען ס'האָט זיך געגלוסט הויבען די פּיס. דערביי פֿלעגט זי זיך לאַכענדיג ווענדען צו די איבעריגע, וואָס זענען שוין געוואוינט געווען צו דער פֿריילין סאָניעס געוויין:

— קינדערלעך, היינט האָבען מיר, דאַכט זיך, יום=כפור.— נאָכדעם האָבען זיך שוין איבערגעוואָרפען פֿערשידענע ווערטלעך אויפ'ן אַדרעס פֿון דער וויינערין:

— זי בעט זיך אויס אַ חתן...

— זי וויינט, זי זאָל קריגען שוואַרצע אויגעלעך...

נאָר איינע האָט נישט געשפּאַסט פֿון דער פֿריילין סאָניעס געוויין. דאָס איז געווען די בעל=הבית'טע, די מאַדאַם גינגאָלד; זי האָט נאָר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואוסט דעם סוד פֿון איהר וויינען.

— זי וויינט... ס'ווילט זיך איהר וויינען—וויינט זי...— פֿלעגט זי דערביי שטענדיג זאָגען. זי איז שוין שטענדיג געווען אַזאַ מענש, זי האָט קיינמאָל קיינעם נישט געשטערט; וואָס איינע פֿון איהרע מיטוואוינערינס האָט געוואָלט, האָט זי

געקאָנט טון. זי האָט אויך פיינד געהאַט, אַז מ'האָט איהר אַנ'עולה געטון. אין אַזעלכע פאַלען, פלעגט זי דונערן מיט איהר יאָמערליכער מורא'דיגער שטימע. מיט בליציגע אויגען האָט זי אין טיש אריין געקלאַפּט:

— איך האָב פיינד אַזעלכע זאַכען!

נאָר לאַנג האָט עס ביי איהר נישט געדויערט, באַלד פלעגט זי זיך איבערבעטען און צוריק געווען גרייט יעדען אַ טובה צו טון.

*

אין דער טונקעלער קיך, אויף איהר אַלטען פאָטעל, איז געזעסען די אַלטיטשקע אסתר. אין פענסטער האָט אַריינ-געקוקט דער מאַטער, גרויער, ווינטערדיגער פאַרנאַכט. אין דער קיך האָט געקנאַקט דאָס פייער און דער טשייניק האָט געסיקעט; דאָס האָט אָנגעפילט די קיך און די אַלטע מיט אַ מאָדנעם, ווינטערדיגען טרויער, וואָס דערמאָהנט אינ'ם טויט פון נאָהנטע.

די אַלטיטשקע האָט געקלערט דערפון, וואָס אין לעצטען ווינטער זענען שוין איהרע אויגען גאָר שוואַך געוואָרען. זי האָט איצט געקוקט אין אַ ווינקעל און גאָר נעפעלדיג, אפשר מעהר פון געוואוינהייט, געזעהן די פאָטאָגראַפיע פון איהר יונגסטען זוהן. וויפיעל די אַלטע, קראַנקע אויגען זענען אימ-שטאַנד געווען צו קוקען אויף דער אויסגעגעלטער פאָטאָגראַפיע פון דעם יונגען סאָלדאַט, אויף וועלכער ס'זעהט זיך אָן צום שאַרפסטען דער פאַסעק מיט די שפּאָרען! טיילמאָל ווערט זי גאַנצע שעה'ען נישט מיד צו קוקען אין דעם ווינקעל אַריין.

פון דער צווייטער שטוב האָט זיך דערטראָגען דאָס פעטע, קוויטשיגע געלעכטער פון דער פריילין וואַלדמאַן. אין יענעם צימער האָט שוין, זעהט אויס, געברענט אַ לאָמפּ, ווייל אינ'ם פינסטערען פעדער-הייזעל האָט זיך אַריינגעשטאָכען אַ שפּיז ליכטיגקייט פון דער אָבגעשפּאַרטער טיר. מאָדנע האָט געערגט די אַלטע דאָס געלעכטער פון דער פריילין וואַלד-מאַן. „נאָר סע לאַכט, אַ גדולה האָט זי געטראָפען"—האָט זי

געקלערט. נאָר אָט איז אַריינגעקומען די מאַדאַם גינגאָלד מיט צוויי גלעזער נאָך טעה.

— וואָס=זשע זיצט איהר דאָ אסתר, ס׳איז דאָך קאַלט ביי אייך און פינסטער, קומט אַריין צו אונז... מיר זעצען זיך טרינקען טעה... וועלען מיר זיך עפּעס דערצעהלען...

די פריילין וואַלדמאַן האָט אַריינגעשטעקט איהר קאָפּ אין דער קיך אַריין. איהר געל=גרויליכער קאָפּ האָט אין דער טונקעלקייט אויסגעזעהן, ווי אַ פלאָנטער פון היהנער=פעדערן.

— וואָס טוט זי דאָ, די אַלטע, זי חלומ׳ט?...

— יאָ! — האָט די מאַדאַם גינגאָלד איהר געענטפערט— איהר מעגט זיך צוזעצען צו איהר...

— ע, נאָך ווייט, נאָך ווייט... — דעקלאַמירט די פריילין וואַלדמאַן, טאַנצענדיג צוריק אין שטוב אַריין:

— אויף מיר וואַרט נאָך אַ לעבען, אָט וועט איהר זעהן!... — און ווידער אַ פּעט קוויטשיג געלעכטער, וואָס קלינגט אַזוי אומעטיג אין די האַלב=פינסטערע, קאַלטע, ליידיגע שטובען...

*

די מאַדאַם ראָזענצוויג איז געזעסען ביים שפּיגעל. זי האָט ליעב געהאַט זיך לאַנג צו קעמען און מאַכען פערשידענע פריזורעס, צולאָזען איהרע האָר איבער די אַקסעל. איהרע האָר זענען געווען שוואַרץ און האַרט. איבער איהר מאָדנע, ווייס פנים האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ שוואַרצער האָהן וואָלט איהר געזעסען אויפ׳ן קאָפּ. שטענדיג נאָך דעם, ווי זי האָט צולאָזען איהרע האָר, האָט זי געהאַט צו דערצעהלען אַ גע= שיכטע, אַז זי איז געווען אַ יונג מיידעל, איז זי שטענדיג געגאַנגען די האָר צולאָזען און איינער אַ יונגערמאַן, אַ מאָ= לער, אַ שכנ׳ס אַ זוהן, פלעגט איהר נאָכלויפען. ער האָט זי געוואָלט אויסמאָלען נאָר אַזוי מיט די צולאָזענע האָר, אָבער זי האָט נישט געוואָלט.

דערויף האָט איהר די פריילין וואַלדמאַן געענטפערט:

— אַודאי, אַז אייגער איז משוגע לויפט מען איהם נאָך... —

די פריילין וואַלדמאַן האָט ליעב געהאַט יעדען צו ענטפע־
רען מיט אַ ווערטעל.

— נו, צום טיש, ווייבער! — האָט די מאַדאַם גינגאָלד אויסגערופען — טרינקען טעה!

מ'האָט זיך אויסגעזעצט צום טיש. דער קליינער אַבראַם, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען מיט אַ רויטער נאָז פון פראָסט, האָט זיך געוואַרימט ביים אויווען, די מאַדאַם גינגאָלד האָט איהם אַלע מאָל אָבגעווישט די נאָז. אַבראַם האָט דער־צעהלט, אַז געהענדיג אין שולע, האָט ער בעגעגענט איינעם, אַ הער, וואָס איז אַמאָל צוליעב אַ טעות געווען ביי זיי אין שטוב. דאָס האָט אַרויסגערופען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, די מוטער האָט איהם אויסגעפרעגט מיט אַלע איינצעלהייטען, אויף וואָס פאַר אַ גאַס, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזעהן. די פריילין וואַלדמאַן האָט מיטביידע הענד צוגעהאַלטען דאָס יונגעל נעבען זיך און אויסגעפרעגט:

— זאָג, אַבראַמעק טייערער... וואו האָסטו איהם געזעהן? טאַקע דער מיט די לאַנגע וואָנסען? דער, וואָס איז אַמאָל גע־וועזען ביי אונז פרעגען וויפיעל מיר צאָהלען פאַר דער דירה?... פאַרוואָס ביסטו צו איהם נישט צוגעגאַנגען?...

— צו וואָס?

— כ'ווייס... — צולאַכט זיך די פריילין וואַלדמאַן.

— זעהט ווי זיי האָבען זיך גענומען צום קינד? — רופט זיך אָב די מאַדאַם ראָזענצווייג. דערנאָך פרעגט זי:

— ווער איז דאָס דער הער? איך קען איהם נישט?

— אָהאָ! — ווייזט איהר אָן די פריילין וואַלדמאַן — אייך אינטערעסירען דאָך נישט אַזעלכע נאַרישקייטען...

ווען די פריילין סאָניע איז אַריינגעקומען האָט די מאַדאַם גינגאָלד פערשלאָסען די טיר. אַזוי איז אַ גאַנצען ווינטער. ווען קיינער פון די שכנים פעהלט שוין נישט, ווערט די טיר פערשלאָסען. און זאָל ווער אָנקלאַפען עפענט מען נישט פריהער, ביז מען ווייסט נישט, ווער עס קלאַפט.

צוריקגעהענדיג מיט דער טעה, האָט די מאַדאַם גינגאָלד

זיך אָבגעשטעלט נעבען דער אַלטיטשקער אסתר, וואָס איז נאָך צולץ אין דער זעלבער פּאָזע געזעסען אויף איהר פּאָטעל:

— נו, אסתר, קומט אַביסעל אַריין צו אונז! קומט, קומט...— זי האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר.

די אַלטע האָט געקרעכצט, דערנאָך לאַנגזאַם אַ שטיקעל אַלטע חלה צו דער טעה מיטגענומען און קרעכצענדיג געגאַנגען נאָך דער מאַדאַם גינגאָלד. אינ׳ם ליכטיגען צימער האָט זי די אויגען נישט געקענט עפּענען:

— אוי, קינדערלעך, איך בין דאָך אינגאַנצען בלינד... כ׳זעה דאָך גאָרנישט פאַר מיינע אויגען... — האָט זי זיך מיט אַ וויינענדיגער שטימע געקלאָגט.

די מאַדאַם גינגאָלד האט אראָבגעדרעהט די לאָמפּ און די אַלטע נעבען טיש אַוועקגעזעצט.

די פרייליין סאָניע האט געגעסען אָוענד־ברויט, אַריינקוקענדיג אין אַ בוך. אויף דער סאָפקע, וואָס איז געווען צוגערוקט צום טיש, איז געזעסען די פרייליין וואַלדמאַן. זי איז געזעסען איינגענורעט און האָט דערמאָנט אָן אַ קנויל קישענס. האַלב אריינגערוקט אין איהר איז געזעסען די מאַדאַם ראָזענצווייג. זי האָט זיך ליעב געהאַט צו טוליען צו דער פרייליין וואַלדמאַן, ווייל וואו זי איז געזעסען איז געווען וואַרם.

די מאַדאַם גינגאָלד איז זיך מיט איהר קליינעם זוהן בעגאַנגען שטרענג, זי האָט עס אָנגערופען ערציהונג. זי האָט איהם געגעבען זיין ווילען געלעגט פריה שלאָפען, און ווען ער האָט, ליגענדיג אין בעט, געעפענט אַנ׳אויג אָדער אַריינגעשטעלט אַ וואָרט אין געשפּרעך, האָט ער פאַר אַ שטראָף באַלד געמוזט ענטשלאָפען ווערען.

איצט איז מאַדאַם גינגאָלד אויך פערנומען געווען מיט שלאָפען לעגען איהר אַבראַמען. דערביי האָט זי יעדען אָוענד גערעדט דאָסזעלבע:

אַלע אָרענטליכע קינדער דאַרפען איצט געהן שלאָפען, זיי זאָלען קענען פריה אויפשטעהן און געהן אין שולע לערנען, ווערען אַ מענש.

— אָבער מיר ווילט זיך נאָך נישט שלאָפען, — האָט דער קליינער גע׳טענה׳ט — מיר ווילט זיך נאָך גאָרנישט שלאָ-פען.

— ניין, מיין קינד, דו האָסט שוין גענאַרפט שלאָפען פון אַ שעה צייט. אַנדערע קינדער האָבען טאַטעס, וועד ס׳זאָל זאָרגען פאַר זיי, דו האָסט נאָר אַ שוואַכע מאַמע, דאַרפסטו זיך נישט שפּאַרען...

דאָס האָט זי יעדען אָוונד איבערגע׳חזר׳ט מיט דער זעלבער טרוקענקייט. דאָס יונגעל האָט שוין נאָך דעם אָנגע-וואוירען די האָפנונג אויסצופיהרען און איז מיט אַ פערקרומט פנים פון וועלען וויינען געגאַנגען אין בעט אַריין.

ווען די מאַדאַם גינגאָלד איז פערטיג געוואָרען מיט איהר זוהן, האָט זי דערלאַנגט טעה און מען האָט זיך געזעצט אַרום דעם טיש.

אוי, קינדערלעך, קינדערלעך מיינע!—האָט די אַלטע אָנ-געהויבען, ווי זי וואָלט פון עפּעס אַרויסגעלייענט און געמומען איבער׳חזר׳ן די מעשה, וואָס מ׳האָט שוין נישט איינמאָל גע-הערט.— אוי, קינדערלעך, קינדערלעך מיינע... איך זיץ און בעטראַכט אייך דאָ אַלע: איך בין שוין, דאַכט זיך, נישט קיין מיידעלע... איך האָב שוין אויף מיין לעבען איבערגעזעהען מענשען... ווי האָט מען אַמאָל געזעהן אַזעלכע ווייבלעך, אַזעל-כע מיידלעך ווי איהר!.. ווען איך בין געווען אַ מיידעל, איז דאָך געווען אַ פערגעניגען אויף מיר אַ קוק צו טון. די באַ-קען רויט ווי די עפּעל... זיי פלעגען מיר דאָך נאָכלויפען: „אסתר׳ל, אפשר אין טעאַטער? אסתר׳ל, אפשר אין גאָרטען?" אסתר׳ל דאָ, אסתר׳ל דאָרט, כ׳ווייס... וואָס האָב איך דען נישט געקענט אויספיהרען?.. ווי אַ גרעפין האָב איך דאָך גע-לעבט...

די אַלטע האָט אויף אַלע אָנגעיאָגט אַ מורא פאַר דער עלטער.

— אוי, די עלטער, קינדערלעך!.. אַ מענש לעבט דאָך צו ווערען אַלט...— איהרע קליינע, בלינדע אויגען, זענען פער-

לאָפּען מיט טרעהרען — אוי, די עלטער, קינדערלעך!.. אַז מען בלייבט עלענד אין דער פרעמד, די קינדער צושוואומען אויף שבעה ימים... אָט דער זוהן דאָרט, פון דער פאָטאָגראַפיע... איידער איך האָב איהם דערלעבט צו מאַכען פאַר אַ מענש... וויפיעל צרות, וויפיעל מאָל איז ער אין די קרעמפּען געלעגען... קינדווייז איז עס געווען אַ קראַנקס, קוים וואָס די נשמה [illegible] זיך אין איהם דערהאַלטען... קום איך איינמאָל פון גאַס, ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר עלף, און זיין עלטער, — האָט זי אָנגעוויזען אויף דעם בעטעל, וואו אַבראַם איז געלעגען, — איך טו אַ קוק אויף דעם קינד: אַן'אומגליק איז מיר געשעהן: אַ טויטער... די אויגען איבערגעדרעהט, דעם קאָפּ פערוואָרפען... געוואַלד, שריי איך, מענשען!.. מענשען זענען זיך צונויפגעלאָפען, דאָקטוירים געבראַכט, — מיט געוואַלד אַרויסגעריסען איהם פון טויט. „מאַמע, — זאָגט דאָס קינד צו מיר, ווען ס'איז אַ ביסעל צו זיך געקומען — מאַמע... ווייסט, פון דער לעצטער שטוב איז צו מיר אַריינגעקומען דער פעטער ישראל, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אָנגעטון אין ווייסען און געהייסען מיר שלאָפען". דער פעטער ישראל — דאָס האָט ער געמיינט מיין מאַנס אַ ברודער, אַ קראַנקער געווען, געשטאָרבען נעבעך אין מיטען דער גאַס...

— איי, באָבע, הערט אויף צו דערצעהלען — האָט זיך אויפגעהויבען די פריילין וואַלדמאַן — די האָר שטעלען זיך קאַפּויר...

די מאַדאַם ראָזענצווייג האָט זיך אָבגעשאָקעלט.

— לאָמיר בעסער רעדען וועגען פרעהליכערע זאַכען! — האָט זיך אָבגערופען די פריילין וואַלדמאַן. נישט אַזוי די מעמה האָט זי געשראָקען, ווי עס איהר גלאַט געווען לאַנגווייליג אויסצוהערען.

— באָבע, באָבע! דערצעהלט ווייטער!... — האָט זיך פּלוצלינג אָבגערופען אַבראַם פון'ם בעט אַראָב.

— זאָלסט שוין שלאָפען! — האָט די מאַדאַם גינגאָלד אַ קלאַפּ געטון אין טיש — הערסט!

דער קליינער האָט שנעל צוגעמאַכט די אויגען.

די אַלטע, ווי מ'האָט איהר איבערגעריסען דאָס דער־צעהלען, האָט באַלד אָנגעהויבען דרימלען. איצט האָט זי זיך מיט צוגעמאַכטע אויגען געשלייכט אין קיך אַריין.

— די אַלטע מאַכט מיר דעם טויט מיט איהרע מעשיות— האָט זיך אָבגערופען פריילין וואַלדמאַן.

— כ־כאַ, כאַ־כאַ־אַ!—האָט זיך צולאַכט די מאַדאַם ראָ־זענצווייג מיט איהר אויסגעצויגענעם געלעכטער.—די פריילין וואַלדמאַן וועט שוין באַלד אָנהויבען דערצעהלען אַזעלכע מעשיות...

— האָט איהר געהערט, איך וועל אייך בעסער דערצעה־לען אַ שענערע מעשה!—האָט געזאָגט די פריילין וואַלדמאַן.— איך ווער גאָר אַ שדכנ'טע. דאָס ערשטע רעד איך אַ שדוך דער מאַדאַם גינגאָלד.

אַלע האָבען זיך צולאַכט. אפילו די פריילין סאָניע, וואָס האָט אין דעם בוך אַריינגעקוקט, האָט אויך געשמייכעלט.

די פריילין וואַלדמאַן איז געווען צופריעדען דערפון, וואָס זי האָט אַרויסגערופען אַ געלעכטער. זי האָט אַלע גע־קלאַפט איבער די פלייצע:

— אַלע וועט איהר ביי מיר קריגען חתנים, אַלע!...

— צום ערשטען קריגט פאַר זיך אַליין!—האָט איהר די פריילין סאָניע געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— זעהט, זי לאַכט גאָר, און איך האָב געמיינט, אַז זי וויינט?

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען ווערטלעך, איינע האָט געוואָלט די צווייטע איבערשטייגען.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען כמעט יעדען אָוועגד. און שטענדיג האָט די פרעהליכערע שטימונג אַריינגעבראַכט די פריילין וואַלדמאַן. אַליין איז זי געזעסען אויף דער סאָפע, די הענד ביי די שווערע, קיילעכיגע זייטען, געלאַכט מיט איהר קוויטשיג געלעכטער, אַז מ'האָט געקענט הערען אויפ'ן הויף, דערצעהלט מעשיות, געזונגען ליעדלעך ביז האַלבע נאַכט...

צוליב דעם, וואָס אין לעצטען צימער איז געוואָרען שטאַרק קאַלט, זענען אַלע געשלאָפען אין דער מיטעלסטער שטוב. ס׳איז געווען פינסטער, די פרויען זענען געלעגען וואַכעדיג אין די בעטען. אין דרויסען האָט זיך געהערט דער ווינד און אויף די פינסטערע פענסטער האָט זיך געפיהלט דער ווייסליכער אָבגלאַנץ פון שניי.

דער מאַדאַם ראָזענצווייג איז אויסגעקומען צו שלאָפען מיט דער מאַדאַם גינגאָלד. די פריילין וואַלדמאַן האָט זיך נישט צושיידט מיט דער אויסגעוואַרימטער סאָפע, וואו זי האָט זיך אויסגעבעט מיט אַ סך קישענס, אַזוי, אַז זי איז געלעגען ווי אין אַ גרוב.

— איהר ווייסט, ווען כ׳טו אַ קוק אויף די פענסטער, ווערט מיר קאַלט! ברררר...—ס׳האָט זיך געהערט, ווי זי לאָזט זיך אַריין נאָך טיעפער אין דער וואַרימקייט פון די קישענס. זי האָט אַ געניץ געטון און, אָבשווייגענדיג אַ מינוט, האָט זי זיך אָבגערופען מיט אַ פערקלערטקייט אין טאָן:

— ווייבער! ווייבער... איהר שלאָפט? איך האָב איהם היינט ווידער געזעהן.

— האַ, ווער־זשע?—האָבען זיך אויפגעכאַפט ביידע, די מאַדאַם ראָזענצווייג און גינגאָלד.

— זאַלמאַנאָוויטש׳ן...

— זאַלמאַנאָוויטש׳ן? ווען, ווי אַזוי?...

— כ׳האָב איהם געזעהן אין גאַס—כ׳ווייס נישט, צי ער האָט מיך אויך געזעהן. קינדערלעך מיינע, ער איז דאָך אַזאַ שעהנינקער, אַ גאָלדענער יונגערמאַן, מיר זאָל זיין פאַר איהם...— זי איז זיך אַזש פערגאַנגען אין איהר קוויטשיגען געלעכטער.

— אַהאַ, ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבען זאַלמאַנאָוויטש, וועט עס שוין געדויערן אַ גאַנצע נאַכט! לאָזט מיך שלאָפען...— דאָס האָט געזאָגט די פריילין סאָניע, וואָס איז געשלאָפען אויף איהר אויפגעשטעלט בעטעל אין מיטען שטוב נעבען טיש.

די פריילין וואַלדמאַן האָט געלאַכט אַזוי, אַז זי האָט

זיך געטרייסעלט צוזאַמען מיט די קישענס און מיט דער סאָפע.

— כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כ־אַ! לאָמיר כאָטש רעדען פון איהם, ער איז דאָך אַזאַ שעהנינקער, קינדערלעך...

די פריילין סאָניע האָט קיין ליגען נישט געזאָגט: דאָס געשפרעך וועגען זאַלמאַנאָוויטש׳ן האָט געדויערט לאַנג, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די פריילין וואַלדמאַן איז מיד געוואָרען. זי האָט אַ קרעכץ געטון, פון דעם קרעכץ האָבען אַלע געוואוסט, אַז זי וועט שוין מעהר וועגען דער זאַך נישט רעדען. דאָס איז געווען אַ קרעכץ פון לאַנגווייליגקייט.

נאָך איהר האָט זיך דערהערט דער מאַדאַם גינגאָלדס קרעכץ:

— אוי־אוי־אוי!... איך זאָג, אַז דאָס גאַנצע לעבען איז אַ נאַרישקייט...

דערנאָך האָט מען לאַנג געשוויגען. נאָר די ראָזענצווייג האָט נישט אויפגעהערט צו ציהען איהר מיד, אַזוי ווי חלב אויסגעצויגען געלעכטער.

די פריילין סאָניע האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט:

— וואָס זאָגט איהר מאַדאַם גינגאָלד, דאָס לעבען איז אַ נאַרישקייט, אַ? איך זאָג עס זינט כ׳בין צום שכל געקומען... וואָס איז דאָס לעבען? נאָך אַ טאָג, נאָך אַ יאָהר... וואָס קומט אונז אַרויס?... דאָס לעבען איז אַן׳אַרטיקעל פאַר זאַטע, צופריעדענע מענשען, וואָס פיהלען נישט און דענקען נישט... אָבער מיר, צו וואָס דאַרפען מיר לעבען, צו וואָס?...

— וואָס ווילט איהר, מיר זאָלען זיך דאָס לעבען נעהמען? — האָט זיך אָבגערופען די ראָזענצווייג מיט איהר געלעכטער. איהר האָט קיינער נישט געענטפערט.

ס׳איז געווען שטיל און ס׳האָט זיך געפיהלט, אַז יעדע פון די פרויען איז פערנומען מיט געדאַנקען. אַזוי ווי אַלעמאָל אין דער צייט, האָט זיך אויסגעגאָסען אַ שווער נאָגענד געמיט אין דער פינסטערער שטוב. ביז וואַנען מ׳איז איינגעשלאָפען האָט מען זיך איבערגעוואָרפען מיט האַלבע, אָבגעריסענע ווערטער. די מאַדאַם גינגאָלד האָט אין דער צייט שטענדיג

גערעדט וועגען איהר מאַן, וואָס האָט זי אויף די הענד געטראָגען; וועגען איהרע מיידעלשע יאָהרען, און אַזוי ווייט און פרעמד האָט געקלונגען דאָס אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט, אַז ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטען פון איהרע רייד, אַז מאָרגען וועט זי שוין נישט קאָנען לעבען, ווי ביז אהער... זי וועט שוין נישט קאָנען האַנדלען מיט די רעשטלעך, ווי ביז אַהער...

די ראָזענצווייג האָט פון צייט צו צייט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגעגעבען איהר כאַראַקטערלאָזיגקייט און געפאַלענקייט. דאָס איז געוועזען אַ בעשעפעניש, פון וועלכע עס האָט זיך שטענדיג געוואָלט ענטלויפען. איהר ווייס פּנים מיט די שרעקליך-שוואַרצע קוילען-האָר האָבען קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. דער איינציגער געדאַנק, מיט וועלכען זי האָט זיך אַרומגעטראָגען, איז געוועזען, צו קריגען געלד אויף אַריינצושטעלען זיך ציין. און דערפאַר האָט זי שטענדיג ביים שפּיגעל געצעהלט די לעדיגע, פינסטערע ערטער.

זי האָט געאַרבייט הוט-פעדערן און די מלאכה האָט מאָדנע געפּאַסט צו איהר אויסזעהן, צו איהר שלעכטען, אויסגעצויגענעם געלעכטער. נישט איינמאָל, ווען זי איז געזעסען ביי איהר טישעל, דרעהענדיג אין דער האַנד אַ שוואַרצע, גרויסע פעדער, האָט זי אויסגעזעהן, ווי עפּעס אַ גייסט פון אַ ש׳עכטען פויגעל. זי דערצעהלט פון אַ מאַן, מיט וועלכען זי האָט געלעבט אַ קורצע צייט. נאָר קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט איהר גלויבען. פון צייט צו צייט איז זי אַוועקגעפאַלען אויף אַ משוגה׳דיגען שלוקערץ, וואָס איז איהר געקומען, ווי זי האָט דערצעהלט, פון שרעק. דעמאָלט, ליגענדיג אויפ׳ן בעט מיט צופלאָסענע האָר, און אָפענעם אָהנצייניגען מויל, פון וועלכען ס׳האָבען זיך אַרויסגעריסען ווילד-ראַציגע גרילצען,— האָט זי אויסגעזעהן, ווי עפּעס אַ בייזע שרעקליכע מגפה, וואָס איז אויף דער ערד געקומען.

איינמאָל איז געקומען איינער אַ הויקער, אַ געלער און נעפּרעגט אויף איהר. דערנאָך, ווען ער האָט זי דערזעהן, האָט ער איהר צוויי מאָל אַ זעץ געטון אין האַרץ אַריין און

איז אַוועק. זי האָט געלאַכט לאַנג און פאַלש און דערצעהלט דער מאַדאַם גינגאָלד, אַז דאָס וויל ע ר, זי זאָל חתונה האָבען מיט איהם.

די פריילין וואַלדמאַן איז שוין געשלאָפען. זי האָט גע־בראָפעט ווייך און שווער, אַזוי ווי דאָס פלייש, מיט וועלכען זי איז געווען אָנגעגאָסען, וואָלט געשריגען. נאָר וואָס די מאַדאַם גינגאָלד הָט אָפּט געקרעכצט. דעמאָלט, האָט זיך צו איהר אָבגערופען די פריילין סאָניע:

— איהר קענט נישט שלאָפען?..

— אַך, אַך, מ׳קען אויסגעהן פון אומעטיגקייט... וואָס פאַר לעבען איז עס?.. — זי האָט אָבגעשוויגען אַ מינוט און ווייטער געזאָגט — נאָר אייך פערשטעה איך טאַקע נישט, פריילין סאָניע! איהר זענט דאָך שוין נישט קיין קליין מיידעלע. איהר האָט געדאַרפט זיך איינאָרדנען אַנדערש. אָט, איהר זעהט דאָך, ווי מיר לעבען...

די פריילין סאָניע האָט אַ ווייענדיגען זיפץ געטון.

— נו, און וואָס איז שוין, אַז מ׳האָט חתונה מיט אַ מאַן? איך גלויב נישט אין גליק פונ׳ם לעבען...

— אַך, פריילין סאָניע, זאָגט דאָס נישט. ווי איינעם ס׳טרעפט: ס׳איז דאָ פרויען, וואָס זענען נישט שענער און נישט בעסער פון אונז,—פונדעסטוועגען לעבען זיי זיך אָב גליקליך. ס׳האָט נאָר צום מזל...

— דאָס איז דאָס גליק...—האָט די פריילין סאָניע אַרויס־געמורמעלט פערקלערט.

— נאָר אויף וואָס דען האָבען מיר צו וואַרטען? וואָס דאַרפען מיר זיך נאַרען? מענשען פון אונזער שטאַנד... וואָס איז מיר געווען בעסער, אַז כ׳בין געווען אַ מיידעל? געאַרבייט אויף אַ קליידעל, אויף אַ הוט... דאָס איינציגע, וואָס איז נאָר אַ שאָד,—איז די יוגענד.

— אָבער פאַרוואָס פערשטעהט איהר מיך נישט, אַז ס׳איז דאָ אַ חוץ די זאַכען נאָך עפעס אַזוינס, וואָס מען קען עס נישט פערזאָרגען... און אפשר איז דאָס נאָר מיט מיר

אַזוי?... איך קען נישט לעבען אַזוי ווי אַנדערע. גאָט מיינער, ווען דאָס זאָל שוין זיין אַלץ... טאָ וואו איז דאָס שעהנע לעבען, דאָס גליק פון וועלכען כ׳האָב אין די ביכער געלע־זען...—האָט די פרייליין סאָניע צוטראָגען גערעדט.

— נישט נאָר די ביכלעך, מיין ליעבע! איך האָב אויך אַמאָל געלעזען ביכער און כ׳האָב אויך געמיינט, אַז מ׳קען אַזוי לעבען, ווי אין די ביכער... אָנגעהויבען האָט זיך טאַקע אַזוי. ס׳זענען געווען צייטען, ווען אַלץ האָט זיך אויסגעמאָלט גאָר אַנדערש... מיין מאַן, פאַר אונזער חתונה, האָט מיר אויסגעמאָלט, ווי שעהן און גליקליך מיר וועלען לעבען. נאָר וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט?...

— אַך! — האָט די פרייליין סאָניע אַדורכגעזיפט דורך די ציינער — איהר פערשטעהט מיך נישט...

— וואָס פערשטעה איך נישט? — האָט די מאַדאַם גינ־גאָלד איהר געוואָלט ענטפערען.— איך פערשטעה, איהר אַ מיי־דעל אין אייערע יאָהרען...

נאָר ווייטער האָט זי שוין נישט גערעדט, ווייל דער פרייליין סאָניעס שטילע שלוכצען האָבען זיך שוין געהערט אין דער פינסטערער שטוב...

*

פון אָנהויב ווינטער אָן האָט די פרייליין סאָניע זיך שוין געפיהלט קראַנק. דער דאָקטאָר האָט געפונען, אַז ס׳איז אַ נער־ווען-קראַנקהייט. ער האָט געזאָגט, אַז עס וועט איבערגעהן, נאָר זי האָט זיך געפיהלט וואָס אַ מאָל טיעפער אין דעם נעפעל פון דער קרענק.

מיט צוויי יאָהר צוריק איז זי געקומען פון אַ רוסישער פראָווינץ־שטאָדט, וואו זי האָט געהאַט אַ פאָטער — אַ שמיד. דאָס איז געוועזען אַ ריעזיגער מענטש, וואָס האָט אַ סך גע־טרונקען. ער פלעגט שלאָגען און ווילדעווען שכור׳ערהייט און ווירקען אויף איהם האָט געקאָנט נאָר אַ מיליטער־מענש פון אַ העכערער ראַנגע. איהר מוטער איז געשטאָרבען, ווען סאָניע

איז אַלט געווען אַ יאָהר זיבעצען. דער פּאָטער האָט זיך מיט איהר בעגאַנגען שטרענג, נישט איינמאָל זי געשלאָגען, אָדער גענויט זי צו בעדיענען זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט גע׳שכּורט... זינט זי איז אַוועק פון דער היים, איז זי נאָך קיין איינמאָל דאָרט נישט געווען. אָבער וועגען דעם גאַנצען שטיק לעבען פון דער היים, ביי איהר פּאָטער, האָט זי שוין איצט קיינמאָל נישט געקלערט. זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלען, אַז זי זאָל קענען אַהין צוריקקעהרען. זי קאָן אפילו נישט פערקניפּען איהר פריהערדיג לעבען מיט דעם איצ־טיגען. נאָר אָבגעריסענע שטיקער אומעטיגע בילדער טראָגען זיך דורך, ווי אין נעפּעל. זעהט זי זיך אין דער נידעריגער, שטויביגער שטוב ביי איהר פּאָטער: זי זיצט איבער אַ בוך און ס׳דערטראָגט זיך איהר דאָס אומעטיגע געקלאַנג פון איהר פּאָטערס האַמער... ווינטערדיגע אָוועגדען, לאַנגע און שווערע, אָדער זומער אויפ׳ן בולוואַר... שפּאָרען־געקליינגעריי... ראַציגע שטימען... נאָר זי אַליין אַנ׳עלענדע, אָהן פריינד, אָהן חבר׳טעס... און נאָר די מוטער — איין קורצער, וואַרעמער שטראַהל אין איהר לעבען. אַ שוואַכע פרוי געווען, שטענדיג אַ דערשראָקענע—געציטערט פאַר׳ן מאַן..! דאָס איינציגע, וואָס איז געבליבען פון דער היים, פון דער אומעטיגער שטאָדט, איז אַ פּעקעל בריעף און ליעבע־ליעדער, פון איינעם אַ קאַפּעל־מייסטער, וואָס האָט אַ קורצע צייט געשפּיעלט אַ ראָליע אין איהר לעבען. ער איז געווען אַ קריסט, אַ קליינער, אַ ווייסער, מיט בלייכע הענד; אַ שוואַכער מענש. זי האָט איהם נישט־ליעב געהאַט פאַר זיין שוואַכער צאַפּעלדיגער שטימע, פאַר זיין גוטהאַרציגקייט... דאָך איז זי מיט איהם אָבגעזעסען גאַנצע אָוועגדען. און איינמאָל, אין אַ אָוונד, איז ער געשטאַנען נעבען איהר אין אַ טונקעלען ווינקעל און האָט געוויינט... דעמאָלט האָט זי געקלערט, אַז ווען ס׳זאָל קומען אַ מענש אַ בייער, אַ שטאַרקער און אַוועקנעהמען זי ערגעץ ווייט־ווייט...—

זי איז דעמאָלט יונג געווען.

נאָר דאָס אַלץ קאָן זיך פאַר איהר דורכטראָגען נאָר

מאָמענטענווייז. ס׳איז אַלץ איינס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ געשיכטע, וואָס זי האָט ערגעץ אין אַ בוך געהאַט געלעזען. זי האָט זיך די לעצטע צייטען אָנגעהויבען פֿיהלען ווי אַ שאָטען, וואָס געהט אַרום צווישען מענשען, ס׳האָבען זיך פֿער׳גנב׳עט אין איהר טונקעלע געדאַנקען וועגען טויט... און עפּעס אַ שווער, אינערליך געוויין האָט אין איהר כסדר געצאַפּעלט. די אָוועלדען אין דער אומעטיגער שטוב האָבען זי געשראָקען... נאָר נישט בעסער האָט זי זיך געפֿיהלט אויך דאַן, ווען זי איז אַ גאַנצען טאָג ביי דער קאַסע אין דער אַפּטייק, גלייך אַ שרעקיגע נעץ וואָלט געלעגען אויסגעשפּרייט פֿאַר איהר... האָט זי אין זיך קיין רוה געקענט געפֿינען פֿון ווילדע און נעפּעלדיגע געדאַנקען און חלומות, ווייטע און פֿרעמדע און אונפֿערשטענדליכע, ביינאַכט. נישט איינמאָל געהענדיג דורך דער גאַס האָט זיך איהר פּלוצלינג אָנגעהויבען דאַכטען, אַז באַלד וועט מיט איהר געשעהן עפּעס שרעקליכס, אַזוינס, וואָס זי האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאָרשטעלען. זי האָט געלעזען, נאָר יעדעס בוך האָט אויף איהר געמאַכט אַן אייגדרוק פֿון שרעק און טויט, און יעדער געדאַנק איהרער איז נעווען נאָר וועגען דעם, אַז ס׳איז איהר אונמעגליך צו לעבען...

איצט האָט זי געוויינט. ווי קנוילען וועהטאָג האָט זי פֿון זיך אַרויסגעדריקט די ט־עהרען. זי האָט איצט געטראַכט, אַז ס׳וואָלט איהר אפשר גרינגער געווען, ווען זי וואָלט אַוועקגעפֿאָהרען אין אַן׳אַנדערער שטאָדט, נאָר געפֿיהלט האָט זי, אַז זי איז מיט זיך נישט אימשטאַנד גאָרנישט צו טון. „וואו איז מיין זעלבסטשטענדיגקייט?“—האָט זי געפֿרעגט אין געדאַנק—„בין איך ווירקליך נישט אימשטאַנד צו הערשען איבער זיך?“ נאָר דער שווערער אומעט פֿון דער פֿינסטערער שטוב, די קאַלטע, פֿינסטערע ווינטער־נאַכט אונטער׳ן פֿענסטער האָט איהר געענטפֿערט, אַז אומזיסט וויל זי פֿאַר זיך געפֿינען אַן׳ענטפֿער, אַז דאָס אייביגע עלענד פֿונ׳ם לעבען איז אויף איהר געפֿאַלען. אַ מעכטיגע האַנד האָט איהר האַרץ

פֿערדריקט און אין שווערען מידען שלוכצען האָט זי איינגעדרימעלט.

נישט געשלאָפֿען איז נאָך די מאַדאַם גינגאָלד. זי האָט געקלערט וועגען דעם, אַז גיך וועלען איבערלויפֿען די יאָהרען און די עלטער וועט אַ קלאַפּ טון אין דער טיר, — אויף וואָס האָט זי צו וואַרטען?.. ווען האָט זי דען צייט געהאַט צו דענקען וועגען זיך? ווי אַ חלום זענען אַדורכגעלאָפֿען די עטליכע יאָהרען און אין דער נעפעלדיגער צאָל אומעטיגע נעכט און טעג בלישטשעט קוים אַ קינדהייט, דערנאָך עפּעס אַ נאַכט נעבען אַ מענשען, וואָס איז איהר אַמנאָהנטסטען געווען, אַ ליכטיגע שטוב, אַ חתונה... אָט די נאַכט האָט אַזוי פֿיעל צוגעזאָגט... דערנאָך דער טויט פֿון איהר מאַן. אויפֿ'ן בית-עלמין, בײַ'ן קבר... אַ מאָדנער רעגען האָט געגאָסען, ווי אַ מבול... נאָר דאָס איז אַלץ ווי אַ חלום געווען. איצט איז די ווירקליכקייט. שווער איז איהר צו לעבען פֿון איהר אַרבייט. נאָר דאָס איינציגע, וואָס הויבט אויף איהר מוט, איז דאָס קינד. דאָך נישט איינמאָל פֿיהלט זי, אַז ער, אַבראַם, וואָס איז, דאַכט זיך, איהר איינציגע טרייסט, איז אַזוי פֿרעמד צו איהר. ער וועט אויסוואקסען —אַוועקגעהן... דערבײַ דערפֿיהלט זי זיך עלענד, איינע אַליין אויף דער וועלט. זי קוקט אויף דער אַלטיטשקער אסתּר אין קיך און דערפֿיהלט אַנ'אָבהענדיגקייט צו אַלעמען: „וועט שוין ווירקליך אַזוי דורכגעהן איהר לעבען?“— האָט זי געקלערט; ווי די קעלט פֿון דרויסען וואָלט זיך צו איהר אין בעט אַרײַנגע'גנב'עט, איז איהר פּלוצלינג קאַלט געוואָרען. זי האָט זיך אויפֿגעהויבען, ס'האָט זיך איהר פּלוצלינג פֿערוואָלט אַרײַננעמען אַבראַמ'ען צו זיך אין בעט אַרײַן. די ראָזענצווייג האָט אַ געניץ געטון און געפֿרעגט:

— וואָס שלאָפֿט איהר נישט?

— כ'ווייס עפּעס שלאָפֿט זיך נישט...

און נאָך אַ מינוט קלערען:

— כ'ווייס, עפּעס פֿיהל איך זיך נישט גוט... ס'איז קיין לעבען... איהר זענט גאָר אַנ'אַנדער מענש, אמת, ראָזענצווייג?

— אַ מענש דאַרף זיך קאָנען אַנ׳עצה געבען! — האָט די מאַדאַם ראָזענצווייג נאָכאַמאָל אַ געניץ געטון און אויס־געדרעהט זיך צו דער וואַנד.

— וואָס הייסט אַנ׳עצה געבען? — האָט די מאַדאַם גינ־גאָלד נאָכגעקלערט. נאָר געפיהלט האָט זי, אַז אַזוי ווי די ראָזענצווייג וועט זי קיינמאָל נישט קענען זיין. זי האָט גע־קלערט וועגען דעם געלען הויקער, וואָס איז זי געקומען שלאָ־גען, און גלאַט, ווען זי וואָלט געקאָנט, אַזוי ווי זי אַרויסגעהן אַלע אָוועגד אַנ׳אויסגעפּוצטע. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָ־גען, נאָר די ראָזענצווייג איז שוין געשלאָפען מיט אַ הויך קרעכצענדיג שנאָרכען.

*

די פריילין וואַלדמאַן האָט שוין פון לאַנג פאָרגעלעגט אַ פּלאַן, אַז דאָס לעצטע צימער, וואָס שטעהט שטענדיג אַזוי ווי ליידיג, זאָל מען פערדינגען. פערדינגען זאָל מען עס דוקא אַ מאַנספּערשוין, וועט ערשטענס זיין פריילעכער, צווייטענס, וועט ער זיך אין עמיצען פערליעבען. דערביי האָט זי געקוויטשעט מיט איהר געלעכטער און אַזוי זיך געטרייסעלט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט אויפהערען.

— אין אייך...

— ניין, אין אייך...

— טאַקע אין אייך!

אַזוי האָט איינע אויף דער צווייטער אָנגעוויזען מיט שפּאַס. אפילו דער קליינער אַבראַם האָט אויך אָנגעוויזען אויף דער פריילין וואַלדמאַן.

— ער וועט זיך פערליעבען אין אייך!

— די פרויען האָבען איינגעשטימט מיט דער פריילין וואַלדמאַן, אַז דאָס צימער דאַרף פערדונגען ווערען דוקא אַ מאַנספּערזאָן. די מאַדאַם גינגאָלד האָט געשריבען אויף אַ בלוי קוויטעל און די פריילין וואַלדמאַן האָט דיקטירט: „צו פער־דינגען אַ צימער, אַנ׳א נטעליגענטען מענשען; ס׳איז געוואונשען

אַ קאַוואַליער". „ס'זאָל זיך עפּעס מאַכען אַ פיינער יונגערמאַן"— האָט די מאַדאַם גינגאָלד גערעדט—„וואָלט איהם, מיינט איהר, דאָ שלעכט געווען? כ'וואָלט איהע ווי אַן'אייגען קינד אָבגע- היטען"...

מ'האָט געלאַכט, געווערטעלט, זיך נאָר פון דער מינוט אָן, ווי מ'האָט צוגעקלעפּט דאָס קוויטעל ביים טויער, האָבען אַלע געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דעם מאַנסביל, וואָס וועט קומען. די פריילין וואַלדמאַן, ווי זי איז נאָר געקומען פון גאַס, האָט צום ערשטען געפרעגט:

— איז דאָ געווען עמיצער?

ערשט אויפ'ן דריטען טאָג פאַרנאַכט, ווען אין אַלע שטובען איז שוין גוט טונקעל געווען, האָט זיך געעפענט די טיר און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַ מענש פון אַ יאָהר פינף און פערציג, אַ הויכער מיט שווערע, שוואַרצע וואָנסען מיט אַ קליין רייזע-טעשעל אין דער האַנד:

— דאָ איז אַ „קאַמנאַטע" צו פערדינגען? — ער האָט גערעדט מיט אַ טיפען, ליטווישען דיאַלעקט.

די מאַדאַם גינגאָלד האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענד ביי די זייטען. די רויזענצווייג האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, זי זאָל נישט פאַ- לען, און די פריילין וואַלדמאַן האָט זיך געראַנגעלט מיט דער סאָפע, פון וועלכער זי האָט מחמת שוועריקייט נישט געקענט אַרויסקריכען.

— יאָ, דאָ, קומט אַריין ווייטער! — האָט די מאַדאַם גינגאָלד פערבעטען.

דער יונגערמאַן האָט בעקוקט דאָס צימער, וועלכעס האָט איצט אויסגעזעהן אַביסעל לייטישער, נאָכדעם ווי די פרויען האָבען עס פערפּוצט און אויסגערייניגט.

ער האָט זיך געשטעלט אין מיטען שטוב, אָנגעשפּאַרט זיך אָן שטעקען, אַזוי ווי איינער, וואָס קויפט אַ הויז און גע- זאָגט:

— יע, יע. דאָס איז אַ גאַנץ גוטע „קאַמנאַטע"! — ער

האָט פּערראָיכערט אַ כּאַפּיראָס און בּעקוקט די פּרויען:

— איך האָב ליב צו ווערען מיט אינטעליגענטנע מענטשן!

— מיר האָבען אויך אַזוינעם געזוכט...— האָט די פּריי־לין וואַלדמאַן אַ זאָג געטון אויף רוסיש. — אַבּי ווערמען וואָל־טען מיר ניִשט אַריינגעלאָזען... נאָך דערצו, ווען מיר...

— קאַניעצנאָ, קאַניעצנאָ! — האָט דער יונגערמאַן געבלאָ־זען דעם רויך אַרויף.

— ...ווען מיר זענען דאָ בּלויז פּרויען! — האָט די פּריי־לין וואַלדמאַן דערענדיגט.

דיִ מאַדאַם גינגאָלד האָט איהר דערפּאַר אַ קניפּ געטון. נאָר זיִ האָט איִהר אַ קניפּ געטון צוריק, דאָס הייסט: אַז זיִ זאָל זיִך פּערלאָזען אויף איהר.

— קאָק עטאָ, בּ׳ויז פּרויען? און וואו זענען אייערע „מוזשטשינעס״? — האָט דער הער געפּרעגט.

— איהר וועט דאָ זיין בּיי אונז איין מאַנספּערשוין! — האָט די פּריילין וואַלדמאַן אויסגעשאָסען און זיִך צולאַכט מיט אַזאַ קוויטש, אַז די מאַדאַם גינגאָלד האָט אַזש אָנגעהויבען גלאַנצען פון כעס. נאָר דער יונגערמאַן מיט׳ן רייזע־טעשעל איז געבליבען גאַנץ רוהיג, גערויכערט אַרויף און געבורטשעט:

— טאַק, טאַק...

— זעצט אייך! — האָט די מאַדאַם גינגאָלד אַ שטול צוגעטראָגען. דער יונגערמאַן האָט זיך געזעצט.

— זנאַטשיט, מיר וועלען זיין סכנים? איר פּערסטעהט, איך בּין נאָר וואָס געקומען פון וועג.

— אויב איהר זענט מיד, קענט איהר אייך צושפּאַרען.— האָט די מאַדאַם גינגאָלד אָנגעוויזען אויף דער סאָפע און די פּריילין וואַלדמאַן האָט צוגעגעבען:

— אָט יאָ, אויף מיין אָרט...

— אַזוי, דאָ סלאָפּטיר? — האָט ער אַ פּרוב געטון די ספּרענזשינעס פון דער סאָפע. — טאַקע, זער גוט, איך בּין מיד פון וועג... דריי „סוטקעס״ אָבגעפאָרען.—דערבּיי האָט ער

זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע.

אין שטוב איז שוין געווען גוט פינסטער. אַלע דריי פרויען זענען געזעסן אַרום דער סאָפע, אויף וועלכער דער יונגערמאַן איז איצט שוין געלעגן איינגעזונקען אויסגעצויגען, געראַויכערט אַ פּאַפּיראָסעל און געבלאָזן אַרויף דעם רויך, ווי איינער וואָס איז צופרידן דערפון, וואָס ער רוהט. — די פריילין וואַלדמאַן האָט אַרומגעבלאָנזשעט מיט די קורצע פינגער איבער די סטרונעס פון דער מאַנדאָלינע און אַלעמאָל האָט זיך אין דער פינסטערער שטוב אַ שיט געטון אַ רוישיגער קלאַנג.

— אַ, איר שפּילט אַף אַ באַלאַלייקע? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט.

— ניין, ס'איז אַ מאַנדאָלינע.

— איר זייט, זעה איך, אַ מוזיקאַלנע. איך האָב זער ליב מוזיקע. אַ, נו, שפּילט עפעס אַ פרעהלאַכס... — דערביי האָט ער אַ קנאַק געטון מיט די פינגער און צוגעוואונקען מיט זיינע שרעקליך שוואַרצע אויגען:

— עך — עך, זאַכאָטשו, — פאָליובליו!

מער האָט די פריילין וואַלדמאַן נישט געדאַרפט. זי האָט זיך אַ הויב געטון און איהר ברייטע, קיילעכיגע טאַליע, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי צוויי געשפּענטע פּאַראַסאָלען, איינער אויפ'ן אַנדערען, האָט זיך אַ וויג געטון אין אַלע זייטען. שטעהענדיג אויף איין אָרט האָט זי געפּרובט אַ פוס אויפהויבען; און אונטערגעכאַפּט:

— זאַכאָטשו,
פאָליובליו...

— וואָס־זשע האָט איהר זיך צוזונגען? אַ מענש איז מיד, וויל זיך אָפּרוהען, גלוסט זיך אייך גאָר טאַנצען. — האָט זיך אָפּגערופען די מאַדאַם גינגאָלד, ווייל די פריילין וואַלדמאַן איז געווען נוטה צו כאַפּען טאַנצען דעם נייעם שכן, אַזוי איז איהר געפעלען דער קנאַק מיט'ן פינגער און דאָס צווינקען.

— אַך, אסתּר, אָט וועלען מיר האָבען אַ שכן, אַ נחת... — איז זי אַריינגעלאָפען אין דער קיך צו דער אַלטיטשקער אסתּר,

וואָס איז געזעסען אויף איהר פּאָטעל און געדרימעלט. — אָט, וועט זיין ביי אונז פרעהליך!...

— לאָזט אַ מענשען שלאָפען!—האָט זיך אויך די ראָזענצווייג אָבגערופען. זי איז געזעסען, די פיס אונטער זיך, נישט ווייט פון דער סאָפע.

— באַלד וועט זיין טעה!—האָט זיך די מאַדאַם גינגאָלד אויפגעהויבען און גענומען צוגרייטען דעם לאָמפּ.

דערווייל איז אָנגעקומען אַבראַם. ער האָט מיט אַ פערוואונדערטען בליק אָנגעקוקט דעם פרעמדען מענשען, וואָס האָט שוין האַלב געדרעמעלט אויף דער סאָפע. האָט די מאַדאַם גינגאָלד איהם אַ וואונק געטון, ער זאָל אַוועקגעהן:

— אַז אַ מענש שלאָפט, געהט מען נישט צו!—האָט זי געשריגען.

— צו דעם לערנסט דו אין אַ „שקאָלע”, זאָלסט נישט האָבען קיין דרך־ארץ פאַר עלטערע מענשען?

— אָבער ווער איז דער הער?—האָט דער קליינער נאָר געוואָלט וויסען.

— דאַרפסט נישט פרעגען... דאָס איז אונזער אַ בעקאַנטער געקומען צופאָהרען...

דערנאָך האָט זי אַריינגעבראַכט טעה. דערפיהלענדיג טעה, האָט דער האַלב־שלאָפענדיגער ליטוואַק אַנ׳אויג געעפענט. די פריילין וואַלדמאַן האָט זיך גענומען איהם צוטראָגען טעה; ער האָט געטרונקען ליגענדיג מיט צוגעמאַכטע אויגען. אין דער זעלבער פּאָזע האָט ער די האַנד מיט׳ן גלאָז אויסגעשטרעקט.

— נאַט, נעהמט צו!

די ווייבער האָבען זיך איבערגעקוקט; די פריילין וואַלדמאַן האָט אויסגעשאָסען אין אַ הילכיג געלעכטער.

נאָר דער גאַסט האָט שוין געשנאָרכט.

דערנאָך האָט מען אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. און אַזוי זיצענדיג אַרום דעם שנאָרכענדיגען, האָט מען שטיל צווישען זיך געשמועסט.

— זאָל ער שלאָפֿען געזונטענקערהייד...—האָט געזאָגט די מאַדאַם גינגאָלד.

— מ׳דאַרף אַ קוק טון, וואָס ער האָט אין דעם רענצעל...— האָט די ראָזענצווייג אַנ׳עצה געגעבען.

נאָר די פֿריילין וואַלדמאַן האָט פּראָטעסטירט:

— וואָס איז אייער עסק?...

— שאַ, שטיל! איהר וועט איהם נאָך אויפֿוועקען...

נאָר די ראָזענצווייג האָט שוין געהאַט דאָס רענצעל געעפֿענט און אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט אַ בערשטעל, אַ שטיקעל ליכט, אַ געלבליך העמד און אַ קראַגען.

— זעהט, איך האָב געמיינט, ווער ווייס וואָס ער פֿיהרט דאָ מיט זיך...—האָט זיך די ראָזענצווייג געקריגט.

און דער גאַסט איז געשלאָפֿען.

מ אַ ר י

ס׳איז געווען אַ שטילע זומער־נאַכט. אין דער טיפֿער אויסגעבלייכטער בלויקייט פֿונ׳ם הימעל איז געהאָנגען די לבנה ווי אַ זילבער־שפּיגעל. קיהלע, וויעגענדיגע ווינטעלעך האָבען זיך געטראָגען און געשמעקט מיט׳ן ריח פֿון די פֿערטונקעלטע וועלדער, וואָס האָבען אַרומגערינגעלט דאָס שטעדטעל ווי איינגעדרעמעלטע ריזען.

דאָס שמאָלע קאָוואַל־געסעל איז פֿון דער לבנה בלויבעליכטען. טיר און לאָדען זענען שוין פֿערמאַכט, נאָר אברהמ׳ל דער נאַכט־היטער, געהט אַרום מיט׳ן גרויסען הילצערנעם גרעגער און נעבען איהם זיין שוואַרצער הונד, וואָס קיינער האָט איהם נאָך ביי־טאָג נישט געזעהן; אַרום איז שטיל, אַלץ שלאָפֿט אין דער שטילער וואַרימער נאַכט, ס׳הערט זיך נאָר דאָס איינגעהאַלטענע עטעמען פֿון די ווינטלעך, וואָס טראָגען זיך פֿון ערגיץ ווייט, ווייט, צוזאַמען מיט אַ פֿערדומפּטען בילען פֿון ווייטע אונרוהיגע הינד.

נאָר איין טיר אין דעם געסעל איז אָפֿען. איהרע קליינע שייבעלעך לייכטען מיט אַ מאַט־רויטער שיין אין דער ברייט פֿונ׳ם געסעל. דאָס איז די טיר פֿון יענקעל׳ס טעההייזעל, וואו ס׳קומט זיך צונויף די אָרגאַניזאַציע פֿונ׳ם שטעדטעל...

דאָס לאַנגע, שמאָלע צימער איז בעלויכטען פון אַ בלעך-לאָמפּ, וואָס צוגיסט אַ געדיכטע רויטע ליכטיגקייט; נעבען דער טיר שטעהט אַ קליינע גרופּע בחורים מיט מיידלעך און אויף זייערע פּנים'ער איז אויסגעגאָסען אַ ברייטע, לייכטענדיגע צופרידענהייט.

כמעט אלע זענען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען. אין דעם טעה-הייזעל זענען נאָך פערבליבען נאָר געצעהלטע מענשען — די, וואָס ווייסען פונ'ם סוד, אַז היינט ביינאַכט דארפען קומען צוויי מענשען פון שטאָדט, צו אָרגאַניזירען דאס שטעדטעל צו אַנ'אלגעמיינעם שטרייק, פון וועלכען מ'רעדט דאָ די לעצטע צייט.

שוין אַ פּאָר וואָכען, אַז אין שטעדטעל איז די שטימונג אַ פערטשאַדעטע. אַלע נעכט נעהמט זיך חברה צונויף ביי יענקלען אין טעה-הייזעל און לייענט „קוויטלעך". און ציפּע, יענקעל'ס ווייב, דערצעהלט פּאַר די ווייבער אין יאַטקע, אַז אין די קוויטלעך שרייבט מען: „אַז ס'מעג זיין, וואָס ס'וועט זיין, נאָר מ'וועט שוין בעפרייען אַלע ארבייטער מיט אַלע אָרימע-לייט און אַלע וועלען שוין זיין ברידער". די ווייבער, אַז זיי הערען דאָס, קרעכצען זיי און גיבען-צו, אז ס'וואָלט שוין טאַקע צייט געוועז, ס'זאָל עפּעס קומען אַ ישועה אויף יודען...

און אַט פערלאָזען אלע דאָס טעה-הייזעל און געהען צו דער באַהן, בעגעגענען די געסט. יענקעל, דער בעל-הבית פון טעה-הייזעל, אַ יוד פון אַ יאָהר 40, מיט אַ שווארץ געשוירען בערדעל און קליין היטעלע אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, געהט דער ערשטער. עטליכע מיידלעך, אין טיכלעך איינגעהילטע, האַלטען זיך פעסט אין איין רייהע און געהען איהם נאָך. איינע פון זיי, „גיטעל די אַגיטאַטאָרקע", אַ מיידעל מיט שוואַרצע קיילעכדיגע אויגען, וואָס ארבייט סטאָליערי צוליעב „זעלבשטענדיגקייט", רעדט וועגען דער בעדייטונג פון אַלגעמיינעם שטרייק און אַלע מאָל רופט זי אויס מיט בעגייסטערונג און זיכער'קייט: „אויך אין פראַנקרייך איז אזוי געווען". און זי ווייסט טאַקע, אז אין פראַנקרייך איז אויך אַזוי געווען — זי האָט שוין אויסגעלייענט

די גאנצע „געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע".

עמיץ הויבט-אָן עפעס צו זינגען, נאָר „גיטעל די אַגיטאַ-טאָרקע" פּראָטעסטירט מיט אַ בעטענדיגער שטים:

— נאָר שטיל, נאָר שטיל, מ'דארף נישט צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון שטעדטעל!...

ס'עפּענט זיך ערגעץ מיט אַ שטילען סקריפּ אַ טיר און ס'ווייזט זיך אַ פרויען-פיגור, איינגעוויקעלט אין אַ טוך.

— חברים, וואוהין געהט איהר? — פרעגט זי מיט אַ שטי-לען שאָרך.

— אָ! שרה'לע? מיט אונז!

— צו וואָס דארף מען מיטנעהמען איבעריגע מענשען? — רופט זיך אָן א מיידעל, וואָס האלט שטאַרק פון „קאָנספּיראַציע".

— ס'שאַדט נישט! שרה'לע איז אַן'אונזעריגע! אָט וועט איהר זעהן, ווי זי געהט מיט אונז און וועט אונז נאָך עפּעס זינגען. זי איז דאָך אונזער זינגערן, — האָבען עטליכע געענט-פערט.

שרה'לע געהט צווישען די חבר'טעס. איהר שלאַנקע פיגור, איז העכער ווי די צוויי מיידלעך, וואָס גייען איהר, און איהרע הענד האלטען אַרום זייערע ביידע'ס טאַליעס.

און אַז מען קומט אַרויס ווייט פון שטעדטעל, אַז מ'איז שוין נעבען וואַלד, הויבט שרה'לע אָן צו זינגען. זי זינגט, און דער וואַלד דערנעבען וועקט זיך אַ פערזילבערטער פון דער לבנה, פון זיין טיפען נאַכט-דרימעל און ענטפערט איהר ברייט מיט טויזענדער טיפע, הארציגע ווידער-קולות...

שרה'לע זינגט און שטילע בענגליכע טענער גיסען זיך אין דער טיפער נאַכט אריין. די נאַכט האָט איהר האַרץ גע-עפּענט, דער וואַלד האָט געוויינט מיט טרעהרען. קיינער קאָן שרה'לען נישט מיטהעלפען, קיינער קאָן נישט אַזוי זינגען, ווי זי...

דער וואַלד האָט געעטעמט מיט זיין פרישען סאָסנע-אָטעם און די בוימער האָבען זיך געוויעגט, ווי זיי וואָלטען שטיל זיך איינגעהאַלטען געגאַנגען אַנטקעגען דעם געזאַנג...

די לבנה־נאַכט האָט אַריינגעגאָסען אַ געהיימניספולען מוט און ברייטקייט אין דער חברה. נאָר האַלב־אָבגעריסענע ווערטער האבען זיך דורכגעוואָרפען, און יעדעס וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען, האָט אָנגעזאָגט פון עפעס ווייטע, פרעמדע געדאַנקען. אַפילו יענקעל, וואס האָט די גאַנצע צייט פערגאַפט געהאָרכט שרה׳לעס זינגען, האָט איצט אָפגעזיפצט און מיט אַ פרעמדער שטים אַ זאָג געטאָן:

— גאָט האָט שוין טאַקע געמעגט העלפען, אז די צייטען זאָלען זיך אַביסעל פערבעסערען, ס׳זאָל ווערען אַביסעל פרייער...

— מיר וועלען זיך אַליין העלפען! — האָבען געענטפערט בחורים מיט ברייטקייט.

יענקעל האָט אַקרעכץ געטאָן און אויך מסכים געווען דערצו. שפאַרען זיך איז איבעריג; ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט דורכפאַלען.

נאָר אָט איז מען אַרויס פונ׳ם וואַלד און אונענדליך ווייט און ברייט האָט זיך אויסגעגאָסען די נאַכט. ערגיץ־ווייט איבער אַ באַרג האָט אָבגעשלאָגען די נאַכט מיט אַ לייכטען זילבער־שטויב און די לבנה, אַ גרויסע, אַ בלייכע, איז נידעריג געהאָנגען אין הימעל. ווען מ׳איז אַריבער דאָס בערגעל, וואו דער וואַלד האָט זיך געענדיגט, האָט מען דערזעהן צוויי שמאָלע גלאַנציגע שטאָהל־פאַסען פון די שינעס, און ווייטער אַראָב איינציגע, בלויע און רויטע פייערלעך...

— מיר זענען שוין באַלד ביים וואָקזאַל! — האָט עמיצער געזאָגט און יעדער האָט אָנגעהויבען געהן לאַנגזאַמער און צוריקגעהאַלטענער.

— אין שטאָדט, זאָגט מען, איז גאָר נישט רוהיג! — האָט זיך אָבגערופען מאָטעל הענדשקע־מאַכער — די צייטונגען...

— ס׳איז שוין צוויי טעג אַן אַלגעמיינער שטרייק — האָט אַ צווייטע געענטפערט.

— נאָר ביי אונז איז שטיל, די „הוטע" אַרבייט, די „ציגעלניע" אַרבייט! — האָט זיך אָבגערופען „גיטעל די אַגיטאַ־

באַרקע' מיט אַ שווערען זיפץ.

— נו, ווע‏לען מיר הערען, וואָס זיי וועלען זאָגען!— האָט געזאָגט יענקעל, מיינענדיג די „געסט", וואָס דאַרפען קומען.

מ'האָט זיך דערווייל דערנעהנטערט צום וואָקזאַל, און ווען מ'האָט צום ערשטען דערזעהן דעם וועכטער מיט'ן פעהנדעל און מיט'ן מעשענעם טרומייט ביי דער זייט, האָט מען זיך דערמאָהנט אָן „סטראַזשניק" מיט'ן פערוואַקסענעם „קאָזאַק", מיט'ן קיילעכדיגען זשאַנדאַרם, וואָס זייען נישט לאַנג אָנגעקומען אויפ'ן וואָקזאַל און קוקענדיג ווייט, ווייט אין דער נאַכט, וואו דער הימעל גיסט זיך צוזאַמען מיט דער ערד, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָרט ליגט די שטאָדט און ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך דאָרט עפּעס...

— לאָמיר נישט געהן אַלע צוזאַמען!—האָט עמיצער אַנ'עצה געגעבען, און די חברה האָט זיך צוטיילט אין עטליכע גרופּען. יענקעל איז געגאַנגען דער ערשטער, טראָגענדיג אַ לאַמטערנדעל, נאָך איהם עטליכע בחורים, בעזונדער ווידער עטליכע בחורים מיט די מיידלעך, און גאָר די לעצטע זענען נאָכגעגאַנגען לאַנגזאַם שרה'לע מיט מאָטעל הענדשקע־מאַכער.

— איהר האָט שוין דורכגעלייענט דאָס ביכעל, וואָס כ'האָב אייך געגעבען?—האָט מאָטעל געפרעגט מיט אַ לייכטען פאָרוואורף אין טאָן.

— יאָ, כ'האָב עס היינט געענדיגט...

— נו, געפעלט אייך?

— ס'געפעלט מיר אַזוי, ס'איז אַזוי אמת'דיג...

— איהר געדענקט, ווי ער רעדט צו איהר: „זי זאָל פערלאָזען איהר פאָטער דעם „בורזשוי" און געהן מיט איהם אין די פינסטערע פאַבריקען, קעמפען צוגלייך מיט'ן אָרימען פראָלעטאַריאַט",—האָט מאָטעל דעקלאַמירט מיט ענערגיע, אַזש ס'האָט זיך געהערט דאָס סיקען פון זיין גאָרגעל.

און זי האָט געענטפערט: „איך געה, איך געה מיט דיר",—האָט שרה'לע שטיל מיט בלישטשענדיגע אויגען גערעדט.

און נאָך האָבען זיי גערעדט וועגען ביכלעך, וואָס זיי האָבען צוזאַמען געלייענט, וועגען די אַלע העלדען, וואָס האָבען געטון אַזעלכע גרויסע, שעהנע זאַכען. און אַזוי ווי אַלע מאָל, האָט מאָטעל געוואָלט עפּעס ריידען אַזעלכעס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט, און אַזוי רעדענדיג, האָבען זיי נישט בעמערקט, אַז זיי זענען שוין ביים וואָקזאַל...

אין דער הילצערנער געביידע פונ׳ם וואָקזאַל זענען געזעסען עטליכע פויערים און פויערטעס אויף דער ערד אין אַ ראָד, געוואַרט אויף דער באַהן און דערווייל געגעסען ברויט מיט קעז. חברה האָט זיך אויסגעזעצט אויף די בענק, ס׳איז געווען נאָך אַ האַלבע שעה ביז׳ן קומען פונ׳ם צוג. אַלע האָבען געשוויגען, נאָר מאָטעל מיט שרה׳לען האָבען ווייטער געצויגען זייער געשפּרעך.

מ׳האָט פּלוצלינג דערהערט אַ בילען פון אַ הונד און באַלד איז מיט אַ הוסטעניש אַריינגעקומען דער אַלטער קאַפּיטאַן, וואָס וואוינט אונטער׳ן שטעדטעל. יענקעל האָט זיך אַ הויב געטון און דאָס היטעל אַראָפּגעכאַפּט.

באַלד נאָך איהם האָט זיך בעוויזען דער נייער זשאַנדאַרם, אונטערהייבענדיג זיינע שווערע, ברייטע שטיוועל. ווי ער האָט דערזעהן דעם קאַפּיטאַן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט גלייך און גענומען אַ האַנד צום דאַשעק.

— נאָך לאַנג צו וואַרטען אויף דער באַהן?—האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט הוסטענדיג.

— אַ מינוט פופצעהן.

— פון שטאָדט איז דאָ עפּעס נייעס?

— מ׳רעדט, אַז די בונטאָווששיקעס אַרבייטען נישט... שטרייקען...

דערביי האָט דער זשאַנדאַרם אַ קוק געטון אויף דער חברה, בעזונדערס אויף די מיידלעך, און אָבגעהענדיג אַ פּאָר מאָל אַהין און צוריק אַ פרעג געטון:

— אויף וואָס וואַרט איהר עס אַלע?...

אַלע האָבען זיך איינגענורעט אויף די בענק און שטיל

געשוויגען. נאָר יענקעל האָט געענטפערט:

— מיר וואַרטען אויף געסט.

— אויף וועמען?—האָט דער זשאַנדאַרם נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, אַרויפציהענדיג אַ וואָנסע צו די אויגען.

— אויף געסט, „נאַ וועסעליע“!—האָט יענקעל פלינק געענטפערט.

— „נאַ וועסעליע“—האָט דער זשאַנדאַרם געלאַכט און די פויערים, וואָס זענען נאָך אַלץ געזעסען אין ראָד, האָבען מיטגעלאַכט.

אַ סיגנאַל האָט זיך דערהערט. דער באַהן-וועכטער האָט זיך בעוויזען מיט אַנ'אָנגעצונדען לאַמטערנדעל. באַלד איז געוואָרען אַ גערודער צווישען די פויערים, זיי האָבען אָנגעהויבען לויפען אַהין און צוריק, טראָגעדיג אויף זיך זייערע ווייסע פעקלעך. חברה האָט זיך אויפגעהויבען און אַרויס אויף דער פלאַטפאָרמע, וואו זיי האָבען געקאָנט קוקען אין דער ווייטער נאַכט אַריין. דריי פייערדיגע אויגען האָבען געוואונקען, ווי זיי וואָלטען זיך געשראָקען פאַר דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין וועלכער זיי האָבען זיך אַריינגעשניטען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט אַנ'אומעטיג ווילדער פייף דורכגעגויערט די שטילקייט. אַ מלחמה האָט זיך דערפיהלט אין דער לופט, ווי די שטילקייט וואָלט זיך געשלאָגען מיט'ן שווערען אייזערנעם אָטעם פון צוג, וועלכער איז שוין אַזוי נאָהנט געווען צום וואָקזאַל, אַז ס'האָט זיך געהערט דאָס שאַרפע סיקען פון דעם דאַמף, וואָס האָט אַרויסגעקנאַלט אין ווייסע, נעפעלדיגע וואָלקענס פוןביידע זייטען באַהן-ליניע...

די חברה האָט זיך אויסגעשטעלט אין דער לענג פון דער פלאַטפאָרמע, וואו די באַהן האָט זיך געדאַרפט אָבשטעלען, און ווען דער צוג האָט זיך אָנגעטראָגען מיט זיין שווערער הייסער קראַפט, האָט זיך יעדען געדאַכט, אַז ס'איז אָנגעלאָפען יענע ווייטע שוידערדיגע פאָרשטעלונג פון דער ווייטער שטאָדט, מיט וועלכער ס'האָט זיך אַרומגעטראָגען יעדער בעזונדער. די פויערים זענען מיט אַנ'איילענדיג געדויש

געלאָפען אַראָב צו די לעצטע וואַגאָנעס; פרעמדע מענשען אַזעלכע, וואָס מ׳קאָן נאָר טרעפען, ווען מ׳קוקט אויף אַ דורכלויפענדען צוג, האָבען אַרויסגעקוקט פון די וואַגאָן־פענסטערלעך. יענקעל האָט אָבער נישט געזעהן אַראָבגעהן פון דער באַהן קיינעם פון די פאָהרענדיגע און ס׳איז איהם געוואָרען אומעטיג אויפ׳ן האַרצען, געקלערט, אַז קיינער איז נישט געקומען. נאָר פלוצלינג איז צו יענקלען צוגעלאָפען אַ בחור פון דער חברה, אַ וואונק געטון און געזאָגט:

— קומט, רב יענקעל מיר געהען!

— נישט געקומען?—האָט יענקעל אומעטיג געפרעגט.

— קומט, קומט, ס׳איז שוין גוט...

דער גלאָק האָט דערווייל אָבגעקלונגען דריי מאָל און דאָס שווערע אייזערנע גערויש האָט זיך אַ טראָג געטון אין דער ווייטער נאַכט אַריין...

*

אַראָב פון וואָקזאַל, זענען חברה געשטאַנען אין אַ רעדל. צווישען זיי אַן׳אונבעקאַנטער בחור מיט אַ מיידעל. דער בחור, אַ הויכער, מיט אַן׳אַראָבגערוקטען קאַנעפיוש, פון אונטער וועלכען ס׳האָבען אַפּירגעקוקט מיט אַ ליידענדער בעהאַלטענקייט זיינע טונקעל־שאַרפע אויגען; דאָס מיידעל פון מיטעלען וואוקס, געקליידט אין שוואַרצען, מיט אַ קליין שוואַרץ היטעלע אויפ׳ן קאָפּ, האָט געקוקט מיט שמייכלענדיגע אויגען אויף אַלע און גערעדט:

— מ׳האָט מיר איבערגעגעבען אַ גרוס פאַר צוויי פערזאָן, מיט וועלכע איך דאַרף זיך צום ערשטען מאָל בעקענען— גיטעל און מאָטעל הענדשקע־מאַכער!

באַלד האָבען זיך אַלע פאָרגעשטעלט פאַר די געסט און דאָס מיידעל האָט זיך געווענדט צו אַלעמען:

— מיר האָבען אייך געבראַכט אַ גרוס פון אייערע ברידער אין שטאָדט. זיי שטרייקען היינט, זיי עסען ווינציג, זעהר ווינציג ברויט; נאָר דערפאַר איז דאָס ברויט געשמאַק אויסגעקעמפטעס.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— אַז מ׳זאָל אונז נישט בעמערקען, זענען מיר אַראָפּ פון דער באַהן, נאָך איידער זי האָט זיך אײַנגעגאַנצען געהאַט געשטעלט, הינטער׳ן וואָקזאַל...

— „געניטע מענשעלעך" — האָט יענקעל געקלערט.

דער יונגער־מאַן, וואָס איז מיט געקומען מיט דעם פרײַלין, האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. ער האָט אַראָבגערוקט זיין קאַפּעליוש טיפער איבער די אויגען און געווענדט זיך צו מאָטלען:

— איהר ווייסט נישט, וויפיעל אַרבייטער עס געפינען זיך דאָ?

— פערשטעהט זיך, אַז בעסערע אַרבייטער איז דאָ ווייניג, נאָר אין אַלגעמייז איז נישט ווינציג! — האָט מאָטעל געענטפערט.

— וואָס קאָנען מיר דאָ אויפטון, אַז זעלטען ווען ס׳קומט אַראָב אַ מענש, — האָט זיך גיטעל געבלאָגט מיט אַ טאָן פון אַ מאַמע.

אזוי האָט זיך ביסלעכווייז פערבונדען אַ שמועס צווישען אַלע. מ׳האָט גערעדט וועגען פערשיעדענע זאַכען, וועגען דעם שטעדטעל, וועגען דער פערזאַמלונג, וואָס מ׳דאַרף צוזאַמענרופען. מאָטעל האָט גערעדט וועגען שטעדטעל, און וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען עהנליך אויף אַ „ראַפּאָרט". ער איז געווען צופרידען, וואָס מ׳פרעגט צום־מיינסטען ביי איהם און אויך, וואָס שר׳הלע איז שטיל געגאַנגען ביי זיין זייט און צוגעהערט אַלץ, וואָס מ׳האָט גערעדט, מיט גרויסע אויגען און מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט.

ס׳איז געווען בעשטימט, דער יונגער־מאַן זאָל נעכטיגען ביי יענקלען, און אַרום דעם פרײַלין האָבען זיך געריסען די מיידלעך. נאָר געבליבען איז, אַז זי וועט געהן שלאָפען צו גיטלען. — גיטעל האָט געזאָגט, אַז זי איז „זעלבשטענדיג", זי קאָן קומען אַ היים ווען זי וויל, און כדי נישט צו וועקען דעם טאַטען, בעט זי זיך אויס אויף דעם סטאָליאַרסקען טיש,

ביי וועלכען זי אַרבייט אַ גאַנצען טאָג. דאָס איז דעם פֿ... זעהר געפֿעלען. זי האָט געגומען ביי גיטלען איהר האַנד מיט אָבגעשפּאַרטע קאַנטען פֿון דעם היבעל און געזאָגט:

— איהר זענט, חבר'טע, נישט קיין מיידעל—איהר זענט אַ מענש; איך האָב ליעב די הענד, וואָס אַרבייטען...

מ'האָט זיך אַראָבגעלאָזט פֿונ'ם בערגעל אין וואַלד אַריין. ס'איז שוין געווען שפּעט. די לבנה אַ קליינע, צ שאַרף־ליכטיגע, איז געהאָנגען הויך אין מיטען הימעל און אַ קיהל, פֿייכט טוי־ווינטעל האָט בעוועגט די בוימער.

טיעף האָט געראַשט דער וואַלד, ווי ער וואָלט געעטענ... פֿון זיין טיעפֿען, פֿערזונקענעם שלאָף...

די בחורים האָבען צווישען זיך גערעדט שטיל מיט אָבגעריסענע, ווי צושראָקענע ווערטער, גלייך ווי די שטילקייט פֿון אַרום וואָלט זיי פֿער'כשופֿ'ט. אַלע האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער געקומענער יונגערמאַן איז דער גערי־המטער „משה", וועגען וועלכען זיי האָבען שוין אַ סך געהערט. ער איז געווען אַ געריהמטער „אָראַטאָר" און מ'האָט פֿון איהם אין שטעדטעל שוין נישט איין מאָל דערצעהלט וואונדערליכע זאַכען.

— וואָס פֿאַר אַ שעהנעם וועלד איהר האָט דאָ!—האָט דאָס פֿריילין געזאָגט, ציהענדיג אין דעם פֿרישען שמעקעדיגען וואַלד־ריח, און האָט זיך פּ־וצ־ינג טיעף פֿערקלערט. ווייטע, טרויעריגע, נאָר אָנגענעהמע געדאַנקען האָבען אָנגעפֿילט איהר מח. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן איהרע קינדער־יאָהרען, ווען זי האָט געוואוינט מיט איהר מוטער אין קליינעם שטעדטעל. קיין פֿאָטער האָט זי נישט געהאַט, דערפֿאַר איז זי געווען אַזוי צוגעבונדען צו איהר גוטער מוטער, אַז איצט, ווען איהר בילד איז אויפֿגעשוואומען פֿאַר איהרע אויגען, האָט זיך איהר דאָס האַרץ אַ ריהר געטון, ווי ס'וואָלט צושמאָלצען געוואָרען פֿון עפּעס אַ פּלוצלינגער טיעפֿער וואַרימקייט. מיט נייע געפֿיה־לען איז זי איבערפֿולט געוואָרען, מיט אַזעלכע, וואָס האָבען שוין לאַנג אין איהר האַרץ קיין אָרט נישט געפֿונען. ווי אין

אַ דר מעל, ווי אין אַחלום, האט די נאכט זי אַריינגעוואָרפען. זי האָט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז, און האָט אזוי מורא געהאַט דערפאַר. זי ווייסט, וואו זי געפינט זיך. און אַרבייט איז דאָ, אַזוי פיעל, נויטיגע... נויטיגע. מ׳טאָר זיך נישט פערליערען. זי וויל קלערען פון דער פערזאַמלונג, וואָס מ׳האָט בעשטימט אויף מאָרגען. זי קאן נישט פערשטעהן, וואָס מיט איהר איז געשעהן אַזעלכעס. ביז איצט האט זי געהאַט אַזוי פיעל צו זאָגען און איצט פיהלט זי זיך אַזוי נישט-פעהיג דערצו. וואָס וואָלט זי איצט געקאָנט ריידען צו אַלע, וואָס נויטיגען זיך אזוי אין איהר וואָרט? און זי פיהלט אויך אַ זינד אין דעם, וואָס זי זעהט פאַר זיך איצט דאָס שטעדטעל, וואו זי האָט די שטילע זוניגע טעג פון איהר קינדהייט דורכגעלעבט, דאָס הייסט: זי איז פער-נומען מיט זיך אַליין, מיט יענעם שטילען מיידעלע, וואָס פלעגט געהן אין מאַרק אריין איינקויפען, ווען די מאַמע איז געלעגען קראַנק, געגאַנגען פאַרביי ר׳ גארפינקעל׳ס גאניקעל, אַז שלמה׳לע זאָל איהר נאָכקוקען...

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט זי זיך פרעהליך צולאַכט, — איהר ווייסט, חבר׳טעס, וואָס כ׳האָב זיך איצט דערמאנט? איך בין דאָך אויך אַ פּראָווינץ-מיידעל, כאַ-כאַ-כאַ!... מיר דאכט זיך איצט, אַז כ׳בין אין דעם שטעדטעל, וואו מיר האָבען געוואוינט, דאָרט איז אויך געווען אַזאַ גרויסער וואַלד!...

די מיידלעך האָבען עפּעס געפרעגט, גערעדט צו איהר, נאָר זי האָט קוים געענטפערט. בילדער איינס נאָכ׳ן אַנדערן, שטילע, ווייטע, ליכטיגע בילדער האָבען זיך פאַר איהר דורכ-געטראָגען.

אָט זעהט זי פאַר זיך אַ טורמע, אַ קליין, פעררויכערט לעמפעל בעלייכט ברודיג-רויט די פייכטע ליימיגע ווענד פון דער קאַמער. אַ ציטער גליטשט זיך איבער איהר לייב, ווען זי דערמאָנט זיך אָן די ווענד, אָן זייער קאַלטער בייזער פרעמד-קייט אונטער׳ן קליינעם קראַטע-פענסטערל, אָן דעם שטילען ליידיגען טורמע-הויף, וואָס ליגט פערשלאָסען אין אַ ווינקען געמויערטען פאַרקען, און — די מענשען! כאָטש איינע האָט

די אַנדערע געדופּען שוועסטער, זענען זיי געווען אַזעלכע פרעמדע, פערוועהטאָגטע...

— אין שטאָדט וואָלט מען איצט אויך געקענט אַזוי פריי אַרומשפּאַצירען?! — האָט עמיץ געפרעגט.

— דאָס פרײלין האָט אַ ציטער געטאָן. ס׳האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די ווערטער האָט איהר עמיצער אין אויער אַריינגעשריגען און זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דער שטאָדט, אָן די פערצווייפעלטע טעג אין גאַס, אָן די קרענקליך-אונן רוהיגע נעכט אויפ׳ן געלעגער, אָן איהר קליינעם צימערל אי-אַ הינטער-געכעל פון שטאָדט. דאָרט געהט נישט דורך קיין נאַכט, מ׳זאָל נישט הערען די שווערע טריט פון סאָלדאַטען, וואָס פיהרען צווישען זייערע רייהען צושראָקענע, האַלב-פערשלאָפענע, פון די געלעגערס אַראָב. און איצט, פיהלענדיג אַרום זיך דעם וואַלד, האָט זי דערשפירט אַזאַ גרינגקייט אַרום האַרץ, אַז זי וואָלט פון דאַנען קיינמאָל נישט אַוועק. נאָר דאָס האַרץ האָט זיך וועהטאָגליך געצויגען צו יענע — צו דער ווייטער, גרויסער, ברענענדיגער שטאָדט. „דאָס איז דער היי-ליגסטער חוב — האָט זי געקלערט אַזוי ווי אַלע מאָל — איצט איז די צייט פון שטורם"... איהרע אויגען האָבען אַ פרישען גלאַנץ בעקומען:

— חבר׳טעס!— האָט זי אויסגעשריגען, — מאָרגען מאַכען מיר אַ גראַנדיעזע פערזאַמלונג! דער חבר משה וועט אונז עפּעס זאָגען!

זי האָט געכאַפּט גיטלען און שרה׳לען אונטער ביידע הענד און אויסגערופען!

— קומט אַהער אַלע, לאָמיר געהן צוזאַמען!...

אַלע זענען געגאַנגען צוזאַמען. ס׳איז געווען פרעהליכער, דאָס פרײלין האָט אויסגעפרעגט וועגן פערשיעדענע זאַכען, אַלע האָבען איהר געענטפערט. זי איז געווען פרעהליך, זי האָט געלאַכט.

— ווי אַזוי זאָלען מיר אייך רופען? — האָט זיך גיטעל צוגעבויגען צום פרײלין און געפרעגט בכוד.

— מיך רופט מען מאַרי! — האָט [illegible] פּלוצלינג [illegible]שפּערט.
ס'איז געוואָרען שטיל.

*

אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען סוד'ען. דער נאָמען „מאַרי" האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז די געריהמטע מאַרי, וועלכע מ'רופט אין גאַס זאַגאַר „הייליגע". און ווייל די שטימונג איז געווען אַ לעבע־דיגע, האָט מען זיך שטילערהייד צונויפגערעדט און פּלוצלינג האָבען אַלע, אַרומהאַלטענדיג מאַרי'ן, אויסגעשריגען:
— הו־ראַ! עס לעבע מאַרי!...

מאַרי האָט זיך געטוליעט צו די מיידלעך, אַזוי ווי אַ קינד, וואָס פערשעהמט זיך. אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, האָט זי שטיל גערעדט:

— איהר לאַכט פון מיר, חבר'טעס, ווען איהר רופט מיך הייליגע...

— איהר זענט ווירקליך אַ הייליגע. איהר זענט אַזוי איבערגעגעבען דער בעוועגונג, איהר טוט אַזוי פיעל פאַר אונז! — האָבען זיך די מיידלעך געטוליעט צו איהר.

— דאָס איז אונזער הייליגסטער חוב! — האָט מאַרי גע־רעדט, נישט קוקענדיג אויף קיינעם. איהרע אויגען נאָר האָ־בען אין דער מינוט געקוקט אַזוי מיד אין דער אַזוי־גער שטילער נאַכט אַריין, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, זי הערט זיך שטיל צו צו עפּעס, וואָס קומט פאַר אין דערווייטענס.

די נאַכט אַרום איז געשטאַנען אַנ'אויסגעבלייכטע, ווי אַ מידע, אין איהר ווייטער, בלויער שטילקייט. ס'איז שוין גע־ווען די שעה, ווען די זומער־נאַכט שלאָפט מיט אָפענע אויגען און עס פיהלט זיך דאָס קלענסטע ווערימעל, וואָס דרימעלט ערגיץ אונטער אַ גרעזעל. חברה איז מיד געוואָרען רעדענדיג. מ'האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען געהן שנעלער און יעדער בעזונ־דער איז געווען פערנומען מיט זיינע געדאַנקען. ערשט איצט האָט מאַרי זיך דערפיהלט אַזוי פרעמד צווישען אַלע... נאָר זי איז געווען גליקליך דערמיט, וואָס זי איז אַנדערש פון צעהן

טויזענד אַנדערע, וואָס זי איז פלוצלונג אין אַ זומער=נאַכט
פערטראָגען געוואָרען אַהער, און אַלץ צוליעב דעם, אין וואָס
זי איז אַזוי איבערצייגט און וואָס ביי איהר איז אַזוי הייליג.
גוט איז איהר געווען דערפון, וואָס זי האָט דערפיהלט, אַז זי
איז שלעפעריג און די ביינער ברעכען איהר פון פאָהרען אויף
דער באַהן. זי וואָלט זיך געווען אַוועקגעלעגט דאָ אויפ׳ן
בערגעל, דעם וואַלד צופיסענס, און געשלאָפען אונטער׳ן
פרייען הימעל. נאָר, ווען זי האָט אַ קוק געטון אויף די
מידע, ערנסטע פנימ׳ער פון די אַרומיגע, האָט זי זיך דער=
פיהלט ווי שולדיג אין עפעס, און אַ וועהטאָגליכער צווייפעל
האָט אָנגעפילט איהר האַרץ...

פון דערווייטענס, אויף דעם אויסגעבלייכטען הימעל,
האָט מען שוין קוים, קוים אָנגעזעהן שפיציגע קוימענס און
דעכלעך איינס איבער׳ן אַנדערן און פון צווישען דער פינסטער=
ניש האָבען אַרויסגעצייטערט עטליכע רויטע פינקלענדיגע
פלעמעלעך.

— מען מעג שוין אויסלעשען דעם לאַמטערן? — האָט
געפרעגט מאָטעל הענדשקע=מאַכער.

— ניין, מ׳דאַרף נאָך דורכגעהן די געדיכטע קשאַקעס.
שפעטער, — האָט געענטפערט יענקעל מיט אַ ווילד=רייסענדיג
ביי=קול פון פערשלאָפענקייט.

אין אַ פאָר מינוט אַרום איז מען אַריין אין דער גע=
דיכטקייט פון נישט הויכע קשאַקעס, וואָס זענען געוואַקסען ביי
דער זייט פון אַ נישט טיעפען ראָוו.

— שניידט גלייך דורך די קשאַקעס, וועט איהר אַרויס=
קומען אויפ׳ן פעלד! — האָט יענקעל געקאָמאַנדעוועט.

— אָט, אָט!

— גיט אַהער אַ האַנד!

— פערקריכט נישט אָן אַ זייט! — האָט מען זיך איבער=
גערעדט, געהענדיג מיט פאָראויסגעשטרעקטע הענד געגען די
געדיכטע צווייגען. ווען אַלע זענען טיעף אַריין אין דער גע=
דיכטקייט און די קשאַקעס האָבען זיך צושאַרט, ווי זיי וואָל=

טען זיך געבייזערט, פאַרוואָס מ'האָט זיי פון שלאָף אויפגעוועקט, האָט זיך פלוצלינג פון יענער זייט פעלד דערהערט א ווייט רופען:

— יע-ע-נקעל!

— שאַ, ווער רופט עס?! — האָט זיך יענקעל אָבגערופען און דאָס רוישען פון די בוימלעך איז שטיל געוואָרען. אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט.

— ווער קען עס איצט זיין — האָט יענקעל איבערגעפרעגט מיט אַ ציטער אין דער שטים.

— יענקעל! — האָט זיך נאָכאַמאָל געהערט שוין דייטליכער.

— יאָ! ווער איז עס?! — האָט יענקעל געענטפערט מיט אַ הייזעריג געשריי.

— יענקעל! מאָטעל! — האָט זיך נאַכאַמאָל געהערט און יעדען האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס בייעס, שווערס האָט זיך פלוצלינג אָנגעטראָגען פון ערגיץ...

— ס'איז פון אונזערע! האָט עמיצער געזאָגט. — האָפּ, האָפּ! אָט זענען מיר!...

ס'איז געוואָרען שטיל.

*

ווען די חברה איז אַרויס אויפ'ן פעלד, זענען איהר ענטגעגען געלאָפען עטליכע יונגע-לייט, און צווישען זיי ציפּע, יענקעל'ס ווייב, מיט אויסגעשטרעקטע הענד גלייך צום מאַן מיט אַ געשריי און טרעהרען אין די אויגען.

— ווערה איז מיר, יענקעל'שי! דער סטראַזשניק מיט קאָזאַקען געהען אַרום כּן שטוב צו שטוב און נעהמען צו וואו נאָר אַ בחור. זיי זענען איצט געוועזען ביי אונז און האָבען זיך געפרעגט, וואו דו ביזט ערגיץ אַזוי שפּעט ביי-נאַכט!

די יונגע-לייט האָבען דערווייל שטיל גערעדט צווישען זיך.

— שאַ, זאָל נאָר זיין שטיל, וואו זענען זיי געוועזן? — האָט זיך יענקעל געבעטען ביי ציפּען מיט גרייט-אויפגעריסענע אויגען.

— אוי, דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ס'וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען! — האָט ציפּע געזונגען מיט אַ האַלב אָפענעם מויל און צושראָקענע אויגען.

אין דער צייט, וואָס יענקעל האָט אויסגעפרעגט זיין ווייב, האָבען זיך די יונגע־לייט אָבגערוקט אָן אַ זייט און גערעדט צווישען זיך אַזוי שטיל, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ווערימעל סיקעט ערגיץ שטיל אין דער נאַכט אַריין...

מאַרי מיט משה'ן זענען געשטאַנען בעזונדער. באַלד איז מאַרי צוגעגאַנגען צו די איבעריגע מיט אַ האַלב־אויפגעהויבענער האַנד און מיט ענטשלאָסענקייט אין דער שטים האָט זי אָנגעהויבען צו רעדען:

— חברים! מ'טאָר זיך ניט פאַרליערען, צוגעהט אייך פּאַרוויז דורך פערשיעדענע וועגען, און איך מיט משה'ן — ווייל מיר זענען דאָ פרעמדע — וועלען מיר אַראָבגעהן טיעפער אין וואַלד. ס'איז דאָך אַ זומער־נאַכט, אָט הויבט שוין באַלד אָן צו טאָגען. זאָגט נאָר, יודענע, געפונען האָט מען בּיי אייך גאָרניט? — האָט זי זיך געווענדט צו ציפּען.

— פרייליינשי! — האָט ציפּע צו איהר די הענד אויסגעצויגען, — וואָס איז דען, חלילה, ביי מיר דאָ צו געפונען?!

— נו, טאָ וואָס זשע שרעקט איהר אייך?! געהט, געהט, חברים, אַ גוטע נאַכט! — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל. אַלע זענען דאָך שטעהן געבליבען און געקוקט אויף מאַרי'ן און אויף משה'ן, וועלכע זענען בעזונדער געשטאַנען, אומגעקעהרט צום וואַלד צו.

אין דער מינוט האָט יעדער דערפיהלט, אַז זי איז אַ הייליגע — אַזוי פיעל געהיימעס, שטאַרקעס איז איצט געווען אין יעדער בעוועגונג איהרער און אַלע האָבען מיט אַמאָל אויסגעשריגען:

— פאַר־טאָג וועלען מיר קומען צו אייך...

נאָר מאַרי מיט משה'ן זענען שוין פערשוואונדען אין די קשאַקעס...

— — — — — — — — — — — —

— גיט מיר אייער האַנד, מאַרי. ס'איז גליטשיג באַרג־אַראָב פון טוי — האָט משה געזאָגט צו מאַרי'ן, ווען זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון באַרג טיעף אין פינסטערן וואַלד — מיר וועלען אויסזוכען אַן אָרט אונטער אַ בוים, וואו ס'זאָל נישט זיין אַזוי פייכט, און מיר וועלען זיך אָפּרוען!

מאַרי האָט געשוויגען. זי האָט געפיהלט עפּעס אַן אומרוהיגקייט און האָט אויף קלאָר נישט פערשטאַנען, פון וואַנען די אומרוהיגקייט האָט זיך גענומען. זי האָט זיך נישט געשראָקען פאַר דער אָבלאַווע, זי האָט איצט אַפילו נישט געקלערט דערפון, זי האָט נאָר געפיהלט, אַז זי וואַכט־אויף ווי פון אַ לאַנגען שלאָף, און האָט מורא געהאַט צו טראַכטען דערפון...

— אָט־אָ־דאָ קאָן מען זיך זעצען, — האָט זיך משה אָנגעבויגען, טאַפּענדיג דאָס גראָז מיט דער האַנד — דאָ איז טרוקען, זעצט אייך, מאַרי!

מאַרי האָט זיך האַסטיג אַ וואָרף געטון אויפ'ן גראָז. משה האָט זיך לאַנזאַם געזעצט, אַביסעל אָבגערוקט פון איהר.

— רוקט זיך אַביסעל צו, משה האָט נישט קיין מורא. אַך, ווי מאָדנע איך פיהל זיך היינט..

— איהר זענט מיד, מאַרי, אַ? נישט געוואוינט...

— ניין, משה, איך בין נישט מיד! פערקעהרט איך פיהל זיך זעהר מוטיג. נאָר די נאַכט האָט אויף מיר משונה־דיג געווירקט; נייע געדאַנקען קומען... נייע, איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געדענקט...

— זענען מיר דען נישט דאָ ביידע פאַר איין זאַך, מאַרי?

— כ'ווייס נישט...

— האָט אונז דען נישט איין געדאַנק אַהער געבראַכט? מאַרי האָט געשוויגען.

און אַזוי שטיל איז געווען אַרום. די לבנה האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזט ערגיץ אין אַ ווינקעל הימעל און געלאָזט דעם וואַלד אַ פינסטערן און אַ שלאָפענדען: איבער'ן הימעל האָט זיך אַ שווינדעלדיגע בלייכקייט צוגאָסען, נאָר דער וואַלד איז פינסטער געווען.

מאַרי איז געלעגען האַלב־זיצענדיג, אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן אַ ברייט־צוואַקסענעם בוים. האַרט נעבען איהר איז געזעסען משה. זיינע אויגען זענען געווען ברייט אויפגעריסען, געקוקט שאַרף אויף דער געדיכטער פינסטערניש פון די בוימער, און מאַרי האָט געקוקט אויף זיין נאָז, וואָס איז געווען פערשפּיצט, און האָט דערפיהלט עפּעס אַ רחמנות צו איהם: די בעסטע יוגענד גיט ער אַוועק און ווער וועט איהם בעצאָהלען דערפאַר? אין דער מינוט האָט זי געוואָלט, ווי אַ שוועסטער, נעהמען זיין קאָפּ און אַרויפלעגען איהם אויף איהר ברוסט. זי האָט זיך אַ מינוט פערקלערט, קוקענדיג אויף משה'ס ברייטער האַנד, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן דער ערד: יאָ, ווי אַ שוועסטער, ווי אַ שוועסטער...

נאָר משה האָט זיך פּלוצלונג אָבגערופען:

— אייך איז אפשר קאַלט, מאַרי? כ'וועל אייך געבען מיין רעקעל.

— ניין, משה, מיר איז נישט קאַלט. איך האָב זיך פערקלערט, אַ מאָדנער געדאַנק איז מיר אַרויף אויפ'ן זינען. שטעלט אייך פאָר: ווען אַלע, אַלע מענשען וואָלטען געלעבט אין אַזאַ שטילען וואַלד, אונטער'ן פרייען הימעל, מיר דוכט, אַז אַלע וואָלטען געקאָנט לעבען אַזוי גליקליך... אַזוי רוהיג...

משה האָט אַ שמייכעל געטון:

— איהר האָט פערגעסען, מאַרי, אַז ס'זענען דאָ אַזעלכע, פאַר וועלכע ס'איז גוט צו זיין די הערען און האָבען שקלאַפען...

— כ'ווייס, ס'איז אָבער דאָך גוט צו דענקען דערפון...

משה האָט געשוויגען.

דער הימעל האָט זיך געבלייכט און די נאַכט האָט זיך געלאָשען. דער וואַלד איז געווען איינגעהילט אין אַ מאַטער קיהלער בלויקייט, אַ פאַרטאָגיג ווינטעל האָט אַ בלאָז געטון און משה'ן האָט אַ ציטער דורכגענומען. זיין קאָפּ האָט זיך מיד אַראָבגעלאָזט און זיינע אויגען האָבען זיך לאַנגזאַם געשלאָסען. ער איז איצט געלעגען מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן

בוים און געהאַלטען אַרומגענומען זיינע קניה. מאַרי האָט געקוקט שאַרף אויף זיין בּרייטער ברוסט, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם אַרויף און אַראָב געהויבען.

פּלוצלונג האָט זי איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנד. משה האָט די אויגען געעפענט און געשוויגען.

— משה! — האָט מאַרי געזאָגט מיט אַ פרעמדער הייזעריגער שטים, — משה, לעגט אַוועק אָט דאָ דעם קאָפּ... אָט אַזוי... איהר האָט אַ שוועסטער?...

— יאָ, — האָט משה שטיל געענטפערט, ווען זיין קאָפּ איז שוין לייכט געלעגען אויף מאַרי'ס ברוסט.

— נו, ווערט זיך אייך דאַכטען... אַז נעבען אייך זיצט אייער שוועסטער...

משה האָט האַלב־דרימלענדיג אויפגעזוכט מאַרי'ס האַנד, אַ דריק געטון די האַנד און געענטפערט:

— איהר זענט אַ גרויסע שוועסטער, מאַרי!

— משה האָט דערפיהלט די וואַרימקייט פון מאַרי'ס קערפּער און די וואַרימקייט האָט זיך צוגאָסען ווי אַ שטראָם איבער זיין גאַנצען גוף. ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און געזעהן פאַר זיך מאַרי'ס געזיכט, וואָס האָט געהאַט אַ ברוין־גרינליכע פאַרב. איהרע ליפּען זענען פריש און פול געווען; ווען זי האָט געשמייכעלט, האָט זיך איהר אויבערשטע ליפּ פערשאַרצט און איהרע קליינע, קלאָרע ציין האָבען אַרויסגעפינקעלט. אין דערזעלבער מינוט האָט מאַרי דערפיהלט, אַז ס'פעהלט איהר אָטעם; זי האָט געעפענט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט נישט געקאָנט...

— משה, — האָט זי געמורמעלט מיט אַ שווערען אָטעם — איהר שלאָפט?...

— ניין, מאַרי, איך שלאָף נישט, — האָט משה געענטפערט שנעל, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ. זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט און משה האָט די אויגען אַראָבגעלאָזט. ווען ער האָט זיי באַלד ווידער אויפגעהויבען, האָט מאַרי נאָך אַלץ אויף איהם געקוקט מיט אַ צומישטען בליק. איהר שוואַרץ־

טרויעריג קאַפּעליושעל איז איהר איצט פון קאָפּ אַראָבגעפאַ־
לען. איהרע שוואַרצע, געקרויזטע האָר זענען זיך צופאַלען
איבער איהרע אַקסעל, און אַנ׳אויסגעוואַרימטע פרישקייט האָט
פון איהר פּנים אַראָבגעעטעמט.

משה האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזעהן. און קוי־
קענדיג איצט אויף איהר, האָט ער פערגעסען, ווער זי איז.
ער האָט געפיהלט דאָס ציטערן פון מאַרי׳ס האַנד אויף זיין
פּלייצע און ער האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז נעבען
איהם איז די „הייליגע״, איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער
לעבט אין חלום...

אַ קיהל ווינטעל האָט זיך דורכגעטראָגען דורכ׳ן וואַלד
און די שפּיצען פון די אין נעפּעל געהילטע סאָסנעס האָבען
זיך אַ בעוועג געטון, ווי זיי וואָלטען פון אַ פּלוצלומדיגער
שרעק אויפגעוואַכט. באַלד איז דאָס ווינטעל שטאַרקער געוואָ־
רען, ווי דער וואַלד וואָלט זיך אַ בייזער געטון, און אַ גרויער
אָנגעלאָפענער וואָלקען האָט בעצויגען דעם הימעל, אויף וועל־
כען די בלייכע שטערען זענען איינער נאָכ׳ן אַנדערן אויסגע־
לאָשען געוואָרען. אין דער לופט האָט זיך דערפיהלט אַ פייכטע
דעמפיגקייט און דער ריח פון וואַלד איז געוואָרען אַזוי שאַרף,
אַז זיי ביידען האָט זיך געדוכט, ווי זיי וואָלטען זיך אָנגעגעסען
מיט דער פייכטער ערד, אויף וועלכער זיי זענען געזעסען...

— דאַכט זיך, מאַרי, אַז ס׳פערנעהמט זיך אויף אַ רע־
גען — האָט משה שטיל אַרויסגערעדט, נאָכדעם, ווי ער האָט
זיך אַרומגעקוקט אין פינסטערע ווינקעלעך פונ׳ם פערנעפּעלטען
וואַלד.

— יאָ, כ׳וואָלט געוואָלט, ס׳זאָל רעגענען, אַ שטאַרקער
רעגען זאָל זיך אַראָבלאָזען... אין מיר ברענט אַ פייער... איהר
קוקט מיך אָן, משה, איהר האָט מיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט
געזעהן. כ׳ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז געשעהן.
כאטש איך ליג דאָ ווי אַ ווילדע חיה, וואָס בעהאַלט זיך פונ׳ם
יעגער׳ס אויג, דאָך פיהל איך זיך אַזוי פריי... און אַזוי
שטאַרק... אַז כ׳וואָלט, דאַכט זיך, דעם גאַנצען וואַלד מיט

מיינע הענד אַרומגענומען!...

זי איז שוין איצט געלעגען אינגאַנצען אויסגעצויגען. איהר צומישטער בליק האָט מיט אַ ווילדער שאַרפקייט אַרומגעבלאָנדזעט אויף משה׳ן. משה האָט זיך עפּעס אַ הויב געטון. ער האָט אָנגענומען מאַרי׳ן פאַר׳ן האַנד און, האַלב ליגענדיג, צוגערוקט זיך נעהנטער צו איהר — אַזוי נאָהנט, אַז מאַרי׳ס פולע ברוסט איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן זיינער...

— מאַרי, איהר זענט — אַזאַ שטאַרקע... און אַזאַ שעהנע... מאַרי! — אָבער מעהר האָט ער נישט געקאָנט רעדען. איין געפיהל נאָר האָט איהם פול געמאַכט — ער האָט געפיהלט מאַרי׳ן. און ווי ער וואָלט זיך צוהערען צו דער וואַרימקייט, וואָס האָט אין איהם געפלאָסען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז מאַרי דריקט זיך צו איהם אַלץ שטאַרקער; ער האָט געפּרובט עפּעס רעדען, נאָר אַ הייסער קורצער אָטעם האָט אַרויסגעשלאָגען פון זיין האַלב־אָפען מויל...

אַ ווינד האָט זיך אַ טראָג געטון און עטליכע קרומע שנירלעך רעגען האָבען אַ קלאַפּ געטון איבער׳ן וואַלד. דער וואַלד האָט אויפגעוואַכט אין זיך טיעף צורוישט. דער רעגען האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן פעלד אין אַ גלייכען, שווערען טאַקט, פריהער שיטערער, דערנאָך אַלץ געדיכטער און געדיכטער.

— אָ, וואָס פאַר אַ פרישקייט! זאָל ער גיסען, דער רעגען... אָט אַזוי... משה, נעהמט מיך אַרום... וועט אונז וואַרימער זיין...

זי האָט מיט איהרע הענד זיין האַלז אַרומגענומען, איהרע קניה זענען געלעגען אויף זיין שויס.

— שטאַרקער, משה! — און זי האָט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט אַראָבגעלאָזט.

נאָר משה האָט שוין נישט געהערט איהרע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט ווי פון טיעפען שלאָף געמורמעלט. אַ פייער האָט זיין גאַנצען קערפּער אַרומגענומען. זיינע הענד האָ-

בען ווי אַ צוואַנג געהאַלטען מאַרי׳ס טאַליע און געדריקט זי צו זיך.

— מאַרי!...

ביידע האָבען איצט געשוויגען. זייער שווער און קורץ עטעמען האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן פייפען פון וואַלד און מיט׳ן איינאַרטיגען קלאַפּען פון׳ם רעגען.

*

— משה! — האָט מאַרי פּלוצלינג, ווי פערשטיקט, אויסגעשריגען און האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט דערפיהלט אַ שטעכיגע קעלט איבער דער קניה און, צודעקענדיג איהר פוס, אויף וועלכען די רעגען-טראָפּענס זענען געפאַלען, האָט זי נאָכאַמאָל אויסגעשריגען:

— משה! — נישט דאָס, נישט דאָס...

משה איז נישט געשלאָפען. ער איז געזעסען אָבגערוקט פון מאַרי׳ן, מיט׳ן רוקען אָנגעשפּאַרט אן בוים און מיט די הענד די קניה אַרומגענומען. מיט מידע האַלב-צוגעמאַכטע אויגען האָט ער געקוקט אויף דער שלאָפענדער מאַרי. איהר פּנים איז געווען קלאָר און אויסגעגלייכט. זי איז געלעגען גלייך אויסגעצויגען, איין האַנד אויף דער ברוסט, געעטעמט לייכט, און איהר ברוסט האָט זיך קוים בעוועגט. משה׳ן האָט זיך איצט געדאַכט, אַז מאַרי שלאָפט שוין אַזוי לאַנג... און אין דער מינוט, ווען ער האָט זי אַזוי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך, איז זי אויף געשלאָפען... ער האָט דערפיהלט אַ פערלאַנג זי אויפצוועקען און דערצעהלען וועגען אַלץ, וואָס איז געשעהן אין דער נאַכט. און אפשר ליגט זי נאָר אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגען און קלערט וועגען אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען?... און איהם הויבט זיך אָן צו דאַכטען, אז אָט-אָט כאַפּט זיך אויף מאַרי, שטעלט זיך אַוועק אַזוי גלייך, מיט אַ פערריסענעם קאָפּ אין דער הויך, ווי זי טוט עס אויף אַ פערזאַמלונג. אָבער וואָס וועט מאַרי צו איהם רעדען? דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, ווי מאַרי אַליין האָט זיין קאָפּ אויף איהר ברוסט אַרויפגעלעגט און דער געדאַנק האָט איהם

אַ ביסעל בערויִגט. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דעם, וואָס וועט ער היינט רעדען אויף דער פֿערזאַמלונג. ס׳האָט זיך איהם געוואָלט קומען רעדען און פֿערענטפֿערען מאַריִ׳ן... ער וועט רעדען פֿון ליעבע... ער וועט רופֿען צו ליִעבע...

— „ניִשט דאָס״!... האָבען איהם פּלוצליִנג אַ קלאַפּ געטאָן מאַריי׳ס ווערטער.

דער רעגען האָט אויפֿגעהערט, אַ שטילער גאָלדענער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען איבער׳ן וואַלד, אַ שטיִלער ליִכטיִגער יום־טוב שוויִמט־אָן פֿון ערגיִץ.

קורצע, גאָלדענע שטראַהלען וויִקלען זיִך אויף די שפּיצען פֿון די בוימער, דער וואַלד שמייהעלט געגען דעם הימעל. דער וואַלד וועקט זיך און פֿון זיינע טיעפֿע שטיל־קייטען טראָגט זיך אַ פֿויגעל־געזאַנג. דאָס סוויטשען פֿון די פֿויגעל ווערט אַלץ רוישיגער, נעהנטער — די שטילע, גאָלדענע ליכטינקייט זיִנגט, דער וואַלד זינגט און צוגעהט אין אַ ברייטער, לייכטענדער פֿרייד... משה ליִגט אויסגעצויגען אויפֿ׳ן פֿייכטליכען וואַלד גראָז. ער קוקט ווייט, וואו צווישען די שפּאַלטען פֿון די געדיכטע בוימער־רייהען גליִהט אַ גאָלדענער טייך — דאָס געהט אויף די זון... ער האָט נאָך קיינמאָל ניִשט געזעהן, ווי די זון געהט אויף, און ער דערמאָהנט זיך אָן אַ ליִעד, וואָס הויבט זיִך אָן מיט די ווערטער:

„ס׳וועט אויפֿגעהן אונזער זון״...

ער האָט די אויגען ניִשט געקאָנט עפֿענען. די ערשטע זונען־שטראַהלען האָבען איהם איִבערגעגאָסען מיִט אַ לינדער וואַריִמקייט און ער האָט לייכט אַיינגעדרימעלט...

*

ווען מאַרי האָט אויפֿגעוואַכט, איז שוין דער וואַלד געשטאַנען אַרומגעזוימט מיִט אַ גאָלדענער ליִכטיִגקייט, גלייך ווי הונדערטער ליִכט וואָלטען געברענט איִבער זיינע געדיִכטע נאָדעל־קעפּ. שמייכלענדיִגע זונען־פלעקען האָבען אַרומגעשוויִנדעלט צווישען די בוימער. אויף די בלעטלעך פֿון די

נידעריגע קשאַקעס האָבען געצאַפּעלט בריליאַנטענע טראָפּענס פונ׳ם רעגען...

מאַרי האָט זיך האַלב־אויפגעזעצט, זי האָט טיעף אָבגעטעמט מיט דער פריש־שמעקענדיגער וואַלד־לופט און די אויגען אויפגעעפענט. אַ ווייך־בלוי שטיק שטיל־בעלויכטענער הימעל האָט צו איהר אַראָבגעשמייכעלט. אַ מינוט איז זי געווען פערטומעלט, זי האָט נישט געוואוסט, וואו זי איז. זי האָט זיך אומגעקוקט אַרום און, ווען איהר בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן מיד־שלאָפענדיגען משה׳ן, האָט זי זיך אַן אַלץ דער־מאָהנט. זי האָט טיעפער אָבגעטעמט און זיך פערקלערט.

אין איין מינוט איז פאַר איהר דורך די גאַנצע נאַכט, נאָר איהר האָט נישט באַנג געטאָן אויף דעם, וואָס איז געשעהן.

— „איך האָב ליעב״! — האָט זי ווי געשריגען אין גע־דאַנק, — „איך האָב ליעב: אַ פעריאָגטע אין וואַלד... ביי־נאַכט... דער רעגען גיסט... און איך האָב ליעב״!...

דאָס אַלץ האָט איהר אויסגעזעהן אַזוי ערהאַבען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אויסציהענדיג די הענד אין דער הויך, די זון האָט אַלץ מעהר דעם וואַלד מיט נאַלד בעגאָסען: זי האָט אין זיך דערפיהלט אַ ברייטען, פרייען, גאָלדענעם יום־טוב; זי האָט זיך אַ לאָז געטון צו משה׳ן, אַרויפגעלעגט אַ האַנד אויף זיין קאָפּ און אויסגעשריגען:

— משה, שטעהט אויף! זעהט. ווי שעהן דאָ איז... משה!...

משה האָט געעפענט די אויגען, אַרומגעקוקט זיך מיט אַ צומישטען בליק און, דערפיהלענדיג איבער זיך דעם ברייטען, ליכטיגען טאָג, האָט ער אַ שמייכעל געטון און גענומען איהר האַנד אין זיינער...

נאָר מאַרי האָט איהם מיט קראַפט אַ הויב געטון פון דער ערד און, טוענדיג מיט איהם ווילד אַ לויף, האָט זי געזאָגט:

— לאָמיר אַביסעל לויפען איבער׳ן וואַלד, זעהט, ווי גוט דאָ איז...

איהר פנים האָט געלויכטען, זי האָט דערפילט דאָס פרייע, לאַכענדיגע לעבען, וואָס האָט זיך פאַר איהר אין דער ווייטער צוקונפט געמאָלט...

— אַ נייע לעבען... אַלע גליקליכע... אַלע פרייע... גליקליכע...

נאָר משה איז שוין געשטאַנען נעבען אַ בוים און, טיעף אַראָבּרוקענדיג זיין קאַפּעליוש איבער די אויגען, האָט ער שאַרף, מיט אַ רעדנער־טאָן, געזאָגט:

— מאַרי, מיר מוזען געהן, מיר מוזען זיך היטען פאַר אַנ׳אַרעסט!...

מאַרי האָט ווי פון אַ חלום אויפגעוואַכט, זי איז שטאָלץ געבליבען שטעהן, דעם קאָפּ אין דער הויך פערריסען, און געענטפערט שאַרף:

— איך בלייב דאָ... דער וואַלד איז פריי פאַר יעדען!...

— — — — — — — — — — — —

צו גאַסט

ס׳איז שוין געווען פֿאַרנאַכט, ווען רובין איז אַרויס פֿון געשעפֿט. ער איז אויפֿגעזעסען אויף אַ טראַמוואַי און אַוועק צום וואָקזאַל. דאָ האָט ער נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף דעם פֿערשריבענעם אַדרעס, וואָס די פֿריילין אַננאַ האָט איהם געגעבען.

ווען ער איז געזעסען אין וואַגאָן, איז ער געווען מאָדנע צופֿריעדען דערפֿון, וואָס ער פֿאָהרט צו דער פֿריילין אַננאַ, און ער האָט געקלערט, אַז פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער קען זי — שוין אייניגז יאָהר — איז זי נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גוט אויפֿגעלעגט צו איהם, ווי דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט זי בעגעגענט.

ער האָט אַרויסגעקוקט פֿון וואַגאָן-פֿענסטערל. די זון האָט זיך שוין געזעצט, דער קלאָרער הימעל איז געווען אַדורכגענומען מיט אַ לייכטער פורפור און די פֿעלדער זענען געלעגען שטיל-פֿערבלויטע און ווייטע, ווי מידע נאָך דער היץ פֿון׳ם גאַנצען טאָג. רובין האָט געקלערט, וואו ער וועט שפּאַצירען מיט פֿריילין אַננאַ, אַראָבגעהן טיעף אין וואַלד, זעצען זיך אויפ׳ן גראָז. און ווען ער האָט זיך אָנגעהויבען פֿאָרשטעלען, וואָס ער וועט צו איהר רעדען, האָט ער זיך באַלד אַליין פֿאָר-אויסגענומען: אַז דאָס, וואָס ער פֿלעגט צו איהר רעדען אין

ענע צייטען, ווען ער איז איהר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. טאָר ער מעהר נישט דערמאָהנען. אַלץ איז פאָראיבער, און איצט וועט ער צו איהר קומען ווי אַ גוטער בעקאַנטער און האַלטען זיך אַזוי. נאָר אין דערזעלבער מינוט האָט ער דערפיהלט, אַז פון יענער צייט אָן האָט זיך ביי איהם דאָך גאָרנישט געענדערט אין דער בעציהונג צו איהר. — וואָס איז? האָט זי דען מיט אַ פאָר טאג פריהער, ווען ער האָט זי צופעליג בעגעגענט, נישט געהאט דעם זעלבען זיסען שמייכעל אויפ'ן ראָזען פנים? האָט איהם דען דאס האַרץ נישט געקלאפט, ווען ער האָט זי דערזעהן פון דערווייטענס? איז דען אין זיין מח נישט געווען דערזעלבער געדאַנק וועגען איהר? און ווען נישט די בעזונדערע גוטמוטיגקייט, וואָס זי האָט איהם גראד דאס מאָל ארויסגעוויזען, וואָלט ער איהר דען מיט זיינע רייד נישט געגעבען צו פערשטעהן זיינע געפיהלען?...

ווען רובין איז אראָב פון דער באַהן, איז ער דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל די פלאַטפאַרמע פון וואקזאַל, ווייל יעדעס מיידעל אויף דער סטאַציע, אין די לייכטע זומער-קליידער מיט פערשיעדענפאַרביגע טיכלעך אויפ'ן קאָפּ, האט איהם אויסגעוויזען צו זיין אַננאַ; ער האָט זי אָבער דארט נישט געפונען און אנגעהויבען זיך פרעגען צו דער ווילליע, וואָס זי האָט איהם פערשריבען.

דערוואוסט זיך, אַז ס'איז נישט נאָהענט פון דער באַהן, האָט ער גענומען אַ פיהרעל. ער איז געפאָהרען אויף אַברייט צופאָהרענעם זאַמד-וועג. ביי די זייטען זענען געוואקסען קוים-געבויגענע, פייכטע ווערבע-בוימער, דאָס פיהרעל האָט זיך פלינק געהויבען און געטראָגען און רובין האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלען אין געדאנק, ווי וועט ער טרעפען די פריילין אַננאַ: צי וועט זי ליגען אין אַ האמאַק? אָדער וועט זי איהם דערזעהן דורכ'ן פענסטער? ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער טרעפט זי אַליין אין וואלד, און אַזעלכע זיסע, הייסע געפיהלען גיסען זיך אין

איהם. ער וועט איהר דערצעהלען פֿון דער גאַנצער צייט; וויפֿיעל ער קלערט, וויפֿיעל ער ליידט; און אין וואַלד איז קיינער נישטאָ... נאָר ער מיט איהר!...

פֿון דעם לעצטען געדאנק האָט ער דערפֿיהלט אַנ׳אָנגענעהמע דערשראָקענקייט; ער האָט ווייטער געקלערט, ווי אויפֿגעלעגט זי איז צו איהם געווען דאס לעצטע מאָל. ס׳מאַכט זיך נישט איינמאָל ביי יונגע מיידלעך, בערוישטע פֿון ערפֿאָלג, וואָס רינגעלט זיי אַרום, אז, נישט וויסענדיג אליין פֿאַרוואָס, שטויסען זיי אַלץ פֿון זיך אָפּ. אָט איצט, קאָן זיין, איז אַננא שוין צוגעקומען צו זיך אַליין, און זי וועט קענען אָבשאצען די געפֿיהלען, וואָס ער טראָגט אין זיין הארץ פֿאַר איהר...

ס׳איז שוין געווען טיעפֿער אווענד. אויפ׳ן קלאָרען טונקעלען הימעל האָבען זיך שוין אָנגעזעהן שטערען. צווישען דער געדיכטקייט פֿון די סאָסנע־בוימער, וואָס זענען געווען אַרומגצוימט מיט פלויטען, האָבען ארויגעפּינקעלט פֿייערלעך.

דורכ׳ן וועג זענען דורכגעגאַנגען יונגעלייט מיט מיידלעך. די פֿרויען אין העלע ברייטע זומער־קליידער. רובין האָט שאַרף נאָכגעקוקט די פֿרויען, עפּעס אַ געפֿיהל פֿון קנאה האָט ער געפֿיהלט צו די יונגעלייט. אין שטאָדט וואָלט ער זיכער די אלע מיידלעך נישט בעמערקט, נאָר דאָ האָבען זיי איהם וואונדערליך גערעגט...

— נאָך ווייט? — האָט ער אַפֿרעג געטון ביים גוי.

— באַלד. נישט ווייט.

זיי זענען איצט אַרויס אויף אַ שטעגעל, וואו ביי די זייטען האָבען זיך געצויגען פלויטען מיט אָבגעזונדערטע ווילעס. פֿון די טויערלעך האָט זיך אַרויסגעטראָגען געזאַנג, גראַמאָפֿאָן־שפּיעל און געלעכטער פֿון פֿרויען. רובין האָט געקלערט, אַז דאָ איז אַ שטענדיגער יום־טוב, נאָר איהם איז עס געווען מאָדנע פֿרעמד, און ער האָט זיך ווייטער געפּרובט פֿאָרשטעלען, ווי אַזוי אַננאַ וועט איהם אויפֿנעהמען.

— דאָ איז די וויללע! — האָט דער גוי דאָס פֿיהרעל אָבגעשטעלט.

ער איז שנעל אַראָפּ פון פּיהרעל, ווייל ס'האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ס'איז ניִשט שעהן, אַז אַננאַ זאָל אָנקומען און זעהן, ווי ער קריכט פון פּיהרעל אַרויס.

ער איז אַריין אין אַ קליין טירעל. נישט ווייט פון'ם טירעל, צווישען סאָסנעס, איז געשטאַנען אַ הייזעל. אויף דער וועראַנדע זענען געזעסען עטליכע פרויען און מענער. רובין איז דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל אַהין און צוריק און ביי דער ליכטיִגקייט פון לאָמפּ בעטראַכט שאַרף די פּנים'ער פון די זיצענדע פרויען. איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אַננאַ איז צווישען זיי. —

די זיצענדע האָבען זיך אַרויסגעבויגען אין דרויסען און געקוקט צו רובין'ען. ס'איז איהם געוואָרען נישט אָנגענעהם דערפון און, איבערבעטענדיג די געזעלשאַפט, האָט ער גע־פרעגט: צי ווייס קיינער נישט, וואו ער קאָן געפינען אין דער וויללע אַ פריילין מיט'ן נאָמען אַננאַ. אַלע האָבען געקלערט אַ מינוט און טייל האָבען איהם אויסגעפרעגט, צי זי וואוינט דאָ אַליין, צי מיט עלטערן. ער האָט עס נישט געוואוסט און איצט האָט אַליין געוואונדערט, פאַרוואָס עס איהם נישט איינ־געפאַלען פרעגען זי, צי זי וואוינט דאָ אַליין.

קיינער אויף דער וועראַנדע האָט, זעהט אויס, נישט געוואוסט וועגען דער פריילין אַננאַ.

— די וויללע — האָבען זיי געזאָגט — איז גרויס, ס'קאָן זיין אין די ווייטערדיגע הייזלעך.

ער האָט שוין געוואָלט אַראָפּ ווייטער אין דער וויללע פרעגען, נאָר אין דערזעלבער מינוט איז אָנגעקומען אַ פריילין מיט אַ יונגענמאַן פון דער זייטיגער אַלעע. ער — אַ הויכער, האָט זי אונטער'ן אָרעם געהאַלטען, און זי איז אַזוי נאָהענט געווען צו איהם, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי הענגט אויף זיין אָרעם.

ווען זיי זענען צוגעקומען נאָהענט צו איהם, האָט רובין אַראָפּגענומען זיין הוט און געזאָגט:

— גוטען אָבענד, פריילין אַננאַ!

אננאַ האָט איהם אַ פּאָר מינוט אָנגעקוקט און דערקע־
בענדיג איהם, האָט זי געענטפערט:

— אַך, גוטען אָוועגד, כ'האָב אייך שיער נישט דער־
קענט.

רובין האָט זיך ערשט דערמאָהנט צו געבען איהר די
האַנד און זי האָט צומישט געפרעגט עטליכע פראַגען מיט
אַמאָל: צי ער איז שוין לאַנג דאָ און ווי אַזוי ער האָט אַהער
געטראָפען. רובין האָט געוואָלט דערמאָהנען, אַז זי אַליין האָט
איהם איהר אַדרעס פערשריבען, נאָר ער האָט געשוויגען.

דער יוגגערמאַן, מיט וועלכען זי איז געגאַנגען, האָט
זיך אָבגערוקט אָן אַ זייט און ס'האָט זיך געזעהן, אַז ער וואַרט,
זי זאָל זיך געזעגענען און געהן ווייטער. רובין האָט פּלוצלונג
דערפיהלט אַ פערלאַנג, זי זאָל אַזוי טון.

נאָר אננאַ איז ווי אויפגעוואַכט און מיט אַ פריינדליכען
אויסדרוק האָט זי געזאָגט:

— נו, קומט אריין אין שטוב, קומט! — האָט זי גע־
זאָגט צום יונגענמאַן, און, ווי זי וואָלט זיך דערמאָהנט, האָט זי
צוגעגעבען:

— זייט בעקאַנט.

די יונגע־לייט האָבען זיך בעקענט.

זי האָט געוואוינט אין אַ קליין צימערל, מיט אַ גאַניקעל
אין דער ווילדע אַריין. אין צימער איז געשטאַנען אַ בעטעל,
אַ טיש מיט אַ פּאָר שטוהלען. זי האָט געבעטען זיצען, נאָר
רובין האָט זיך נישט באַלד געזעצט. דער יונגערמאַן האָט זיך
געזעצט אויפ'ן בעטעל.

— זיצט נישט אויף מיין בעט! — האָט זיך אננאַ שטי־
פעריש צו איהם געווענדעט.

— מיר ווילט זיך זיצען אויפ'ן בעטעל! — האָט דער
יונגערמאַן געענטפערט מיט אַ לייכטען ערנסט.

— און איך הייס נישט.

— און איך פאָלג אייך נישט.

אננאַ האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנד, געוואָלט

אַראָבשלעפּען פון בעטעל, נאָר דער יונגערמאַן האָט זי אַ ציה געטון צו זיך און זי איז געפאַלען זיצענדיג אויף זיינע קני.

זיי האָבען געלאַכט. רובין האָט געשמייכעלט, נאָר טיף אין זיך האָט ער דערפילט אַ פערדרוס צוזאַמען מיט אַ שטע־כיגער הין, וואָס האָט לאַנגזאַם פערפלייצט זיין פנים...

— ווי שפּעט געהט אָפּ פון דאַנען דער לעצטער צוג? — האָט רובין געפרעגט קוקענדיג אויף זיין זייגער.

אַננאַ האָט שנעל געענטפערט:

— דער צוג געהט אָב זעהר שפּעט, נאָר איהר וועט דאָ בלייבען: דאָס צווייטע צימער איז אינגאַנצען לעדיג, דאָרט וואוינט שוין קיינער נישט. איהר מיט דעם הער — האָט זי אָנגעוויזען אויף דעם צווייטען — וועט דאָרט קאָנען נעכטיגען.

— איהר מיינט, אַז דאָרט איז זעהר גוט צו שלאָפען?

— האָט דער יונגערמאַן געזאָגט און טיף געקוקט אין אַננאַ'ס אויגען.

— טאָ שלאָפט נישט — האָט געענטפערט אַננאַ. זי האָט זיך אַ דרעה געטון און געוואָרפען אויף איהם פון הינטען אַ וואונקענדיגען בליק.

רובין האָט געשוויגען, נאָר אַננאַ האָט אָנגעהויבען רעדען מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך פאַר איהם געוואָלט פערענטפערן. זי האָט געפרעגט: צי ס'געפעלט איהם איהר צימער, די גע־גענד און אויך, צי זי, אַננאַ, זעהט גוט אויס. ער האָט גענו־מען די לאָמפּ, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געהאַט אָנגעצונדען, און צוגעטראָגען נאָהענט צו איהר געזיכט, אַז רובין זאָל זי בעסער קאָנען זעהן. נאָר רובין האָט אַליין נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס איהם איז נישט אָנגענעהם צו קוקען אויף איהר, און געפיהלט האָט ער, אַז דאָס איז צוליב דעם יונגעמאַן, וועלכער איז מיט איהר אַזוי נאָהענט. ער האָט געפיהלט אַ פערדרוס, ס'האָט זיך איהם געוואָלט זאָגען אַננאַ'ן עפּעס אַ שאַרף וואָרט; נאָר ער האָט געשוויגען. דער יונגערמאַן האָט רובינ'ען גאָרנישט בעמערקט. אַננאַ'ן, זעהט אויס, איז דערי־בער נישט אָנגענעהם געווען, זי האָט געוואָלט מאַכען פריינד־

ליכער דאָס געמיט, האָט שמייכלענדיג זיך געוויעגט אויפ׳ן שטוהל, געזונגען עפּעס אַ ליעדעלע און גערעדט:

— וואָס פֿאַר אַ טויטע יונגע־לייט איהר זענט! דערצעהלט עפּעס, זאָגט עפּעס... אָט וועל איך באַלד מאַכען טעה — דערנאָך וועלען מיר געהן שפּאַצירן!

נאָר זעהענדיג, אַז קיינער רעדט נ״שט, האָט זי זיך זייטיג צוגעבויגען צום יונגענמאַן:

— אמת, לעאָן, מיר וועלען געהן שפּאַצירען!..

— נו, נו, מאַכט דערווייל טעה! — האָט לעאָן פויל געענטפערט.

רובין האָט זיך דערפיהלט בעליידיגט פֿאַר אַננאַ׳ן און דערשפּירט אַ שאַרפען כעס צו לעאָנ׳ען. אַננאַ האָט זיך אויפ־געהויבען צו מאַכען טעה, נאָר אויפ׳ן וועג האָט זי זיך אָפּ־געשטעלט נעבען לעאָנ׳ען און, אַרומנעהמענדיג זיין קאָפּ, האָט זי איהם אַ קוש געטאָן אין דער שלייף נעבען אויג. זיינע הענד האָבען זיך איבער איהר טאַליע לייכט איבערגעגליטשט.

רובין האָט נישט ווילענדיג אַ שמייכעל געטון און, נ״שט וויסענדיג וואָס מיט זיך צו טון, האָט ער זיך שטייף אויסגע־צויגען אויפ׳ן שטוהל און פערקוקט זיך אין אַ ווינקעל.

אַננאַ האָט געזאָגט:

— וואָס־זשע הערט זיך ביי אייך, פאַניע רובין?

— אַזוי... מ׳לעבט... — האָט רובין געענטפערט, פיה־לענדיג זיך ענג און נאַריש.

אַננאַ האָט גענומען מאַכען טעה.

*

שפּאַצירט האָט מען נישט ווייט פון דער וויללע, אין אַ יונג סאָסנע־וועלדעל, אין וועלכען ס׳האָט זיך אַרויסגעהויבען אַ קליין קיילעכיג בערגעל, בעזעצט מיט קליינע סאָסנע־קשאַקעס, ווי ס׳וואָלטען דאָרטען געווען אויסגעזעצט טונקעלע גרויסע פויגעל.

די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, נאָר אַנ׳אויסגעשטע־רנטע. ס׳האָט זיך געפיהלט אין דער לופט דער ריח פון

עפעל; פרגעץ ווייט האָט געשפּילט אַ גראַמאָפאָן.

לעאָן און אַננאַ האָבען צווישען זיך גערעדט הויך, ווי זיי וואָלטען זיך געשפּאַרט, רובין איז געגאַנגען ביי דער זייט, און איז אַלע מאָל אויסגעקומען פון הינטען. ער האָט נישט פערשטאַנען וועגען וואָס זיי רעדען, ווייל זיי האָבען, זעהט אויס, פערענדיגט אַ געשפּרעך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נישט אין זיין געגענוואַרט.

אַננאַ האָט זיך אַלע מאָל אומגעקוקט צו רובינ׳ען:

— פאַרוואָס געהט איהר נישט מיט אונז?

רובין האָט זיך אויסגעגלייכט מיט זיי, נאָר אונבעמערקט פאַר איהם אַליין איז ער אויסגעקומען פון הינטען.

אויפ׳ן רוקען פון באַרג האָט מען זיך געזעצט.

אַרום און זענען געווען וועלדער און אין זייער טונקעלקייט האָבען געפינקעלט פייערלעך. די לופט איז געווען אַ קיהלע און דערפרישענדע.

— ווי לאַנג קענען מיר זיך שוין? — האָט זיך אַננאַ פלוצלונג געווענדעט צו רובינ׳ען.

— שוין אייניגע יאָהר! — האָט רובין געענטפערט, נישט וויסענדיג צו וואָס זי פרעגט עס.

— איך קען זיך שוין מיט דעם הער אייניגע יאָהר! — האָט אַננאַ געזאָגט צו לעאָנ׳ען.

— אַזוי!... האָט לעאָן צוגעוואָרפען, אויסציהענדיג זיך.

— איהר געדענקט, ווי מיר האָבען זיך בעקענט?

און אַננאַ האָט אָנגעהויבען דערמאָהנען, ווי זיי האָבען זיך בעקענט, אָנרופענדיג אייניגע נעמען פון בעקאַנטע, וואָס פלעגען זיך צוזאַמענקומען...

רובין האָט זיך דערמאָהנט אָן די ערשטע טעג פון זיין בעקאַנטשאַפט מיט אַננאַ׳ן; די עטליכע ערקלערונגען, וואָס ער האָט איהר דאַן געמאַכט, און ווי זי האָט איהם צושראָקען אָבגעזאָגט, אַזוי ווי זי וואָלט איהם נישט פערשטאַנען.

זי האָט גערעדט צו לעאָנ׳ען. רובין האָט געקוקט צו איהר און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי איז אויף איהם

אין כעס, פֿאַרוואָס ער איז דאָ. ווען ער וואָלט געקאָנט ענטלויפֿען פֿון דאַנען! — ער האָט זיך אומגעקוקט.

פֿינסטער איז געווען אַרום, קײלעכיג. די וועלדער האָבען אויסגעזעהן, ווי אַ פֿערשלאָסענער טורעם, און אין זיין האַרץ האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען שפּילען עפּעס טרויעריגס. ער האָט זיך דערצו טיעף צוגעהערט, ס'איז איהם געווען אונבעקאַנט; ער האָט דערפֿיהלט, אַז דער טרויער, וואָס וואוינט איצט אין איהם, איז אַזאַ זעלטענער, אַזאַ וועהטאָגליכער, און דאָך — זיסער. ס'ווילט זיך דעם טרויער נאָך טיעפֿער אין האַרצען בעהאַלטען, אַליין זיך צוהערען צו איהם. ס'האָט זיך איהם געוואָלט אַוועקגעהן ערגעץ אַליין אין די פֿרעמדע וועלדער-וועגען, וואַנדערן אַליין אין דער נאַכט. ערגעץ ווייט, ווייט אַוועקגעהן.

ער איז שוין איצט געלעגען אָבגערוקט פֿון אַננאַ'ן מיט לעאָנ'ען, נאָר געגען אייגענעם ווילען האָט ער געזעהן גענויע יעדע בעוועגונג זייערע.

לעאָן איז געלעגען אויסגעצויגען מיט'ן פּנים אַרויף, אַננאַ האָט זיין קאָפּ אַרומגענומען. ווי שעהן זי איז איצט געווען! רובין האָט געקלערט דערפֿון, אַז אַננאַ דאַרף זיך נישט אַזוי פֿריי אויפֿפֿיהרען מיט לעאָנ'ען אין זיין געגענוואַרט... דערנאָך האָט ער זיך געערגערט: פֿאַרוואָס? זי האָט דאָך איהם ליעב... איהם, לעאָנ'ען...

און ער האָט דערפֿיהלט טרעהרען אין האַלז. אַננאַ האָט גערעדט שטיל מיט לעאָנ'ען און זייער שטיל שעפּטשען האָט איהע גערעגט. ער האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפֿינען.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבען, און שטיל, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט, אַז אַננאַ זאָל הערען, האָט ער זיך אָנגעהויבען אַראָבלאָזען פֿון יענער זייט בערגעל. ער האָט געהערט, ווי אַננאַ האָט געקושט לעאָנ'ען, און, דערפֿיהלענדיג אין דער פּלייצע אַ פֿייכט ווינטעל, האָט ער אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון דער מאַרינאַרקע און טיעף אָבגעעטעמט. ער האָט אַרויפֿ-

געקוקט צום אויסגעשטערנטען הימעל, און ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז קיינמאָל איז נאָך אַזאַ נאַכט נישט געוועזן.

וואָס וואָלט איהם איצט געאַרט, ווען ער זאָל זיין אַ מענש, וואָס פֿערמאָגט נישט קיין שום אייגענטום? — ווען ער זאָל דאַרפֿען די טעג וואַנדערן אויף פרעמדע וועגען, און די נעכט אונטער'ן פרייען הימעל פֿערברענגען? — ווען ער זאָל נאָר בעזיצען אַננאַ'ן. אָט דאָס ווייזען, וואָס איז אויך אַ מענש מיט אַ האַרץ, מיט געפיהלען, און דאָך פֿאַר איהם ווי אַ באַרג פערשלאָסען און אונבעגרייפֿליך; אָט דאָס רעטענייש, וואָס צו־ציהט מיט אַ לאַנזאַמער קאַלטקייט יעדען נערוו זיינעם, איז איבערגעגעבען לעאָנ'ען און יעדע בעוועגונג איהרע איז אַ געוועהנליכע בעוועגונג פון אַ פֿרוי, וואָס האָט ליעב...

רובין האָט זיך דערפֿיהלט צובראָכען פון די אַלע געדאַנקען.

ער איז געגאַנגען אַהיים, פיהלענדיג יעדען טריט אַננאַ'ס, וועלכע איז געגאַנגען אַביסעל אָבגערוקט הינטער איהם, פעסט אַרומגענומען מיט לעאָנ'ען. רובינ'ען האָט זיך געוואָלט, ס'זאָל וואָס גיכער טאָג ווערען, ער זאָל קאָנען אַוועקגעהן ווייט פון איר און קיינמאָל מעהר זי נישט זעהן.

מ'איז אַריין אינ'ם טירעל פון דער ווילע. איצט זענען אַלע געגאַנגען צוזאַמען. דאָ האָט אַננאַ זיך צו איהם געווענדעט:

— נו, געפֿעלט אייך די געגענד? ווען די לבנה איז דאָ, איז אויפ'ן בערגעל אַזוי ליכטיג, ווי בייטאָג...

איצט האָט רובין גערעדט וועגען דער געגענד און גע־פֿרעגט לעאָנ'ען, צי ער וואוינט דאָ שטענדיג. לעאָן האָט געענטפערט, אַז פריהער האָט ער דאָ געוואוינט און איצט קומט ער אָפט צופֿאָהרען.

— אָט קום איך צו דער פֿריילין! האָט ער אַננאַ'ן אונטער דער האַנד גענומען.

— נישט אמת, — האָט אַננאַ געשפּאַסט — צו מיר קומען

נישט קיין יונגעלייט! — און דערביי האָט זי אונטערטאַנצענדיג צוגעוואונקען.

— אָט קומען דאָך יונגע־לייט! — האָט לעאָן אויף רובינ׳ען אָנגעוויזען.

דאָס איז געווען געזאָגט אין שפּאַס, נאָר דאָך האָט רובין געפיהלט אַ פאַרלאַנג פערשוואונדען צו ווערען פון דאַנען.

— עי... דאָס איז נישט קיין יונגערמאַן... — האָט אַננאַ פלוצלונג אַ זאָג געטאָן — דאָס איז גאָרנישט... — און נאָכדעם זיך הילכיג צולאַכט.

רובין האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אַ הייסע פאַליע בלוט האָט איהם צום האַרץ געשלאָגען, נאָר ער האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיין געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן הויכען לאַכען פון אַננאַ׳ן מיט לעאָנ׳ען...

ביים צוקומען צום הייזעל, וואו אַננאַ האָט געוואוינט, האָט זיך פון א פאַרטער־פענסטער געהערט אַ וויינענדיג קרעכ־צען. אַננאַ האָט זיך אָבגעשטעלט הינטער׳ן פענסטער און זיך איינגעהערט. אין דער מינוט האָט זיך די טיר געעפענט און אַ קליין יונגעל איז געבליבען שטעהן אויף דער שוועל, גע־וואָלט אַ לויף טון, נאָר, דערזעהענדיג די יונגע־לייט, האָט ער זיך אָבגעהאַלטען מיט אַ פערקרימט פנים פון וויינען.

— וואָס איז, אַבראַם? ווער קרעכצט עס ביי אייך — האָט אַננאַ געפרעגט.

— די מאַמע... די מאַמע איז אוועקגעפאַלען... האָט אַבראַם געענטפערט מיט אַ וויינענדיגער, צושראָקענער שטימע.

אַננאַ איז פלינק אריין אין שטוב. אין אַ מינוט אַרום האָט זי פון דער שוועל גערופען לעאָנ׳ען מיט רובינ׳ען.

זיי זענען אַריין אין שטוב.

ס׳איז געווען אַ גרויס צימער, שוואַך בעלויכטען פון אַ ליכט, וואָס האָט געברענט אין אַ ווינקעל. ס׳האָט זיך געפיהלט אַ זויערער ריח פון עסיג. אויף אַ בעט, ביי דער זייטיגער וואַנד, איז געלעגען אַ פרוי האַלב־אויסגעטון, איהר קאָפּ מיט אַ ווייס טיכעל אַרומגעבונדען. זי האָט געקרעכצט.

לעאָן מיט רובינ'ען זענען געשטאַנען פון דערווייטענס.

אַננאַ האָט זיך אײַנגעבויגען צו דער פרוי און געפרעגט:

— וואָס איז אײַך, מאַדאַם גינגאָלד?

— די פרוי האָט עפעס שטיל געענטפערט און לאַנגזאַם מיט דער האַנד אָנגעוויזען אויפ'ן קאָפ.

אַננאַ האָט געשיקט דאָס יונגעל נאָך וואַסער און צום קאָפ צוגעלעגט. רובין מיט לעאָנ'ען האָבען זיך פון דערווייטענס אַוועקגעזעצט און געשוויגען, קוקענדיג אויף אַננאַ'ן, וועלכע האָט זיך פלינק פערנומען מיט דער קראַנקער; זי האָט זי אײַנגעדעקט און, צוזאָגענדיג איהר, אַז ס'וועט איהר באַלד בעסער ווערען, זיך אַוועקגעזעצט נעבען בעט אויף אַ שטוהל.

די פרוי האָט שטיל געקרעכצט.

רובין האָט זיך דאָ אין דער ווילד־פרעמדער שטוב געפיהלט בעסער ווי פריהער. די טיעף־ערנסטע שטימונג פון דער שטוב מיט דער קראַנקער פרוי, אַננאַ, וועלכע איז איצט געזעסען אונבעוועגליך און ערנסט, איז איהם געווען נעהנטער צום האַרצען.

אַזוי איז מען שווייגענדיג געזעסען אַ לענגערע צייט, ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס עטעמען פון דער קראַנקער, וועלכע איז דערווייל אײַנגעשלאָפען.

דערנאָך האָט זיך אַננאַ שטיל און לאַנגזאַם אויפגעהויבען און מיד צוגעגאַנגען צו לעאָנ'ען. די אויגען זענען ביי איהר געווען האַלב־פערמאַכטע, זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפ, און קושענדיג איהם, האָט זי געזאָגט:

— זי שלאָפט שוין, לעאָן.

רובין האָט פלוצלונג דערפיהלט דעם זויערען עסיג־ריח, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען אין שטוב.

אַננאַ איז מיד געבליבען זיצען אויף לעאָנ'ס קניה, לעאָן האָט זי האַלב אַרומגענומען, אָנגעשפאַרט זיין קאָפ אויף איהר ברוסט.

רובינ'ען איז ענג געוואָרען, און די זויערע, דושנע לופט האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען.

ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבען פון'ם אָרט, נאָר ער האָט מורא געהאַט די שטילקייט איבערצורייסען.

אַננאַ האָט איינגעדרימעלט זיצענדיג אויף לעאָנ'ס קניה.

*

ביז האַלבע נאַכט האָט די קראַנקע עטליכע מאָל אויפגעוואַכט, עפּעס געפּאָדערט. אַננאַ האָט זי איילענדיג בעפרידיגט און איז צוריק אַוועק צו לעאָנ'ען, וואו זיי זענען ביידע געזעסען אויף אַ סאָפּקע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ טיעפען ווינקעל. דאָס לעצטע מאָל, ווען די קראַנקע האָט עפּעס געוואָלט, האָט איהר אַננאַ נישט געענטפערט, נאָר שפּעטער, ווען די קראַנקע איז צוריק איינגעשלאָפען, איז אַננאַ צוגעקומען צו רובינ'ען, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן זעלבען אָרט און, ווי מיט אַ פאָרוואורף אין טאָן, געבעטען איהם, ער זאָל אַ ביסעל זיצען ביי דער קראַנקער. רובין האָט אַ שמייכעל געטון. ער האָט איהר געוואָלט עפּעס זאָגען וועגען דעם, וואָס ער האָט איצט געטראַכט פון איהר, נאָר ער האָט זיך דערפיהלט אַזוי קליין און אומנוצליך, אַז ער האָט חרטה געהאַט אויף דעם שמייכעל. אַננאַ האָט אויף איהם ערנסט, ווי בייז געקוקט דורך האַלב־צוגעמאַכטע אויגען. „ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט שמייכלען ביי אַזאַ ערנסטער שטימונג?...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער האַלב־פינסטערער שטוב: די ליכט האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן, דאָס בעט מיט דער קראַנקער — און די מאָדנע שטילקייט... און ער האָט זיך דערפיהלט אַזוי ווי איינער, וואָס שווימט דורך בעוואוסטזיניג אַ שטיק שווערע איבערלעבונג.

דאָס ליכט האָט געצאַנקט און אין שטוב איז כמעט אינגאַנצען פינסטער געוואָרען, נאָר דורכ'ן פענסטער האָט שוין קוים, קוים אַריינגעבלויט און רויהע, אומעטיגע שאָטענס האָבען זיך געצייכענט.

רובין איז געזעסען, אויף אַ שטוהל נעבען דער קראַנקער. די פרוי איז געשלאָפען שווער אָטעמענדיג; זיינע אויגען זענען שווער צוגעפאַלען, נאָר ער איז געוועזן וואַך.

פונ׳ם ווינקעל, וואו אַננאַ מיט לעאָנ׳ען זענען געזעסען, האָט זיך צו איהם דערטראָגען אַ שטיל שעפטשען, אָדער דער שאָרך פון אַ קוש, און יעדעדער שאָרך פון יענעם ווינקעל האָט איהם געבראַכט אַזאַ געפיהל, ווי ער וואָלט דאַרפען טרינקען דאָס, וואָס עמיצער, גאָר אַ ווייטער פרעמדער, האָט אויסגעשפיגען... און פיהלענדיג, אַז ער זינקט אַלץ טיעפער אַריין אין דעם שלעכטען געפיהל, האָט ער זיך געוואָלט בע־רוהיגען: אָט וועט זיך די נאַכט ענדיגען, ס׳וועט אויפשטעהן דער טאָג, ס׳וועט זיין ליכטיג, ער וועט זיין ווייט פון דער שטוב, פון אַננאַ׳ן און פון דער קראַנקער, פון וועלכער ס׳טראָגט זיך דער וואַרימער עסיג־ריח...

זיינע אויגען זענען געווען צוגעמאַכט, דער שלאָף האָט איהם שטאַרק גענומען און פאַר די אויגען האָבען אָנגעהויבען טאַנצען גאַנצע בונטען ווייסע פינטעלעך, זיי האָבען געטאַנצט און האָסטיג ענטלאָפען ערגעץ אין אַ ווינקעל אַריין.

ער וואָלט איינגעדרימעלט, נאָר אויפגעוועקט האָט איהם אַ שטיל קרעכצען פון דער קראַנקער; זי האָט צו איהם אין דער פינסטער די האַנד אויסגעשטרעקט און עפעס געבעטען, ער האָט נישט פערשטאַנען וואָס זי וויל, — און אויך איז ער געווען זיכער, אַז די קראַנקע מיינט, אַז נעבען איהר זיצט אַננאַ. — ער האָט גענומען איהר האַנד אין זיינער און אַרויפגעלעגט זי אויפ׳ן בעט. די קראַנקע האָט אָבער צוריק־געוואָרפען איהר האַנד אויף זיינע קניה און מיט צוגעמאַכטע אויגען עפעס געמורמעלט.

רובין האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון, און ווען די קראַנקע האָט זיך מיט דער האַנד פאַר׳ן קאָפּ אָנגענומען, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון דער שטוהל און, צוגעהענדיג נאָהענט צו דער סאָפקע האָט ער אַ רוף געטון:

— פריילין אַננאַ!...

זיין שטימע האָט ווילד אָבגעקלונגען אין דעם פאַרטאָגי־גען שוואַרץ־בלויליכען ליכט פון דער שטוב. ער האָט זיך דערשראָקען, אַוועקגעזעצט זיך צוריק אויף דער שטוהל

און געשוויגען.

די קראַנקע איז ענטשוויגען געוואָרען.

הינטער׳ן פּענסטער איז העלער געוואָרען. אַ קיהלע בלויע ליכטיגקייט האָט זיך אין שטוב צוגאָסען. רובינ׳ען איז געוואָרען נישט אָנגענעהם פאַר דער שלאָפענדער פרוי — ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט די אויגען עפענען און נעבען זיך דערזעהן אַ פרעמדען יונגענמאַן. די גאַנצע שווער־קייט פון דער פערגאַנגענער נאַכט איז אויף איהם פּלוצלינג געפאַלען און ער האָט דערפיהלט אַ שאַרפען פערלאַנג, שנעל די שטוב צו פערלאָזען. ער האָט אַ קוק געטון צו דער סאָפע,— אננאַ איז געלעגען אויסגעצויגען, נעבען איהר לעאָן; זיין האַנד איז געלעגען אויף איהר ברוסט.

ער האָט זיך שטיל פון דער שטוהל אויפגעהויבען און ווי אַ גנב פון שטוב זיך אַרויסגעשלייכט.

*

אַ פאַרטאָגעדיג ווינטעל האָט איהם אַרומגעכאַפּט. די סאָסנע־בוימער אין דער ווילדע האָבען זיך קוים, קוים בע־וועגט, שטיל איז געווען אַרום. זעלטען ווען האָט ערגעץ אַ פויגעל מיט אַ צוויטש דורכגעשטאָכען די קיהלע לופט. רובין איז אַרויס פון דער ווילדע מיט לאַנגזאַמע, מידע טריט און געלאָזען זיך געהן צו אַ נאָהענטען וועלדעל, וואָס איז נאָך געווען איבערגעצויגען מיט אַ גרויער הויט. אַן־אָנגענעהם־וועהטאָגליכע מידקייט האָט ער אין זיך געפיהלט; אַרום האָט אויסגעזעהן, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אויף אייביג פערגליווערט געבליבען. — אננאַ׳ס אויפפיהרונג געגען איהם האָט ער געפיהלט אין זיך, ווי אַ דינעם, שאַרפען שטאָך אונ־טער׳ן האַרצען, און דער שטאָך איז, צוזאַמען מיט אַלעם אַרום איהם פערגליווערט געווען. אַרום, איבער פעלד און וואַלד, איז געהאָנגען אַ גרויליכער נעפעל און, קוי־קענדיג אין דעם נעפעל, האָט זיך איהם געוואָלט טון עפּעס אַזוינס, אַז אַלץ אַרום איהם זאָל עס דערפיהלען, — עפּעס אַזוינס, דורך וואָס ער זאָל קאָנען ווערען דער ערגסטער,

דער ווילדסטער און אויך — דער שטאַרקסטער...

ער האָט איצט אין זיין געדאַנק צונויפגערופען יעדע עראינערונג פון אַננאַ'ן, יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ווען-עס איז אויסגערעדט צו איהר, אָדער — זי צו איהם, — גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט געשפיעלט פאַר איהר...

ער איז אַריין אין וועלדעל, און דערקענט דאָס בערגעל, וואו ער איז געוועזן ביינאַכט מיט אַננאַ'ן און לעאָנ'ען.

ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן בערגעל נעבען אַ קשאַק, זיינע אויגען האָבען זיך צוגעמאַכט און זיין קאָפּ האָט זיך געבויגען צום שלאָף. דאָס באַרג-גראָז איז פייכט געוועזן פון טוי. רובין האָט אונטערגעשפאַרט די האַנד אונטער'ן קאָפּ און זיך האַלב אויסגעצויגען. ערגעץ ווייט האָט זיך געהערט אַנ-איינגעדרימעלטער „קו-קו" פון אַ קוקאַווקע, און דאָס האָט אַזוי טיעף טרויעריג אָבגעקלונגען אין זיין דרימלענדען מוח:

— קו-קו...

...אָט איז אַננאַ מיט לעאָנ'ען אויפ'ן רוקען פונ'ם בערגעל אַרויסגעוואַקסען, — אַזוי גרויס שניידען זיי זיך אין הימעל אַריין...

— קו-קו...

...אַננאַ האַלט אַרום לעאָנ'ס קאָפּ און לעאָן רופט אַזוי הילכיג: אַננאַ! אַננאַ!... ער האָט די אויגען אויפגעריסען.

אויפ'ן האָריזאָנט דורך די שיטערע סאָסנע-ביימער האָבען קלאָרע, ווייסליכע וועלען טאָג-ליכט אויפגעפּאַליעוועט; און שוין גאָר נאָהענט נעבען איהם האָט געהילכט מיט אַ בעהאַל-טענער אומעטיגקייט, ווי שטאַרק טראָפּענס רעגען וואָלטען זיך געשווענקט:

—קו-קו...

אין ערווארטונג

שמעון האָט פון׳ם אָפענעם פענסטער אַרויסגעקוקט אין דרויסען און געוואַרט אויף איהר.

ס׳איז שוין אַריבער מעהר ווי אַ שעה, זינט זי האָט געדאַרפט קומען, און זי איז נאָך אַלץ נישט געווען.

— וואָס קאָן זי אָבהאַלטען?

ער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלען אין געדאַנק, וואָס וואָלט איהם געקאָנט אָבהאַלטען פון קומען צו דער, וואָס וואָס איז איהם אַזוי ליעב.

ער קאָן זיך אַזעלכעס נישט פאָרשטעלען.

און שטענדיג, ווען ס׳געשעהט אַזעלכעס, וואָס ברענגט איהם אַזא טיעפען, אונפאַרשטענדליכען ווערטאָג, פון וועלכען עס ווערט שפּעטער אַ מין געפיהל, וואָס איז עהנליך צו כעס, — בעשליסט ער, אַז ווען זי וועט קומען, וועט ער זי בעגעגענען מיט׳ן שאַרפסטען פאָרוואורף. אָבער ווען זי קומט, צוגעהט אַלץ ווי אַ וואָלקען געגען דער זון.

איז זי ווירקליך אַ זון?...

אין דרויסען איז אַ זומערדיגער אָוועד. די זון פערגעהט און שפּיגעלט אָב פורפור־פלאַמען אין ווייטע עלענדע פענסטערלעך פון הייזער; לייכטע, קיהלע ווינדטלעך טראָגען זיך דורך און גלעטען שמעון׳ס פנים דורכ׳ן פענסטער.

...ער וועט איהר ערקלערען, אַז דאָס וואַרטען אויף איהר איז אַזוי שווער... אַזוי וועהטאָגליך...

צו וואָס?...

ווען זי וואָלט געליעבט אַזוי ווי ער, וואָלט זי דאָך אַליין דאָסזעלבע געפיהלט...

— און אויב זי ליעבט נישט?... קלערט ער, און קוקט אויף די קליינע אָנגעגליהטע וואָלקענדלעך, וואָס בלאָנזשען אינ'ם שטילען רוים פון הימעל...

די זון פערגעהט. אין צימער שאָטענט זיך.

*

מיט אַ יאָהר צוריק האָט ער זיך בעקענט מיט איהר. ער האָט זי צום ערשטען מאָל בעגעגענט ביי זיינעם אַ פריינד, און ער האָט דערפיהלט, ווי ער וואָלט אויפ'ן גלייכען וועג זיין גליק בעגעגענט. פון דעמאָלט אָן דאַכט זיך איהם, אַז פריהער איז גאָרנישט געווען; נישט איינמאָל פערגעסט ער אפילו אָן די העלסטע, זונענדיגסטע טעג פון זיין קינדהייט...

— ווער איז זי? פרעגט ער זיך אָפט.

שוין אַ יאָהר, אַז ער איז שכור־מיד, גלייך ווי ער וואָלט זיך געראַנגעלט מיט אַ געפעהרליכען שונא...

איז זי זיין שונא — זי די שטילע, ווייס־אויגיגע, וואָס איז גרייט שטענדיג אויף איהם אַ קוק צו טון מיט אַ דער־שראָקען שמייכעלע, ווי אַ קינד?...

זי איז דאָך זיינע... זיינע אינגאַנצען. נישט איינמאָל בעהמט זי אַרום זיין קאָפּ מיט איהרע ווייכע, וואַרימע הענד און מורמעלט דערביי:

— מיין ליעבער, מיינער...

שמעון איז אַ דיכטער, נאָר שאַפען שאַפט ער שוין לאַנג נישט — פון זינט ער האָט זי דערקענט.

פריהער פלעגט ער שרייבען מעשה'לעך: פון אַ פעלד מיט קליינע פויערשע הייזלעך, פון אַ מיידעל, וואָס האָט ליעב, און צאַפּעלט... צאַפּעלט...

היינט שרייבט ער שוין ניעט פון דעם אַלעמען, —

דאָס אַלץ איז זוי פֿאַרשוואונדען, פערשטעלט פֿון איהם, גלייך מיט דעם קלאָרען שטיק לעבען פון פאַר איהר, איידער ער האָט זי דערזעהן...

איהם בענקט זיך אָפּט עפּעס צו דערצעהלען, נאָר ער האָט נישט ווען, און האָט ער ווען, האָט ער נישט וואָס.

ווענען איהר? ער ווייסט דאָך אָבער אַזוי ווענ׳נ...

טייל מאָל דענקט ער, אַז דאָס, וואָס ער וואַרט אויף איהר אין די האַלב-טונקעלע פאַרנאַכטיגע שעה׳ן, דערנאָך — איהר קומען, איהר קלאַפּ אין טיר, דער שאָרך פון איהרע טריט, — דאָס אַלץ איז איין גרויס ווערק, וואָס וואַקסט אין איהם; ס׳וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ס׳וועט איינשטילען דאָס וועהטאָגליכע צאַפּלען פונ׳ם הארץ אין דער ברוסט, ערגיץ אין אַ שטילען שעהנעם ווינקעל וועט ער זיין מיט איהר, ער וועט שאַפען דעם ווערק פון איהר... זי וועט גליקליך זיין מיט זיין אַרבייט... און שטיל וועט זי זיצען נעבען איהם, און וועט וואַרטען אויף דאָס גרויסע ווערק...

*

אַ קלאַפּ אין טיר.

שמעון גיט זיך האַסטיג אַ ריס פון אָרט, נאָר באַלד האַלט ער זיך צוריק און געהט לאַנגזאַם עפענען; ער ווייסט, אַז דאָס איז נישט זי.

יאַקאָב, זיינער אַ חבר, איז געקומען.

דאָס איז אַ יונגער מאָלער פון אַ יאָהר 26, מיט בלויע קלוגע אויגען, אין אַ העלען, לייכטען אַנצוג אָנגעטון.

שמעון שווייגט אַ פּאָר מינוט, שפּעטער זאָגט ער צו יאַקאָב׳ן:

— ביזט דאָך אַ מאָלער, יאַקאָב, האָסטו שוין אַ סך פרויען געמאָלט?...

— געמאָלט...

— יאָ? און וואָס האָסטו געוואָלט דורך זיי שאַפען?

— שענע ליניען...

— נישט מעהר?...

— כ׳האָב מעהר נישט געזוכט.

— נאָר דעם פּאָטרעט?...

— אויב מעהר, איז עס אַזעלכעס, וואָס מ׳קאָן מיט ווערטער נישט אויסדריקען...

— אין דעם צושראָקענעם שמייכעל, מיט וועלכען זי קאָן קוקען אויף דעם, אין וועמענס ליבע זי איז זיכער; מען דאַרף מאָלען די פרוי דורך דעם פערליעבטען, וועלכער ווארט אויף איהר אין די שטענדיגע שעה׳ן פון אַ זומער־אָוונד... נעהם אָט די וועהטאָגליכע ערוואַרטונג...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַקט איהם איבער יאַקאָב מיט אַ געלעכטער — דו רעדסט וועגען בעגרייפען די פרוי און פערגעסט, אז דו רעדסט נאָר וועגען איינער. ס׳קען זי בעגרייפען דער, וועלכער פיהלט איהרע שפּיעלענדיגע ליניען, אָבער נישט דער, וועלכער ווארט אויף איהר אין פאַרנאַכטיגע שעה׳ן, אין די שעה׳ן, ווען ס׳טראָגען זיך אַרום די טיעפסטע געזאַנגען פון דער גרויסער, שענער וועלט; דו וואַרטסט אויף איהר, און דער הימעל איבער דיר שפּיעלט אין טויזענדער פאַרבען; דו וואַרטסט אויף דעם, וואָס געהט דורך מיט דיר אינאיינעם אַ מענשליך לעבען, וואָס וועלקט, נישט זייענדיג קיין בלום... אָט, שמעון, מען דאַרף ליעבען, ווי מען ליעבט אַלץ, וואָס הויבט אין אונז אויף אַ יום־טוב פון פאַרב און געזאַנג. — אַ בענקשאַפט צו אַלעם שעהנעם דאַרף אונז ברענגען צו דער פרוי...

שמעון האָט אונגעדולדיג אַרומגעשפּאַנט איבער׳ן צימער. באַלד איז ער נאָהנט צוגעגאַנגען צו יאַקאָב׳ן און אָנגעהויבען שטיל, ווי ער וואָלט זיך דערמאָהנט אָן עפּעס:

איך וואַרט אויף העלענאַ׳ן. זי האָט שוין געדאַרפט דאָ זיין מיט צוויי שעה פריהער. פערשטעהסט? און ס׳איז דאָך נאַריש. וואָס זענען צוויי שעה? יעדער מענש קאָן אויף צוויי שעה פערשפּעטיגען; נאָר כ׳ווייס נישט... דאָס איז אַזוי טיעף פערדרוסיג... פערשטעהסט, נישט דאָס ערשטע מאָל...

נאָר פּלוצלינג, אונטערוואַרטעט פאַר שמעון׳ען האָט זיך

יאַקאָב צולאַכט מיט אַ קלינגענדען געלעכטער:

— דו נאַר דו! כאַ־כאַ־כאַ, איך האָב ערשט מיט אַנ־דערטהאַלבען שעה פריהער בעגעגענט העלענאַ׳ן אין גאָרטען; זי האָט נישט שפּאַצירט, זי איז געגאַנגען בעזאָרגען עפּעס פאַר איהר מוטער, און דו קלערסט...

שמעון איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, שמייכלענדיג פער־קרימט, דערנאָך געפרעגט מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט:

— וואו, אין גאָרטען?... מיט אַנדערטהאַלבען שעה?... זי האָט גאָר נישט געזאָגט...

— וואָס האָט זי דען געדאַרפט זאָגען?... זי איז געוועזען זעהר אויפגעלעגט, כ׳האָב זי אַ קליין שטיקעל וועג בעגלייט.

שמעון האָט אָנגעהויבען שפּרייזען איבער׳ן צימער שוויי־גענדיג. אין צימער איז שוין כמעט פינסטער געוועזען. פון גאַס האָט זיך אַרויפגעטראָגען אַ לייכט געריוש דורכ׳ן אָפענעם פענסטער.

— הער, יאַקאָב! — זאָגט שמעון — איך געה אַוועק אויף אַ פּאָר שעה. דו וועסט דאָ בלייבען... העלענאַ וועט קומען, וועסטו זי אויפנעהמען. יאָ? איך וועל קומען. וועסט בלייבען?

— כ׳ווייס... קרימט זיך יאַקאָב — כ׳וואָלט בעסער שפּאַצירט...

— ניין, בלייב... וועסט מיר עס טון... יאָ?...

— ווען וועסטו קומען?

— כ׳וועל קומען אין צוויי שעה אַרום.

— צו וואָס טוסטו דאָס?

שמעון קווענקעלט זיך אַביסעל און ענטפערט:

— פערשטעהסט?... כ׳האָב ביז איצט געוואַרט אויף העלענאַ׳ן. זי דאַרף זיכער קומען אַהער... נאָר איצט בין איך אַביסעל אויפגערעגט... כ׳וועל אוועקגעהן פון שטוב, העלענא וועט קומען, און איהר וועט אויסקומען אַ ביסעל צו וואַרטען אויף מיר...

שמעון האָט שנעל אנגעטון זיין געבויגענעם שטרוי־הוט און פערלאָזט דאָס צימער...

יאַקאָב איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער. דער הי־מעל איז שוין געווען שאַרף אויסגעשטערענט, די לופט איז גע־ווען קיהל און פריש און ס'האָבען געשוועבט יונגע, זאַפטע זומער־ריחות, וואָס זענען פון אונטער'ן שטאָדט געקומען...

יאַקאָב האָט אַ קוק געטון אראָב אויפ'ן גאַס. איבער די שמאָ־לע טראָטואַרען האָבען זיך בעוועגט מאַסען שפּאַצירענדע, און ביי זיך האָט ער געקלערט וועגען אַרויספאָהרען פון שטאָדט, זיצען אין אַ זוניג פעלד און מאָלען. ער האָט שוין געפיהלט דאָס פערגעניגען פון שמירען זאַפטיגע פאַרבען אויף אַ לייוואַנד...

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טישעל, אָנגעטאַפּט שוועבעלעך און אָנגעצונדען דאָס ליכט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ קליין לייכטערל.

ער האָט זיך נאָר אַוועקגעזעצט און גענומען אַ ביכעל פון טיש, — אַ קלאַפּ אין טיר.

אַ משונה, נאָר אַנ'אָנגענעהם געפיהל האָט איהם דורכ־גענומען ביים געדאַנק, אַז דאָס קלאַפּט העלענאַ. זי איז איהם נישט געפעליג געווען. נאָר ער האָט געפיהלט צו איהר אַ בעזונדער אינטערעס, אַ דאַנק איהר פערהאַלטען צו זיין חבר...

ער האָט געעפענט די טיר און אויף דער שוועל איז געשטאַנען שמעון.

— נו, נישטאָ נאָך העלענאַ?...

— משוגע ביזטו, שמעון?... ביזט דאָך, דאַכט זיך, אפילו פון די שטיגען נישט אַראָבגעגאַנגען...

— נישטאָ? פרעגט שמעון, און נאָך איידער יאַקאָב ענטפערט עפּעס, איז ער ווידער פערשוואונדען פון דער שוועל.

יאַקאָב פערמאַכט די טיר, זעצט זיך אויפ'ן זעלבען אָרט, בעהמט צוריק דאָס ביכעל. — דאָס זענען שמעון'ס געזאַמעלטע בוואוועלען. דאָס איז איהם בעקאַנט. און באַלד דערפיהלט ער אַ פערלאַנג, אַז העלענאַ זאָל קומען, איהם ווילט זיך, אַז אָען שמעון וועט קומען, זאָל העלענאַ זיצען ווי שטענדיג

אַרומהאַלטענדיג פֿון הינטען דאָס קעפּעל פֿון שוהל, רעדען מיט איהם וועגען פֿערשיעדענע נאַרישקייטען, רעדען אַ סך און לאַכען...

ווייל איהם איז אַ עאָד שמעון. ער איז שוין אַ לענגערע צייט קרענקליך און רעדט מיט איהם נישט וועגען קונסט און פֿאַרבען. יאַקאָב רעכענט, אַז דאָס איז דערפֿאַר — ווייל איהם געהט נישט מיט העלענאַ'ן, אַזוי ווי ער וויל... און דאָ שווימען אַרויף פֿערשידענע בילדער, עראינערונגען פֿון זיינע אייגענע פֿריהלינגען, נעכט פֿון גליק, ליידען און צווייפֿעל.

איצט איז ער רוהיגער, ערפֿאַהרענער און זאַמעלט יעדע שעהנע איבערלעבונג, ווי טייערע שטיינער אויף דעם שנירעל פֿון זיינע טעג...

ער וויל נאָר זיין געזונד און מאָלען שעהנע בילדער...

אַ קלאַפּ אין טיר.

איצט איז ער שוין זיכער, אַז דאָס קלאַפּט העלענאַ. ער געהט לאַנגזאַם צו דער טיר און קלערט זי צו בעגעגענען מיט די ווערטער: „גוט, וואָס איהר זענט געקומען". ער עפֿענט די טיר און דערזעהט פֿאַר זיך שמעון'ען. צולאַכט ער זיך אויפֿ'ן קול און זאָגט מיט אַ צערטליך מיטגעפֿיהל:

— ווייסטו וואָס, שמעון? אפשר וואָלטען מיר צוזאַמען געגאַנגען שפּאַצירען? ס'איז שוין היינט שפּעטליך און איך צווייפֿעל, צי העלענאַ וועט היינט קומען...

— וואָס הייסט? — רעדט שמעון שוין מיט איין פֿוס ביי דער טיר, — וואָס הייסט?... זי קאָן פֿערשפּעטיגען אָדער נישט קומען...

און ווען ס'דערהערען זיך טריט אויף די טרעפּ, זאָגט שמעון מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ:

— זי געהט שוין זיכער...

ס'הערט זיך ערגיץ אַ קלאַפּ מיט אַ טיר און אויף די טרעפּ ווערט שטיל...

— נו, יאַקאָב, וועסט נאָך דאָ אַביסעל בלייבען, איך קום באַלד צוריק...

און, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס יאַקאָב מאַכט אַנ׳אונצופֿרידענע מינע, עפֿענט שמעון די טיר און לאָזט זיך שנעל אַראָפּ פֿון די טרעפּ...

יאַקאָב בלייבט אין צימער אומצופֿרידען. ס׳איז איהם זעהר לאַנגווייליג און דערביי פֿיהלט ער, ווי שווער שמעונ׳ען איז...

ער זעצט זיך אויף שמעונ׳ס בעטעל און פֿערטראַכט זיך וועגען עפּעס. נישט ווילענדיג שטרענגט ער אָן דאָס געהער צו די טרעפּ, צי ס׳געהט נישט עמיצער. ביסלעכווייז הויבט ער אָן וואַרטען אויף העלענאַ׳ן פּונקט אַזוי אומגעדולדיג, ווי שמעון. ווען ס׳הערען זיך טריט אויף די טרעפּ, הויבט איהם אָן דאָס האַרץ צו קלאַפּען, נאָר ווען ער דערמאָהנט זיך, אַז ער וואָלט איצט בעקאָנט פריי אַרומשפּאַצירען אין די גאַסען און דענקען וועגען אַלץ, וואָס ער וויל, הויבט ער אָן אַרומצוגעהן איבער׳ן צימער אין כעס אויף שמעונ׳ען, וואָס האָט איהם איבערגעלאָזט אַליין אין צימער צוליעב אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס אינטערעסירען איהם שוין לאַנג נישט...

— ס׳איז שוין שפּעט! — קלערט ער בייז — העלענאַ וועט שוין זיכער נישט קומען, און כ׳ווייס נישט, צו וואָס איך זיץ נאָך דאָ...

דערווייל לויפֿען מינוטען, ס׳וועהרען האַלבע שעה׳ן, שעה׳ן. יאַקאָב שטעהט אומגעדולדיג ביי דער טיר. ער וואַרט שוין איצט נישט אויף העלענאַ׳ן, נאָר אויף שמעונ׳ען; ער וואָלט זיך געפֿיהלט גליקליך, ווען ער זאָל וואָס שנעלער דאָס צימער פֿערלאָזען...

ווען יאַקאָב האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ, האָט ער אומגעדולדיג די טיר געעפֿענט! און ווען שמעון האָט, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ מידען בליק, געפֿרעגט: „נישט געקומען?..״ האָט איהם יאַקאָב, נישט ענטפֿערענדיג אויף זיין פֿראַגע, די האַנד דערלאַנגט און, אַריינלאָזענדיג איהם אין צימער, האָט ער זיך שנעל פֿון די טרעפּ אַראָפּגעלאָזט.

*

— נישט געקומען!... — האָט שמעון אַרויסגערעדט, ווען ער איז פֿערבליבען אַליין אין זיין צימער. ער האָט געפֿיהלט, ווי אַ שטאַרקע האַנד וואָלט זיין האַרץ אַריינגענומען און דריקט עס וועהטאָגליך צו.

— נישט געקומען... האָט עס ווי געשריגען אין זיין מח.

— נישט געקומען... ס'איז דאָך נאַריש, קיין שרעקליכס איז דאָך נישט געשעהן, — האָט ער געקלערט.

— נישט געקומען... מיט עטליכע שעה פֿריהער איז זי געגאַנגען אין גאָרטען — אַ סך מיידלעך זענען אין גאָרטען געגאַנגען... זי איז געווען פֿרעהליך...

און ער האָט דערשפּירט אַ וועהטאָג ביי דער פֿאָרשטעלונג, אַז העלענאַ קאָן איצט אויך זיין פֿרעהליך, לאַכען, אַזוי ווי אַלע מאָל...

ער האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט און געלעגט זיך אויפ'ן בעטעל. אין צימער האָט זיך אַריינגעגאָסען אַ בלוילִיכע ליכטיגקייט פֿון דער נאַכט.

ער האָט נעקלערט איהר צו שרייבען:

„ביזט נישט געקומען, כ'האָב געוואַרט אַזוי פֿיעל שעה'ן... ביזט נישט געקומען... אָבער דאָס איז דאָך אַזאַ קליינִיגקייט! וואָס איז מיר... ווען וועסטו קומען?... קום כאָטש נאָך איין מאָל"!...

— ניין... נישט דאָס — האָט ער געקלערט.

און העלענאַ איז פֿאַר איהם פּלוצלִינג אַרויפֿגעשוואוּמען אַזאַ פֿרישע... אַ לאַכענדיגע...

צי פֿערשטעהט זי נישט... פֿיהלט זי נישט?...

שטאַרקער דריקט דאָס האַרץ, און אָט געשעהט עס: דאָס, וואָס לייטערט דעם שטורם, דעם הייסען, צוועהטאָגטען זינען — טרעהרען.

און ער הערט אין דער שטילקייט, ווי עס וואַקסט אין איהם דאָס ווערק, דאָס גרויסע ווערק... ער הערט דאָס ווייטע שטילע געזאַנג פֿון יענער שטילער, ליכטִיגער צייט, ווען זי וועט זיצען שטיל נעבען איהם, און וואַרטען, גליקליך

וואַרטען, אויף דעם גרײַסקן, שפּהנעם ווערק, פון איהר פון איהר...
די נאַכט האָט זיך אויף טאָג געביײַכט.

אונטער׳ן פליגעל פון בית=עלמין

ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד, האָבען מיינע עלטערען געוואוינט אין אַ דאָרף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט ברייט צוואָרפענע קלאָר=זאַמדיגע בערג און איז פערגאַנגען מיט אַנ׳אַלטען, געדיכטען סאָסנע=וואַלד, וועלכער האָט זיך אַוועקגעצויגען אַזוי ווייט און טיעף, אַז קיינער פונ׳ם דאָרף האָט נישט געוואוסט, וואו=ערגיץ דער וואַלד ענדיגט זיך...

אַ שטענדיגע, אומעטיגע שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף אונזער דאָרף, און מיר קינדער, שפּיעלענדיג זיך פאַרנאַכט מיט פורפור=בעגאָסענע פּנים׳לעך געגען דעם שטילען זון=אונטערגאַנג, האָבען פלוצלינג דערפיהלט, ווי עס ציהט אויף אונז אָן אַ מאָדנער אומעט, וואָס האָט אין אונזערע אויגעלעך, ווי אַ צאַפּעלדיגע שרעק אַריינגעגאָסען. אליין נישט וויסענדיג פאַר וואָס, האָבען מיר זיך שטיל איינער פונ׳ם אַנדערען אָבגערוקט. טייל האָבען פלוצלונג מורא געקראָגען פאַר׳ן הינטעל, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אַ גאַנצען טאָג געשפּיעלט, און יעדער בעזונדער האָט זיך שטיל אַהיימגעשלייכט, אַוועקגעזעצט זיך נעבען פענסטער און אַרויס געקוקט אין דרויסען, אין דעם שטילען אָווענד, וואָס האָט זיך איבער די שטיל=גרינע, ט׳נקעלע פעלדער אַראָבגעלאָזען...

געדאַכט האָט זיך, אַז דער אומעט האָט אָנגערוקט צוזאַ=

מען מיט די טונקעלע זוּנד=הימלען, וואָס האָבען אין שטילען דורשט געטרונקען די גליהענדע פאַסען פֿון ווייטען זון=אונטערגאַנג...

מיט דער טיעפסטער וואַרימקייט פון מיין קינדיש האַרץ, האָב איך ליעב געהאַט אונזער דאָרף מיט זיינע שטילע, ברייט אויפגעוויקעלטע פעלדער, מיט דעם בלייכען, אויסגעטריקענטען גראָז=באַרג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען צוזאַמען מיט׳ן וואַלד און פֿאַרצויגען זיך אין ערגיץ ווייטע בלויע וועלטען אַריין...

כ׳האָב ליעב געהאַט דעם איינפאַלענעם ברונעם, אין וועלכען מיר קינדער האָבען מורא געהאַט אַריינצוקוקען, ווייל ס׳האָבען זיך דאָרטען געזעהן אַ סך פנימ׳ער, וואָס האָבען פערנאַרט דעם משוגע׳נעם שרייבער פֿון דער „גמינע“....

נאָר מעהר פֿון אַלץ האָב איך ליעב געהאַט — אַוועקצונאַרען זיך פֿון אַלע און אַוועקגעהן צום צווייטען עק דאָרף, וואו ס׳זענען געלעגען ברייט צוואָרפען די קלאָרע גאָלדענע זאַמד=בערג און קוקען ווייט, ווייט, וואו ס׳האָט זיך אין דער בלויקייט פונ׳ם האָריזאָנט אָנגעזעהן אַ שפּיץ פונ׳ם שטעדטעל=טורעם.

עפּעס אַ מאָדנע געפיהל פלעגט זיך אין מיר אָנצוציהען, ווען כ׳בין צו די בערג צוגעקומען, — אַ געפיהל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלאָזען געהן ווייטער, ווי ביז צום ערשטען באַרג פונ׳ם דאָרף, וואו איך האָב געקאָנט זעהן ווייט אין טאָל אַריין, צווישען צוויי זאַמד=בערג, אַ שוואַרץ=בלעכערנעם דאַך=שפּיץ אָהן אַ קוימען; ס׳האָט אויסגעזעהען, ווי אַ דעק פֿון אַ מתים=וואָגען...

נישט איינמאָל, ווען ס׳איז שוין צוגעפאַלען די נאַכט, איז די מאַמע געלאָפען מיך זוכען איבער׳ן דאָרף און, געפּי־בענדיג מיך נעבען די בערג, האָט זי מיך שנעל אַהיים געיאָגט, רעדענדיג שטיל:

— אַ מבין! וואו אַ קינד קאָן פערקריכען! זאָלסט זיך מיר מעהר נישט דערוועגען אַהינצוגעהן.

און אַריינפיהרענדיג מיך שנעל און שטיל אין שטוב

אַריין, האָט זי מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען פון אונטער׳ן טיכעל אַפּיר געמורמעלט צום טאַטען:

— שיער צום פּלויט ניט פּעריקראָכען — אַ מכּה!

דער טאַטע האָט מיך שאַרף אָבגעמאָסטען!

— ווער הייסט דיר קריכען אַהין, אַ?

איך האָב געשוויגען און געקלערט, אַז דאָרט אויף די בערג מוזען וואוינען ציגיינער, אָדער ס׳געהט דאָרט די בהן...

*

איינמאָל ביינאַכט האָב איך דורכ׳ן שלאָף געהערט עפּעס אַ גערויש אין שטוב. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך דער טאַטע אַרומגעדרעהט שטיל מיט מאָדנע קלאָרע אויגען. אַ ליכט האָט האַלב־טונקעל געברענט, און דער שאָטען פון טאַטען אויף דער וואַנד האָט זיך אַזוי שמאָל און לאַנג אויסגעצויגען, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, די ווענד האָבען זיך געשפּאָלטען און ס׳קוקט עמיץ שטיל אַריין...

דעם קאָפּ פון דעם קישען אויפגעהויבען, בין איך געלעגען, און די טיעפע שטילקייט פון שטוב האָט מיר געקלונגען אין די אויערען. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמע זענען ערגיץ אַוועק פון שטוב און האָבען מיך איבערגעלאָזען מיט׳ן ליכט אין מיט׳ן לאַנגען, שמאָלען שאָטען אויף דער וואַנד — מיך צו שרעקען...

— שאַ־אַ־אַ זעהסט ניט, אַז די מאַמע איז אַוועקגעפאַלען — איז צו מיר דער טאַטע צוגעגאַנגען.

איך האָב זיך אויסגעווישט די אויגען און פּלוצלינג דערזעהן דער מאַמעס בעט. זי איז געלעגען עפּעס מאָדנע טיעף איינגעפּרעסט אין קישען. ס׳האָט זיך אַרויסגעזעהן נאָר איהר שאַרפע, שפּיציגע נאָז, אויף וועלכער ס׳האָט געציטערט דאָס רויטע פלעמעל פון דעם ליכט. איהר האַנד איז מיעד און פלאַטשיג אַרויסגעהאָנגען פונ׳ם בעט...

כ׳האָב זיך אויפגעהויבען און, צוגעהענדיג צו דער מאַמען, האָב איך געגלעט איהר אַראָפּגעלאָזטע האַנד און שטיל געפרעגט:

— מאַמע, וואָס איז דיר, מאַמע?...

די מאַמע האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ מאָדנער פרעמדקייט און געשוויגען.

— מאַמע, וואָס איז דיר, מאַמע?...

פּלוצלינג האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז איך בין אַליין און כ'האָב זיך האַסטיג צעוויינט. דער טאַטע האָט מיך שטיל און שנעל אַוועקגעפירט פון דער מאַמעס בעט. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבען דער מאַמען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, דאָס פּנים מיט די הענד פאַרשטעלט. די מאַמע האָט אָנגעהויבען שווער און רייסענדיג צו אָטעמען...

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן בעטעל — געציטערט פון עפּעס אַ פרעמדער קעלט, וואָס האָט זיך אין אונזער שטוב אַריינגעטראָגען. כ'האָב געקוקט צו דער מאַמעס בעט, אין קאָפּ האָט מיר גערוישט די שטילקייט מיט'ן איבערגעריסענעם שלאָף. איך האָב ברייט אויפגעריסען די אויגען און פון דערווייטען געוואָלט זעהן דער מאַמעס פּנים; אָבער מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס ווערט אַלע מאָל קלענער, — נאָר די נאָז האָט זיך אַרויסגעבלייכט אַזוי שפּיציג און שאַרף, ווי אַ שנאָבעל פון אַ פויגעל...

אָט האָבען, דאַכט זיך, דעם טאַטענס אַראָבגעלאָזענע אַקסלען אַ ציטער געטון, אויפגעהויבען זיך און אַראָבגעלאָזען. די שטוב איז געוואָרען אַזוי גרויס און לעדיג און וואָס אַ מינוט איז דער מאַמעס בעט מיט'ן טאַטען קלענער און ווייטער געוואָרען. אַ נעפּעל האָט איינגעהילט די שטוב מיט'ן ליכט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום שווימט פון מיר אַוועק...

אָט זעה איך פון דערווייטענס, ווי דער טאַטע האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען און, צובויגענדיג זיך צו דער מאַמען, האָט ער מיט צוויי קליינע בלאַסע פינגער אָנגענומען דער מאַמעס אויפגעשפּיצטע נאָז, אָדער גאָמבע, ווי ביי אַ קינד. איך האָב געוואָלט אַ געשריי טון: טאַטע! — נאָר כ'האָב מורא געהאַט איבערצורייסען די שטילקייט...

פּלוצלינג האָב איך דערהערט דעם טאַטענס שטים, ווי

פון גאָר ווייט: „שרה, שרה!"... דער טאַטע האָט מיט זיינע הענד אויפ־געהויבען פון קישען אַרויס דער מאַמעס קאָפ, וואָס איז, דאַכט זיך, אַזוי קליין געוואָרען, אַוועקגעלעגט איהם ווי אַ שווערע טויטע זאַך, אויפגעהויבען זיך און, צוגעהענדיג צו דער וויטרינע פון פענסטער, האָט ער מיטביידע הענד זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, וועלכער איז צוגעפאַלען צו דער וואַנד...

איך האָב געפיהלט, ווי פון מיין האַלז האָט זיך אַרויס־געריסען אַ געשריי, נאָר איך האָב גאָרנישט געהערט. דער טאַטע איז ווי פריהער געשטאַנען נעבען פענסטער, אָנגע־שפאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנד און זיינע אַקסלען האָבען געציטערט. אַ מאָדנע מידקייט האָט זיך אין מיר צוגאָסען: די אויגען זענען מיד צוגעפאַלען און אַ מאָדנער זיסער שלאָף האָט מיך אַרומגענומען; איך האָב נישט געקאָנט אויפהויבען דעם קאָפּ, ווי מ'וואָלט מיך מיט שווערע קישענס בעוואַרפען. איך האָב געהערט, ווי אין דרויסען האָט אַ הונד אַזוי טרויעריג געוואָיעט, — און אַ צאַפּעלדיגע שרעק האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין מיין מח. איך האָב זיך דערמאָהנט, וואָס אַ יונגעל האָט מיר דערצעהלט, אַז דער מלאך־המות פערשטעלט זיך פאַר אַ הונד און וואָיעט, — און מורא האָבענדיג צו קלערען דער־פון, האָב איך געפיהלט, ווי איך פאַל אַלץ טיעפער אַריין אינ'ם מידען דרימעל...

שפּעטער האָב איך געהערט פון שלאָף, ווי מענשען האָבען איבער מיר שטיל גערעדט. נאָר געזעהן האָב איך קיינעם נישט.

כ'האָב זיך טיעף איינגעהערט און ס'האָט זיך מיר גע־דוכט, אַז אין מיינע אויערען וואָיעט אַ הונד...

*

אין דער פריה ווען איך האָב די אויגען געעפענט, האָב איך גאָרנישט געדענק, וואָס אין דער נאַכט איז פאַר־געקומען. נאָר ווען איך האָב דערזעהן, אַז די לאָדענס זענען פאַרמאַכט און אין שטוב איז אויסגעגאָסען אַ מאָדנע גרויקייט, האָב איך זיך פלוצלינג דערמאָהנט אָן אַלץ, אויסגעריבען די

הויך אויסגעבעט, אַזוי, אַז די מאַמע האָב איך אינגאַנצען נישט אַרויסגעזעהן. נעבען איהר איז געזעסען אונזער שכנה'טע חנה און געקוקט גלייך צו מיר מי͏ט שטילע, גרויסע אויגען, ווי זי וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט...

דער טאַטע איז געזעסען אָנגעטון אין עפּעס אַ קאַפּאָטע, וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט געטראָגען; ער איז געזעסען, די הענד געשלאָסען מיט צונויפגעפלאָכטענע פינגער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין באָרד איז שוואַרצער געוואָרען. זיינע אויגען זענען געוועזן ברייט אויפגעריסען און האָבען געבלאָנזשעט איבער די ווענד, וואָס זענען מאָדנע גרויס און לעדיג געוואָרען...

איך האָב עפּעס געזאָגט מיט אַ וויינענדיג ביי-קול פון שלאָף, — וואָס, געדענק איך נישט,— נאָר דער טאַטע איז צוגעקומען צו מיר און אָנגעהמענדיג מיך ביי אַנ'אַקסעל, האָט ער געזאָגט:

— שאַ, זיי שטיל, די מאַמע איז קראַנק... — ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר ער האָט אין מיטען איבערגעריסען. די שכנה'טע חנה מי͏ט גרויסע דערשראָקענע אויגען האָט פּלוצלינג צו אונז אויסגעצויגען אַ האַנד:

— שאַ-שאַ-שאַ!... זי האָט די אויגען געעפענט... אפשר איז שוין בעסער... אפשר האָט גאָט געהאָלפען... רבונו של עולם:...

דער טאַטע איז שטיל צוגעגאַנגען צו דער מאַמעס בעט.

איך האָב געהערט, ווי די מאַמע האָט אַ שטילען קרעכץ געטון. די שכנה'טע חנה האָט דעם קאָפּ פונ'ם בעט אָבגעקעהרט און האָט זיך מיט'ן פאַרטוך די אויגען געווישט. ס'האָט מיך, ווי אַ שטאַרקע האַנד, ביים האַרצען אָנגעכאַפּט. כ'האָב פערשטאַנען, אַז ס'דאַרף זיין שטיל — און וויינען האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט, אַזוי, אַז כ'האָב זיך מיט'ן קאָפּ אין קישען איינגעגראָבען, פערקרימט זיך און אויסגעדרעהט דאָס מויל. כ'האָב געזעהן פערשיעדענפאַרביגע רעדער, וואָס האָבען זיך

געדרעהט אין דער טיעפער פינסטערניש פון דעם קישען...

*

שפעטער, אויפ׳ן טאָג, זענען צו אונז געקומען אַ סך יודען מיט ווייבער, מ׳האָט זיך געדרעהט אַריין און אַרויס, איך האָב זיך געפּלאָנטערט צווישען אַלע; כ׳האָב געזוכט מיט די אויגען דעם טאַטען, נאָר איך האָב איהם נישט געפונען. כ׳האָב איהם געזעהן אַ מינוט, נאָר באַלד איז ער ערגיץ אויף לאַנג פערשוואונדען געוואָרען. צו דער מאַמעס בעט האָב איך נישט געקענט צוקומען; כ׳האָב געפּרובט צוגעהן, האָב איך זיך אַזוי לאַנג געדרעהט צווישען די וואַרימע פּאַרטוכער פון די ווייבער, ביז וואַנען איך בין צוריק אויסגעקומען ביי דער טיר... און יעדע יודענע, וואָס איז אַריינגעקומען, אָדער אַרויס־געגאַנגען, האָט מיר אַ גלעט געטון, זאָגענדיג:

— שטעה דאָ, מיין קינד; זאָל אין דיין זכות דיין מאַמע געהאָלפען ווערען...

כ׳האָב אַרויסגעקוקט אין דרויסען.

אַ גרויער רעגענדיגער טאָג איז געשטאַנען. נידעריג איבער׳ן דאָרף איז אַ שווערער, גרויער הימעל געהאָנגען און די אַרומי־גע הייזלעך האָבען זיך ווי אָבגערוקט איינס פונ׳ם אַנדערען. אָהן אויפהער האָבען ערגיץ העהנער געקרעהט, און די פּאַרקענדלעך אַרום די סעדער זענען געווען אַזוי טונקעל און מאַט, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט: מ׳האָט זיי מיט שוואַרץ אָבגעשמירט...

כ׳בין געשטאַנען נעבען דער טיר און, ווען איך האָב גע־הערט דאָס שטילע גערודער אין שטוב, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מ׳טוט דאָרטען עפּעס אַ זאַך, וואָס איך טאָר נישט זעהן...

באַלד זענען צו מיר צוגעגאַנגען עטליכע ווייבער, האָבען זיך איבער מיר געריסען אַ פּאָר מינוט, נאָר פון זיי אַלע האָט מיך אונזער שכנה׳טע חנה אָנגענומען ביי דער האנד, זאָגענ־דיג:

— קום אַריין עסען, די מוזט שוין זיין הונגעריג, מיין קינד...

זי האָט מיך אַריינגעפיהרט צו זיך אין שטוב און דער־

לאַנגענדיג מיר ברויט מיט פּוטער און קאַווע, האָט זי געזאָגט:

— עס, עס, מיין קינד, שעהם זיך נישט...

כ'האָב אַ פּאָר מינוט געגעסען, נאָר פּלוצלינג האָט זיך מיר שטאַרק פערוואָלט אַריינגעהן צו דער מאַמען. כ'האָב זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט.

— וואו געהסטו, מיין קינד, וואָס עססטו נישט אויף?

— כ'וויל געהן צו דער מאַמען...

חנה האָט זיך די אויגען געווישט.

— מאַמע, מאַמעשי! — האָב איך פּלוצלינג אויסגעשריגען און זיך צוויינט.

נאָר די שכנה'טע האָט גענומען איהר יונגעלע הערשעלע, אַרומגעבונדען איהם דאָס העלזעל מיט אַ ראָגאָווקעלע — און, צופיהרענדיג מיך צו איהם, האָט זי אונז ביידע אין דרויסען אַרויסגעפיהרט און געזאָגט:

— געהט, געהט, קינדערלעך, שפּיעלט אייך אַביסעל, ס'רע־גענט שוין נישט...

מיר זענען געגאַנגען.

מיינע אויגען זענען געווען אָנגעפילט מיט טרעהרען, איך האָב נאָך שטיל, אין זיך, געוויינט.

— דיין מאַמעשי איז קראַנק...—האָט הערשעלע צו מיר געדעדט, גלעטענדיג מיך.

— יאָ־אָ־אָ! האָב איך געענטפערט, וויינענדיג.

— און דו וועסט עסען ביי מיין מאַמעשי?...

— מאַמעשי... האָב איך נאָכעוויינט.

הערשעלע האָט מיך אַוועקגעפיהרט אין האַלב־פינסטערן פעדער־הייזעל וואו ס'זענען געווען אַ סך יונגעלעך, וואָס האָבען זיך, צוליעב'ן רעגענדיגען טאָג, דאָרט געשפּיעלט.

— זיין מאַמע איז קראַנק, — האָט הערשעלע אָנגעוויזען אויף מיר, און אַלע יונגלעך האָבען זיך געדרעהט אַרום מיר, ווי זיי וואָלטען מיך געוואָלט טרייסטען. נאָר איך האָב זיך ווי פערשעהמט און בין געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דערוויי־טענס. אויפ'ן האַרצען איז מיר געוואָרען וואָס אַמאָל שווערער,

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז כ׳האָב שוין די מאַמע אַזוי לאַנג נישט געזעהן; כ׳האָב זיך צווויינט און בין געלאָפּען איבער׳ן האַלב־פינסטערען פעלד אין שטוב אַריין...

*

ס׳איז געווען נאָך האַלבען טאָג, נאָר צוליעב די שווערע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אַ גאַנצען טאָג איבער׳ן הימעל געצויגען, איז שוין געווען פינסטער. אַרום אונזער שטוב איז געווען אַזוי שטיל, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, קיינער וואוינט שוין נישט אינווענינ. ווען איך בין אַריין אין פעדער־הייזעל, האָב איך געהערט, ווי עטליכע ווייבער, צווישען וועלכע ס׳איז געשטאַנען אונזער שכנה׳טע חנה, האָבען גערעדט:

— און וואָס האָט ער געזאָגט, דער דאָקטאָר?...

חנה האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנד.

— וואָס זאָגט אַ דאָקטאָר? שרייבט אַהין — שרייבט אַהער — און פאָהרט אַוועק...

זי האָט פלוצלינג אַ שפּאַן געטון און צוגעגעבען:

— אַז דער רבונו־של־עולם זאָל העלפען, וואָלט געווען גוט...

— אָבער וואָס האָט ער געזאָגט, איז עס פאַר אַ קרענק?

— כ׳ווייס? ר׳האָט געזאָגט, אַז ווען די נאַכט זאָל איבערגעהן בשלום, וועט גאָט העלפען...

כ׳בין אַריין אין שטוב.

עטליכע פרעמדע יודען זיינען געזעסען אין די ווינקעלעך; דער טאַטע איז געזעסען נעבען דער מאַמעס בעט, נאָר איך האָב איהם נישט באַלד דערקענט. אין שטוב איז געווען שטיל און ס׳האָט זיך געטראָגען אַ ריח פון אַ מין זויערקייט, אַזוי ווי עסיג. איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער צום טאַטען, — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויף מיר בייז. נאָר ווי ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער מיך מיט אַ בליק צוגערופען צו זיך. ער האָט מיך שטאַרק צו זיך צוגעדריקט, כ׳האָב געזעהן אין זיינע אויסגעמאַטערטע אויגען צוויי טרעהרען. מיין

פּנים האָט זיך פֿערקרימט צו וויינען, נאָר אין דעם אויגענבליק האָט מיך אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ האַנד עפּעס אַ יודענע, וואָס איך האָב פֿריהער גאָר אין שטוב נישט געזעהן און צוגעפֿיהרט מיך צו דער טיר, איבערגעבענדיג מיך עפּעס אַ גרויסען, שוואַרצען יודען, וועלכער האָט מיר מיט אַ קניפּ אין באַק אַריין געזאָגט:

— ש־ש־שטיל, די מאַמע שלאָפֿט...

דער יוד האָט מיך אַרויסגעפֿיהרט אין פֿעדער־הייזעל און צוגעשפּאַרט די טיר פֿון אונזער שטוב.

דורך דעם טירעל פֿון דרויסען האָט אַריינגעקוקט דער גרויער, פֿערנעבעלטער פֿאַרנאַכט. אין פֿעדער־הייזעל איז שוין כמעט אינגאַנצען פֿינסטער געוועזען. איך בין געלעגען אויף אַלע פֿיער נעבען קעמערל, אין וועלכען ס'האָבען טרוקען גע־שאַרכט די העהנער, פֿיהלענדיג דעם פֿערוואָלקענטען פֿאַרנאַכט. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט; איך האָב זיך צוגעהערט מיט אויפֿ־געשפּיצטע אויערען צו יעדער בעוועגונג פֿון דער שטוב.

אינווייניג איז טיעף שטיל געוועזען.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַן'איינגעהאַלטענעם גע־רויש פֿון שטוב. איך האָב צוגעקוועטש די אויגען און אַ פּאָר מינוט בין איך געבליבען, ווי אין אַ טיעפֿען דרימעל. אין קאָפּ האָט מאָדנע גערוישט. איבער מיר האָב איך געהערט, ווי עמיצער האָט עפּעס שטיל גערעדט...

כ'האָב געעפֿענט די אויגען. אין דרויסען האָט זיך גע־פֿינסטערט, אין פֿעדער־הייזעל איז שוין אינגאַנצען פֿינסטער געוועזען. די טיר פֿון שטוב האָט זיך געעפֿענט און פֿון אינ־ווענינג האָט זיך אַרויסגעפּאַקט חנה מיט נאָך עטליכע ווייבער.

— אוי, וואָס זאָל איך טון? איך קאָן נישט... איך בין אַליין אַ שוואַך מענש... — האָט חנה געוויינט און די ווייבער אַרום איהר האָבען געקרעכצט און מיט טרעהרען אויף די אויגען, בייגענדיג זיך קרום צו אונזער שטוב, פֿערשוואונדען געוואָרען...

ס'איז ווייטער שטיל געוועזען

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך געהערט, ווי פון אַזעלער שטוב אַרויס האָט זיך געטראָגען אַ שטילער, וויינענדיגער ניגון...

ווען איך בין אַריין אין שטוב, האָט שוין געברענט אַ לעמפּעל אויפ'ן טיש. — איין זייט לעמפּעל איז געווען פאַרשטעלט און דעריבער איז די זייט שטוב, וואו די מאַמע איז געלעגען, כמעט פינסטער געווען. מיין טאַטע האָט געזאָגט תהלים, און ס'זענען געזעסן נאָך עטליכע יודען איינגעקאָרטשעט זיך, אַזוי אַז זיי האָבען זיך גאָרנישט אָנגעזעהן...

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבען, אָהן ווערטער האָט ער אַרויסגענומען אַ סידור'ל פון דער פּאָלקע און דערלאַנגענדיג עס אַ יודען, אין וועלכען איך האָב איצט דערקענט ר' וואָלף דעם דאָרפ'ס-בעקער, האָט ער אויף איהם געקוקט מיט אויגען גלאַנציגע פון טרעהרען; באַלד האָט דער טאַטע מיך דערזעהן און, אָננעהמענדיג מיך ביי דער האַנד, שטיל געזאָגט:

— קום, קום אַריין, מיין קינד! — ער האָט מיך אויף זיין שויס אַרויפגענומען און ווייטער אָנגעהויבען צו זאָגען דעם תהלים צוזאַמען מיט אַ צווייטען יודען, און זייערע שטימען האָבען זיך אין איין שטילען נאַגענדיגען ניגון צונויפגעגאָסען. איך האָב געקוקט אין טאַטענס סידור'ל, די שוואַרצע אותי'עלעך האָבען וואָס אַ מינוט אָנגעהויבען שנעלער צו טאַנצען פאַר מיינע אויגען, — אָט זענען זיי אויסגעוואַקסען, ווי גרויסע שוואַרצע פליעגען, אָט איז דאָס גאַנצע בלעטעל שוואַרץ געוואָרען. איך האָב אַלע מאָל דעם קאָפּ אויסגעדרעהט, געקוקט אויף דעם טאַטען. — זיינע ברעמען זענען געווען, צונויפגערוקט אַזוי ווי איין ברעם, און דורך דער האַלבטונקעלער, שאָטענדיגער בעלייכטונג אויף זיין פנים האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז פון אונטען פעהלט איהם אַ האַלבער קאָפּ...

זיינע וואָנסען האָבען זיך שנעל געהויבען איבער זיין שוואַרצער באָרד. איך האָב אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר מיין טאַטען, וואָס האָט מיך וואָס אַמאָל פעסטער אַרומגע-

פרעסט, — און דער שטילער נאָגענדיקער ניגון, וואָס האָט זיך געגאָסען איבער מיר, האָט מיך אַריינגעוואָרפען ווי אין אַ דרימל. כ'האָב מיד דעם קאָפּ פערוואָרפען און האָב איינגעדרימעלט...

ווען איך האָב שפּעטער די אויגען געעפענט, בין איך שוין געלעגען אויפ'ן בעטעל. כ'האָב געזעהן אַ סך פרעמדע מענשען, ווייבער מיט יודען. נעבען דער מאַמעס בעט איז אַ ברענענדיג ליכט ווי געהאָנגען אין דער לופט; איך האָב גע-וואָלט זעהן, אויף וואָס דאָס ליכט שטעהט, נאָר כ'אָב גאָר-נישט געזעהן...

— טאַטע — האָב איך זיך געסטראָיעט צום וויינען: — טאַטע!

— שאַ, שאַ, דער טאַטע האָט נישט קיין צייט, — איז צו מיר צוגעלאָפען אַ יודענע מיך אײַנטוליען.

איך בין צוריק אַיינגעשלאָפען.

*

אויפגעוועקט האָט מיך אַ האַסטיג געוויין פון אַ סך מענשען. נאָך איידער כ'האָב געעפענט די אויגען, האָט זיך מיין פערשלאָפען ביי-קול אויסגעמישט מיט די איבעריגע. אַרויסשפּרינגענדיג פונ'ם בעטעל, בין איך צו צו דער מאַמעס בעט. עמיצער האָט מיך פערהאַלטען אויפ'ן וועג, — איך האָב געזעהען די מאַמע.

זי איז געלעגען טיף אײַנגעפּרעסט אינ'ם בעט-געוואַנד מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגען; איהר פנים איז געוועזען, ווי מיט אַ בלוי הייטעל איבערגעצויגען.

אין שטוב איז געוואָרען שטילער. איך האָב דערזעהן דורך די גאָלדענע שפּאַלטען אין די לאָדענס, אַז ס'איז שוין גוט טאָג.

— וואָס איז דער מאַמען? — האָב איך שטיל געפרעגט.

נאָר קיינער האָט מיר נישט געענטפערט, און איך האָב זיך פערקוקט אויף אַ פליעג, וואָס איז אָהן אויפהער אַרומגע-פלויגען צווישען דער מאַמעס אויגען. כ'האָב זיך נאָכאַמאָל

דערמאָהנט, וואָס אַ יונגעל האָט מיר דערצעהלט, אַז דער מלאך־המות קאָן זיך פערשטעלען פאַר אַ פליעג אויך... האָב אדי פלינק אַ טריט געטון צו דער מאַמען און מיט דער האַנר אַ מאַך געטון איבער דער מאַמעס פּנים. עמיצער האָט מיך הינטען־אַרום צוגענומען פון׳ם בעט און מיך צוגעפיהרט צו דער טיר, וואָס איז געווען אָבגעשפּאַרט.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אין פעדער־הייזעל. דאָ זענען געשטאַנען עטליכע פויערטעס מיט רויטע טיכלעך אויף די קעפּ. כ׳בין געשטאַנען און מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף זיי.

— באָזשע, באָזשע, טאָ יעסט סין!... האָבען עטליכע געמורמעלט, אַרויפרוקענדיג זייערע טיכלעך.

— דזיעציאַק יעשטשע ניע ראָזומי... האָבען אַנדערע מיט די קעפּ צוגעשאָקעלט.

אין דרויסען איז אַ ליכטיגער זומער־טאָג געשטאַנען...

*

דאָס אויפגעפרישטע גראָז נאָכ׳ן רעגען האָט געבליצט מיט גאָלד הינטער דער זון און דער קלאָרער, בלויער הימעל האָט זיך אַראָבגעלאָזען אַזוי שטיל איבער׳ן ווייטען האָריזאָנט, ווי אַ בעלויכטענער שטילער שפּיגעל.

שטילער ווי אַלע מאָל איז געווען אַרום. נאָר פון צייט צו צייט האָט אַ סטאַיע פויגעל דורכגעסווישטשעט די קלאָרע, וואַרימע לופט און געטראָגען זיך איבער די העלע זון־בעגאָסענע פעלדער...

ס׳האָט מיך אַ ציה געטון אין דער שטילער ליכטיגקייט פון׳ם טאָג און מיט מאָדנע פלינקע טריט האָב איך זיך גע־לאָזען צום עק דאָרף.

ווען איך בין צוגעקומען צו די צוויי ריזיגע טאָפּאָלען, פון וועלכע ס׳האָט זיך געשניטען דער שמאָלער, געשלענגעל־טער וועג איבער די ווייטע גאָלדענע בערג, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט הינטער אַ טאָפּאָל און געקוקט אין דער שטילער ליכטיגקייט איבער די בערג. די רעהם פון׳ם שוואַרצען דאַך־

שפּיץ איז געוועזען אַרומגעגילדט פון דער זון...

די הייך האָט זיך געשטאַרקט און איבער די בערג האָט זיך פערצויגען אַ ווייסליכער מילך=נעפּעל... מיר איז הייס געוואָרען, אַ מידקייט האָט זיך אין מיר צוגאָסען; איך האָב זיך אויסגעצויגען הינטער אַ טאָפּאָל און קוקענדיג אין טיעף=בלויען, אָוועגדליכען הימעל אַריין, האָב איך געקלערט וועגען דער מאַמען, וואָס האָט געקראָגען אַזעלכע אויפגעריסענע, ווי ווי גלעזערנע אויגען; כ׳האָב זיך דערמאָהנט אָן דעם הונד, וואָס האָט געוואָיעט און אָן דער פליעג, וואָס איז געשטאַנען ווי צוגעקלעפּט צו דער מאַמעס פּנים; אין קאָפּ האָט זיך מיר מאָדנע אָנגעהויבען מישען, כ׳האָב פערמרוזשעט די אויגען און די בלויקייט פון הימעל האָט זיך צו מיר אין געקייטעלטע רעדער אַראָבגעלאָזען. — ס׳האָט מיר געדאַכט, אַז פון דער ווייטער, שטילער ליכטיגקייט, פון איבער די בית=עלמין=בערג, ציהט זיך אויף, ווי אַ וואָלקען, אַ גרויסער, שוואַרצער פליגעל,— בויגט זיך קרום=זייטיג, לאָזט זיך אַרויס איבער׳ן דאָרף, דרינגט אַריין מיט זיין שפּיץ אינ׳ם פעדער=הייזעל פון אונזער שטוב, ציהט זיך אַראָב אין שטוב און דעקט איבער דער מאַמעס בעט. — כ׳זעה נישט קיינעם; אַפילו נישט דעם טאַטען. כ׳בלייב אַליין און זעה נישט קיינעם אַרום זיך...

— — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין אַהיים געגאַנגען. האָב איך פון דערווייטענס געזעהען, ווי אַ סך מענשען האָבען זיך אַרויסגעפּאַקט פון אונזער פעדער=הייזעל. די ווייבער זענען געגאַנגען, וויעגענדיג זיך אין דער ברייט, מיט פערקרימטע פּנים׳ער, וויינענדיג הויך, מיט, אַ פולען, פייכטען ניגון...

יודען זענען אַרויסגעגאַנגען שווייגענדיג, מיט שנעלע טריט, איילענדיג זיך ערגיץ.

מיך האָט קיינער נישט בעמערקט, כ׳האָב זיך געשטופּט צווישען עולם, ווי כ׳וואָלט עמיצען געזוכט...

נאָר, ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, האָב איך זיך אַראָבגעלאָזען אין אַ ווינקעל אויף דער פּאָדלאָגע און

אַ שווער, צוריסען געוויין פון שרעק און פערצווייפלונג האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיין האַלז...

אין דער לענג פון דער שטוב איז, ווי אַ גרויסער לאַנגער פיש, אונטער אַ שוואַרצע פלאַכטע געלעגען די מאַמע, און די צוויי ליכט, וואָס האָבען געברענט צוקאָפּענס, האָבען זיך אָבגעשלאָגען מיט זייערע מאַט-געלע, טאָג-פלעמעלעך אויף די אויסגעבלייכטע פּנים'ער פון'ם טאַטען מיט נאָך עטליכע יודען, וועלכע זענען געזעסען אויף שטוהלען אַרום דער נאַזען.

דער טאַטע איז צו מיר צוגעגאַנגען, אויפגעהויבען מיך פון דער ערד און, צודריקענדיג צו זיך, האָט ער מיר דאָס מויל צוגעהאַלטען, מורמלענדיג:

— שאַ-שאַ, מיין קינד... ש-ש-אַ! — נאָר פלוצלונג האָט ער זיך צו מיר אַראָבגעלאָזען — זיין באָרד האָט פערדעקט מיין פּנים און געשטאָכען עס.

— ווייןֿ, וויין, מיין יתום...— האָט ער געשטאַמעלט, און זיינע הייסע טרעהרען האָבען געהיצט און געטריפעט איבער מיין פּנים...

• • • • • • • • • • • • • • • • •

פּאַוועל פּרוזשניאַק

... און דאָס גאַנצע דאָרף רעדט, אַז פּאַוועל פּרוזשניאַק׳ס נשמה איז פֿון אייביג אָן פֿערקויפֿט דעם טייוועל...

ווייל ס׳קאָן נישט זיין, אַז אַ מענש זאָל זיך נישט געפֿינען קיין שטיקעל אַרבייט אויף דער וועלט..

דערפֿאַר זאָגען אַנדערע, אַז ער מוז שוין זיינס אָבטון ביינאַכט, ווייל די לייט לעבען שוין אַזוי אָב זייער לעבען, ביז וואַנען זיי קומען אין גיהנום אַריין...

און דאַכט זיך: גאָר אַ שטילען, אַ רוהיגען זעהט מען איהם — דעם פּאַוועל פּרוזשניאַק, אין דאָרף, מיט אַ שטענדיגען, לייכטען שמייכעל צווישען די ליפּען, מיט גוטע, טיעף־בלויע אויגען, מיט העלע, ווייכע פֿלאַקס־האָר, וואָס זענען פֿון ווייסקייט אַרומגעזוימט ביי די קאַנטען...

*

ווינטער איז איהם קעלטער פֿון אַלע, ליגט ער אָב גאַנצע טעג אין כאַטע אויף די זעק קאַרטאָפֿליעס, וואָס זענען אָנגעגרייט אויפ׳ן ווינטער, גענעצט ברייט און לאַנג, און רויכערט דעם טאַטענס טיטון...

נאָר פֿאַרנאַכט, ווען אין דרויסען צוגיעסט זיך אַ גרויע, אומבעשטימטע ליכטיגקייט, וואָס טראָגט זיך איבער די ברייטע, ווייסע שניי־פֿעלדער, זיצט ער נעבען פּיעציק, קוקט אַריין

אין די טעפּלעך, וואָס שטעהען אָנגעשטעלט, און הערט, ווי דער ווינד פייפט טרויעריג אין קוימען.

די מאַמע קאָן נישט ליידען, אַזאַ יונגער יונג זאָל גאָר נישט טון אַ גאַנצען טאָג, רעדט זי שטיל, נישט קוקענדיג אין זיין זייט אַריין:

— געה, פּאַוועל, מ׳דאַרף אַריינברענגען אַ ביסעל האָלץ פון קאָמער.

— לאָז מיך, מאַמע... אין „פּיעציק" קנאַקט דאָך נאָך ס׳פייער. מענשען זאָלען נישט קאָנען איינרוהען...

די מאַמע גיט אַ זיפץ און דערזעהט ערשט, אַז מ׳דאַרף נאָך דערווייל נישט קיין האָלץ...

זיין טאַטע — דער אַלטער מיכאַל, געהט ווינטער-צייט צום אַלטען סטעפּאַן אויף אַרבייט (דאָרט שניצט מען: קאָכ-לעפעל, מולטערס און שוסטער-בענקלעך), און זונטאָג פאַר-טרינקט ער דאָס געלד, וואָס ער פאַרדינט אַ גאַנצע וואָך. פון זוהן וויל ער גאָר נישט, ער וויל נאָר, ער זאָל נישט רויכערען זיין טיטון, — און נישט פיהרען קיין שמועסען מיט׳ן אַלטען זשולציאַק, זייער שכן:

— ר׳האָט קיין שום גאָט נישט — ר׳איז אַ ציגיינער! — זאָגט אויף איהם מיכאַל...

דער טאַטע מיט׳ן זוהן רעדען צווישען זיך ווינציג, נאָר זונטאָג ביינאַכט, ווען מיכאַל קומט אַהיים שכּור און די אַלטע ציהט איהם שנעל אַראָב די שטיוועל און לעגט איהם שלאָפען, אָבזאָגענדיג פאַר איהם דאָס נאַכט-געבעט — ליגט דער טאַטע מיט׳ן זוהן איינער קעגען אַנדערען.

מיכאַל קוקט מיט שכּור-פאַר׳חוש׳טע אויגען, און ס׳דאַכט זיך איהם, אַז דער זוהן לאַכט פון איהם און איז שוין צו קלוג...

דער זוהן ווייטער קוקט אויפ׳ן טאַטען און קאָן נישט פערשטעהן, ווי אַ מענש קאָן זיך עקסטרע געהן אָנ׳שכּור׳ן. דעם טאַטען הויבט אָן אַרען, פאַר וואָס דער זוהן שווייגט, והט ברייט און שמייכעלט. פרובט ער אָנווייזען מיט אַ

שכור׳ן, האַלב אײַנגעבױגענעם פינגער אױפ׳ן זוהן, שפּײַט און רעדט:

— עי, פּאַװעל! נישט צו דעם האָב איך דיך אױפגעהאָדעװעט. זעה, כ׳זאָל דיר אַמאָל אַ ביין נישט איבערברעכען... איך מעג, כ׳בין דײן טאַטע...

— װאָס איז, טאַטע, װאָס שלאָפסטו נישט?... — ענטפערט קאַלטבלוטיג פּאַװעל... —

דאָ מישט זיך אַריין די אַלטע, בעשיט דעם אַלטען מיט קללות, און זאָגט איהם שטענדיג צו דאָס אײגענע: אַז זי װעט געהן צו סטעפּאַנ׳ען, אָבנעהמען דאָס געלד פאַר זיין אַרבייט.

דער אַלטער שפּייט, סטראַשעט און שלאָפט־אײַן כראָפּענדיג... —

דער זוהן קאָן נישט שלאָפען—ער שלאָפט אַ גאַנצען טאָג—שמועסט ער זיך איבער מיט דער מאַמע:

— הערסט, מאַמע? דער אַלטער זשולציאַק זאָגט מיר נעכטען, אַז ער װיל, כ׳זאָל זיין זיין איידעם... װאָס זאָגסטו, מאַמע?...

טפו! — שפּייט די אַלטע — די מױד איז אַ ציגײנערשע נשמה, נעכטען האָט זי מיר אַ האַלב מעלק־שאַפעלע מילך אָבגעגאָסען... מיט די אױגען גנב׳עט זי...

— נישט אמת, מאַמע, זי האָט שעהנע אױגען...

— טפו!—שפּייט װײטער די אַלטע — אַזױ װי דער טאַטע!...

— זשולציאַק איז אַ גוטער מענש...

— טייװולאָנים קאָנען מיט איהם האַנדלען...

— נישט אמת...

דאָ װערט די אַלטע בייז, הױבט־אָן שעלטען און דער זוהן בלייבט שטיל. ער גלעט זיך דאָס האַרץ אונטער׳ן לײַװענטענעם העמד, און צוזאַמען מיט אַ זיסער פױלער מידקייט גיסען זיך דורך אין זיין מוח פערשידענע געדאַנקען, ביז װאַנען ער װערט ענטשלאָפען...

*

גאַנץ פריה געהט דער אַלטער צו דער אַרבייט.

דער זוהן שלאָפט שוין נישט. מיט אָפענע בלויע אויגען קוקט ער צו מיט אַ שמייכעל, ווי דער פערשלאָפענער טאַטע בלאָנזשעט מיט אַ פוס אין שטיוועל אַריין... דער אַלטער געהט אַ פּאָר מאָל אַדורך שווער איבער דער כאַטע, קוקט אויף אַלע מיט צושויבערטע ברעמען פון שלאָף, קניהט אַ פּאָר מינוט פאַר'ן הייליגען בילד, גיט אַ פּאָר גאָרגעלדיגע זופּען פון אַ טאָפּ מיט מילך און געהט אַוועק.

דער זוהן הערט, ווי דעם טאַטענס שטיוועל סקריפּען אין דרויסען אויפ'ן שניי און, אַליין נישט ווייסענדיג פאַר וואָס, ווערט איהם עפּעס אַזוי לעדיג; אַרום האַרץ ווערט איהם שווער, ס'נאָגט איהם עפּעס...

אין ווינקעל שלאָפט די מאַמע, זי כראַפּעט; די אונטער-שטע ליפּ איז מיט אַנ'אויבערשטען צאָהן פערביסען, ווי אַ קרומער שמייכעל, און פּאַוועל'ן דאַכט זיך, אַז די מאַמע מיינט עפּעס מיט איהר שלאָף.

דאָס פענסטערל איז איינגאַנצען מיט שניי פערשאָטען, אין כאַטע איז אַ קאַלטע גראָהקייט צוגאָסען און ער פיהלט זיך אַזוי איינזאַם, אַזוי אָבגעריסען פון אַלעם...

ער ווייסט, אַז אין אַנדערע כאַטעס איז שוין איצט איינגעהייצט, די בעל-הבית'טע האָט שוין אַ הייסע גריץ אָבגע-קאָכט, אַלע זענען צוזאַמען, און ס'איז אַזוי וואַרעם.

ס'נעהמט איהם אַדורך אַ קעלט.

ער דערזעהט פּלוצלינג די אַלטע, ווייס און שוואַרץ געפלעקטע קאַץ, וואָס שפּאַנט לאַנגזאַם, דעם רוקען איבער'ן קאָפּ איבערגעהויבען, און קוקט מיט חשד פון הינטען אַרום... רופט ער צו די קאַץ צום בעט, נעהמט זי אַרויף צו זיך און טוליעט זיך צו איהר, גלעט זי איבער'ן קאָפּ. און זי ציהט אויס דאָס קעפּעל, פינטעלט מיט די אויגען און ציטערט מיט די וואָנסען...

פון דרויסען דערטראָגט זיך אַ פרעהליך זינגען; דאָס זינגט יאַנקאַ, זשולציאַק'ס טאָכטער, וואָס געהט נאָך וואַסער צו דער ברונע. פּאַוועל ציהט אויס זיין האַלז צום פענסטער.

ער הערט יאַנקאָ'ס געזאַנג, און ס'נעמט איהם אַרום אַזאַ ווארעמקייט. שטאַרק דריקט ער די קאַץ צו זיך, די קאַץ דערשרעקט זיך, גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענד און שפרינגט מיט אַ ווייכען קלאַפּ אויף דר'ערד אַראָפּ...

פּלוצלינג גיט ער זיך אַ זעץ-אויף פונ'ם בעט. צייט צוויי מינוט איז ער שוין אָנגעטון, ער מאַכט אויף די טיר און געהט אַרויס אויפ'ן הויף. יאַנקאָס געזאַנג טראָגט זיך שטיל פון דער ברונע, פּאַוועל'ן נעהמט דורך אַ ציטער און ער געהט לאַנגזאַם אַהין.

אין אַ פּאָר גרויסע פון שטרוי-געפלאָכטענע שיך, אויף דער פלייצע אָנגעהאָנגען אַ קאָזשוך, שטעהט זי, יאַנקאָ, ביי דער ברונע, דאָך שיינט איהר שמאָל-ברוינליך פנים אַרויס פונ'ם גרויסען שוואַרץ-הינטישען קאָלנער פונ'ם קאָזשוך. זי האָט שוין אַראָבגעלאָזען דעם קובעל אין דעם אַרומגעפרוירע-נעם, מיט שטרוי-אַרומגעפלאָכטענעם ברונע-דעק, זינגט, טאַנצט אונטער און וואַרט, ביז וואַנען ס'וועט זיך אָנשעפּען... זי דער-זעהט, ווי פּאַוועל דערנעהנטערט זיך און בלייבט פּלוצלינג שטיל.

— גוט-מאָרגען, יאַנקאָ! — זאָגט פּאַוועל, שמייכלענדיג מיט די בלויע אויגען.

— גוט-מאָרגען...

— איז דיר נישט קאַלט, יאַנקאָ?

— זעהסט דאָך, אַז כ'טראָג דעם טאַטענס קאָזשוך...

— און אין די פינגערלעך?...

— אויך נישט...

— לאָז, כ'וועל דיר ס'וואַסער אַרויפציהען...

— כ'קאָן אַליין...

פּאַוועל'ן ווערט אומעטיג אויף דער נשמה. ס'דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט פערשפּעטיגט עפּעס אַזוינס, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

— יאַנקאָ... — מורמעלט ער, קוקענדיג, ווי פלינק זי ציהט אַרויס דעם קובעל פון דער טיעפער ברונע. ס'איז

איהם קאַלט, פּאַוועלין — נאָר קוקנדיג אויף יאַנקאַ'ן, פּער־געסט ער אָן אַלעם און ס'וואָלט זיך איהם, דאַכט זיך, גע־גלוסט מיט איהר אַוועקגעהן דאָרט ווייט, אין ווייסען ברייטען פעלד אַריין, וואו עלענדע פערוואָרפענע בלימעלעך שטעהען פערפרוירענע, ווי פון גלאָז אויסגעגאָסענע...

יאַנקאַ זינגט ווייטער עפּעס אַ ליעדעלע. באַלד נעהמט זי דעם קובעל און געהט אַוועק פון דער ברונע...

— שטעה נאָך אַביסעל, יאַנקאַ, וואָס יאָגסטו זיך?...— קוקט איהר פּאַוועל טיעף אין די אויגען אַריין.

— נישטאָ קיין צייט, מ'דאַרף געהן אין שטאַל אַריין — ענטפערט יאַנקאַ מיט אַ שמייכעל און דערווייטערט זיך פון איהם.

פּאַוועל בלייבט שטעהן אַליין. ער הויבט אויף דעם קאָפּ. דער הימעל איז אונענדליך גרוי. און די ערד אַרום איז ווייס; עטליכע שוואַרצע קראָהען טראָגען זיך דורך מיט אַ ברייטען אומעטיג־ווילדען קראַ־קראַ, ווי זיי וואָלטען זוכען די ענדע פון דעם גרויען קאַלטען הימעל... ער דערפיהלט פּלוצים, אַז ס'איז איהם קאַלט און געהט האַסטיג צריין אין כאַטע. די מאַמע לעגט אָן האָלץ אין פּיעצעק און אויף דער גראָהער כאַטע־וואַנד הויבט־אָן טאַנצען אַ רויטער פלעק, וואָס שלאָגט זיך אָב פון'ם ברענענדיגען האָלץ אין פּיעצעק...

פּאַוועל זיצט, וואַרימט זיך די הענד און קוקט אויפ'ן פערפרוירענעם פענסטערל. און אין די אויערען קלינגט איהם נאָך יאַנקאַ'ס ליעדעלע. ס'דאַכט איהם, אַז זי איז ווייטער אויפ'ן הויף. ער שפּרינגט פּלוצים אויף און עפענט די טיר. אין דרויסען איז טויט־ווייס און קאַלט. דאָס קרומע פּלויטעל, וואָס איז ביז אין דער העלפט אַריינגעזונקען, דאַכט איהם, בעט זיך:

„נעהם מיך אַריין, פערברען מיך בעסער אויף האָלץ. ס'איז מיר דאָ אַזוי אומעטיג, טאָג ווי נאַכט, טאָג ווי נאַכט"...

— וואָס איז ביי דיר, זומער, וואָס דו האָסט די טיר געעפענט?... שרייט די אַלטע.

— מ'זעהט נישט קיין לעבעדיגען מענש! — ענטפער

פּאַוועל, פערמאַכענדיג די טיר
— וועמען דאַרפסטו דען?...
— כ'ווייס נישט, צי וואָס דאַרפען מיר דעם פּלויט!...
— וואָס הייסט?
— מ'וואָלט איהם שוין געמעגט אויף האָלץ פערברענען, קיינער געהט דאָך נישט אהער..
— עה, מיין זוהן! דער פּלויט איז נאָך פאַר'ן זיידען געשטאַנען — קרעכצט די אַלטע מיט פערזיכערונג.

און אויף פּאַוועל'ען לעגט זיך אַזאַ שווערער אומעט, ער דערמאָהנט זיך, אַז נאָך אַזוי פיעל טעג וועט זיין שווער און אומעטיג, אַזוי פיעל לאַנגע, קאַלטע ווינטער-אָוועגדען וועלען זיך נאָך ציהען, און ווער ווייסט, וויפיעל ווינטערס דער קרומער פּלויט וועט זיך אַלץ בעטען, מ'זאָל איהם אויף האָלץ פערברענען...

*

זומער, ווען יעדער פויער אַרבייט פון טאָג ביז נאַכט אויפ'ן פעלד, ליגט פּאַוועל פּרוזשניאַק אין שאָטען פון אַ ברייט-געוואַקסענעם עפּעל-בוים, מיט'ן פּנים אַרויף, די הענד אונטערען קאַרק אונטערגעלעגט, און זעהט, אין די ווייכע וואַרעם-ווייסע פוך-וואָלקענס, וואָס ציהען זיך אין די הייסע בלויע הימלען, גאַנצע מלחמות, גרויסע יאָהרמאַרקען, פערשיע-דענע ווילדע חיות, וועגען וועלכע ס'האָט איהם דערצעהלט זשולציאַק'ס זוהן, דער סאָלדאַט, וואָס קומט אַלע יאָהר אויף אורלויב.

גאַנץ פריה געהט פּאַוועל צום טייך. ווי אַ קלאָרער, שטיל-דרימלענדער שפּיגעל זעהט אויס דער טייך פאַר'ן זונען-אויפגאַנג, ווען דער טונקעל-בלויער לאַזור-הימעל שלאָגט זיך אין איהם אָב און רונצעלט זיך אַ'ע מאָל אונטער אַ לייכטען דרימעל-ציטער פון אַ ווינטעל, וואָס טראָגט זיך זייטיג אַדורך...

פּאַוועל שטעהט אַ ווײַלע מיט ברייט געעפענטע אויגען, מיט אַ האַלב-אָפען מויל קוקט ער ווי פערוואונדערט אין דער פערבלויטער ווייטקייט, ווי ער וואָלט זיך פרעגען: „צי וועט

זוין אייביג אַזוי בלייבען?" זאָגט ער מורמעלט: אָ, גאָט, ווי שטיל דאָ איז, קיינער קומט דאָך נישט אַהער רוהען...

און פערקעהרט איז ער צופרידען פון דעם, וואָס קיינער איז דאָ נישטאָ, ווייל אויפ׳ן גאַנצען דאָרף האָט ער נישט קיין שום פריינד און קיין באַהעטעטען. יעדער קוקט אויף איהם, ווי מיט חשד און האַלט זיך מיט איהם פון דערווייטענ; ווייל אין אמת׳ן, פון וואָס קאָן מיט איהם אַ פויער רעדען? וועגען פעלד? וועגען גערעטעניש?... ווייסט ער נישט, אַז ער אַרבייט נישט קיינמאָל... צווייטענס, האָט ער נישט ליעב צו רעדען וועגען אַזעלכע זאַכען. ער האָט ליעב צו רעדען מיט זשולציאַק׳ן, וואָס דערצעהלט איהם וועגען שיפען אויפ׳ן ים, וועגען באַלאָנען, וואָס פליהען אונטער׳ן הימעל... אָדער מיט זשולציאַק׳ס זוהן, דעם סאָלדאַט, וואָס האָט געזעהן דעם קייזער און איז געווען אויף אַ מלחמה...

ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, ווען ער איז אַליין אין פעלד, ווען ס׳איז איהם נאָר גוט, ווען ס׳איז איהם רוהיג, פער׳גנב׳עט זיך אין איהם אַ געדאַנק וועגען יאַנקא׳ן און ער קלערט, אַז זי מוז אין זיך יאָ האָבען עפּעס אַ כשוף, וואָס ציהט צו זיך — ווייל ווי קומט עס, ער זאָל וועלען, אַז זי זאָל דאָ זיין?...

ער טהוט זיך לאַנגזאַם אויס, אַ פאַרטאָגעדיג ווינטעל ריבט איהם איבער דער פלייצע און בעלעקט איהם, ווי מיט אַ קאַלט צינגעל... ס׳גלוכט זיך איהם נישט אַריינגעהן אין וואַסער, ס׳איז איהם אַ שאָד איבערצורייסען די פאַרטאָגעדיגע שטילקייט מיט אַ וואַסער-פליוסק. זיצט ער ביים קלאָר-זאַמדיגען ברעג און קוקט, ווי ער צייכענט זיך טיעף און גערונצעלט אין וואַסער אַריין...

אין מזרח-זייט הימעל שווימט פלוצים אויף ווי אַ בלייך-ראָזער, גאָלדענער נעבעל, און ס׳הויבען אָן פון זיך אַליין פאַליען רויטע פורפור-וואָלקענדלעך, וואָס רינגלען אַרום אַ שטילען בלייך-גאָלדענעם בליאַסק. אין דער לופט ווערט נאָך שטילער, זעלטען וואו הערט זיך אַ טרעל פון אַ פויגעל.

און דער שטילער, בלייכער גאָלד־בליאַסק, אַרומגעזוימט מיט די לייכטע פורפור־וואָלקענדלעך, דאַכט זיך, איז אַ קרוין, וואָס הענגט און וואַכט איבער'ן קאָפּ פון אַ שטאָלצבלייכער קעניגין... נאָר אָט האָט די קעניגין איהר גאָלדענעם קאָפּ דורך דער קרוין אַדורכגעוויזען און אין שטילען, ברייט־צו־פלאָסענעם גאָלד פאַר טאָג איז די זון אויפגעשווימען...

פאַוועל זיצט, די בלויע אויגען געווענדט אין דער ווייטקייט, יאַנקאַ וויל פון זיינע אויגען נישט פערשוואונדען...

אָט הויבט זי אויף איהרע גאָלדיג־ברוינע לעפּעלעך, און ווי צוויי קאַרשען בעווייזען זיך איהרע שוואַרצע אויגען, וואָס לייכטען אַרויס מיט אַזוי פיעל שטילער פרייד און גלאַנץ. דאָס לייכטע, רויטע קליידעל פאַליעט זיך אַריין צווישען איהרע טריט, און ס'זעהען זיך אַרויס איהרע שעהן־געשניצטע, ברוינליכע פיס. אָט רעדט זי עפּעס מיט איהרע דינע בלוטיגע ליפּעלעך, און ס'דאַכט איהם, אַז ער שפּירט דעם הייסען אָטעם, וואָס שלאָגט פון זיי. ער מורמעלט:

— זאָל זי זיין מיין ווייב?... זי — יאַנקאַ?...

ער שטעקט לאַנגזאַם אַריין אַ האַנד אין וואַסער, אַ לייכטער ציטער געהט איהם איבער'ן לייב און ער וואַכט־אויף..

ער באָדט זיך לאַנג אין וואַסער, די זון שניידט זיך אויס שאַרפער אין אַ גאָלדענעם לאַנד, און איהרע ערשטע בלייכע גאָלד־שטראַהלען הויבען־אָן ציטערען איבער'ן וואַסער. ער געהט־אַרויס אויפ'ן ברעג, רוהט זיך אויס און געהט ווייטער אין וואַסער אַריין, ביז די זון צופלאַקערט זיך אין אַ שטילער דאַמפּיגער היץ. אז דער האָריזאָנט ווערט אַרומגעזוימט מיט אַ ווייס־פער'שרפ'עטען שלאַג, איז שוין פּאַוועל אָנגעטון און געהט זוכען א שאָטענדיג אָרט, וואו זיך אַוועקצולעגען. ס'ווערט איהם וואָס אַמאָל הייסער, ער ווערט ווי פערטשאַדעט, ווי אַ משוגעת גיסט זיך אין איהם אַריין און ער הויבט־אָן ליידען פון דעם לאַנגען, הייסען, לעדיגען זומער־טאָג, וואָס שטעלט זיך איהם פאַר די אויגען, אַזוי ווי אַ

ווייס־פֿער׳שרפֿ׳עט משוגעת און ציִהט זיך אַזוי לאַנג, אַזוי שווער...

נאָר פּלוצים גיִט איהם דאָס האַרץ אַ צאַפּעל, ער הערט שוין די געזאַנגען פֿון די פּויערען, וואָס געהען צו דער אַרבייט. אין פֿערשיעדענפֿאַרביִגע גרופּען קומען־אָן די יוּנגען מיִט די מיידען פֿוּנ׳ם דאָרף, נאָר פֿון אַלע דערזעהט ער יאַנקאַ׳ן מיִט׳ן רויטען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, דעם סערפּ איִן דער קרום ביים פֿאַרטוך פֿערשטעקט. נעבען איִהר געהט וויִקטאָר, דער בעסטער טענצער איִן דאָרף. ער נעהמט זי אַלע מאָל אַרום ביי דער טאַליע, און זיִ, יאַנקאַ, קוקט־אַרויף צו איִהם מיט פֿערגלייזטע אויגען און שמייכעלט...

— צו וואָס? — מורמעלט פּאַוועל, — צו וואָס?...

ער וואָלט געוואָלט צוגעהן צו יאַנקאַ׳ן און זאָגען, זי זאָל געהן מיט איִהם דאָרט ביים טייך, אַליין מיט איהם, ער וועט איִהר ווייזען, ווי שטיִל דאָרט איִז, איִן אַ שאָטענדיִגען אָרט וועט ער זיִך מיִט איִהר זעצען — און אפשר וועט ער זי צו זיִך צודריִקען, אָדער איִהרע בלוטיִגע ליִפּעלעך קושען. ווי גליִקליִך וואָלט ער געווען... דער טאָג, דער הייסער זומער־טאָג וואָלט ניִשט אַזוי לאַנג געדויערט, און די וויִלדע גע־פֿליגעלטע שאָטענס פֿון היִץ, וואָס טראָגען זיִך פֿאַר איִהם אַ גאַנצען טאָג, וואָלטען איהם נישט אַזוי פֿיִעל געמאַטערט.

נאָר ער ווייס, אַז ווען ער וועט צוגעהן, וועלען איִהם די יונגען מיט אַ שמייכעל בעגעגענען און פֿרעגען:

— נו, פּאַוועל, האָסט זיִך שוין אויסגעלערנט שניידען און אַ קוה מעלקען?...

און אַלע וועלען זיִך איִן אַ געלעכטער צוהילכען. זיִ, יאַנ־קאַ, וועט אויך לאַכען און קוקען אויף וויִקטאָרען אַרויף מיט פֿערגלייזטע אויגען.

און ער דערפֿיהלט זיִך אַזוי עלענד צוויִשען אַלע...

דעמאָלט געהט ער אַוועק איִן פֿעלד. איִנ׳ם שאָטען פֿון אַ ברייט־געוואַקסענעם בוים ציהט ער זיִך אויס, און גלייך מיט דער ווייסער היץ, וואָס הויבט זיך דאָרט אויפ׳ן האָריִזאָנט,

גיסען זיך, ווי אַ שטילע הייסע קרענק, אין זיין מוח אַריין פערשיעדענע פוילע חיציגע געדאַנקען. דעמאָלט דערמאָהנט ער זיך די אַלע מעשות, וואָס זשולציאַק'ס זוהן, דער סאָלדאַט, האָט איהם דערצעהלט פון גרויסע שטעדט, וואו ס'איז נישטאָ קיין ברייטע לעדיגע פעלדער, נאָר ס'שטעהן מויערען, טורעמס, וואָס זייערע שפּיצען גרייכען אין הימעל אַריין; פון מלחמות, וואו טויזענדער מענשען פאַלען אונטער זיך מיט אָבגעהאַקטע קעפּ און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי, נאָר שוואַרצע קראָהען פּיקען זייער פלייש...

און ער רייסט אויף ברייט זיינע מידע, פון היץ-פערגאָסענע אויגען און ער קוקט ווייט אין די בלויע פון היץ-פערנעבעלטע וועלדער. ס'דאַכט איהם, אַז ער זעהט ווייט, ווייט די שפּיצען פון די הויכע טורעמס און ער מורמעלט שטיל:

— וואָס איז עס, וואו?...

און פון די אַרומיגע, זון-בעגאָסענע קאָרען-פעלדער טראָגען זיך רייגע לוסטיגע געזאַנגען פון די יונגען און מיידען, און יאַנקאָ'ס געלעכטער טראָגט זיך העכער איבער אַלע — דאָס יאָגט זיך וויקטאָר נאָך איהר... און זי לויפט פאָכענדיג מיט'ן רויטען קורצען קליידעל און ווייזט-אַרויס ביז די קניה איהרע שעהן-געשניצטע ברוינליכע פיס... און ווען ער, וויקטאָר, כאַפּט זי, ציהט זי זיך אויס אין'ם פעלד און קוקט אַרויף צו איהם מיט שטילע שוואַרץ-פערגלייזטע אויגען, ווי זיי וואָלטען זיך בעטען:

— זיי נעבען מיר, זיי נעבען מיר...

דריי יאָהר

אין די לעצטע מינוטען, איידער [illegible] צוג האָט זיך געהאַט געשטעלט, האָט ער זיך נישט געקענט דערמאָהנען איהר אויסזעהן; ווי אַ העלער, וואַרימער פלעק האָט זי זיך אַרומגעטראָגען פאַר זיינע אויגען.

ער האָט עטליכע מאָל בעקוקט דאָס בילד, וואָס זי האָט איהם מיט אַ צייט צוריק געשיקט, נאָר קוקענדיג דערויף, האָט ער, דאַכט זיך, נישט געזעהן לאה׳ן פאַר די אויגען — געזעהן האָט ער זי נאָר אין דער ווייטער ערשיינונג, יענע קליינע פרוי, וואָס האָט אין איהר קליינעם וואוקס—געגען איהם אויסגעזעהן, ווי אַ קינד.

... זעהט ער דאָס טויער, וואו זי האָט געוואוינט— האַלבע נעכט נעבען טויער פערבראַכט... די ערשטע אָווענדען... יעדעס שטיינדעלע פון דעם שטיקעל אָרט איז איהם אַזוי גוט בעקאַנט; נאָר זי — לאה קומט איהם איצט אויס אַזוי ווייט און פרעמד... ס׳דאַכט זיך איהם, די גאַנצע דריי יאָהר, די לאַנגע אָווענדען אין „קאַזאַרמע״, אָדער ווינטער ביי נאַכט אויף דער וואַך ביי אַ סודות׳דיגער טיר איב׳ם ווייטען קאַווקאַז, איז זי צו איהם געוועזן נעהנטער... דייטליכער... וואַרעמער...

דריי יאָהר.

ווי לאַנג איז עס געווען?—אַ הערבסט־נאַכט. דער רעגען האָט געגלאַנצט מיט אַ געלען אָבשיין פון די לאַמטערנס. שווער איז געווען אויפ'ן האַרץ, ווי אַ שטיין וואָלט געלעגען. נאָר א"ין טרייסט... אָט ווײנט זי און איהרע פרישע ליפּען בויגען זיך אויס ווי ביי אַ קינד. אין אַ מינוט אַרום שמייכלען שוין די אויגען די בלויע און די קליינע הענד, די וואַרימע, גלעטען אויפ'ן פנים, ווי אַ לינד ווינטעל מיט זון געמישט:

— זאָרג נישט, שלום... ס'וועט איבערלויפען... וועסט קומען... כ'וועל וואַרטען...

איבערגעלאָפען. —

די נאָר־וואָס־געקומענע פאַסאַזשירען האָבען זיך אין ענגשאַפט געשטויסען אין דער וואָקזאַל־טיר.

שלום איז געשטאַנען ביי די טרעפּלעך פונ'ם לעצטען וואַגאָן, פון וועלכען ער איז נאָר וואָס אַרויס, דאָס גרינע, זעלבעריש קעסטעל נעבען זיך. — יעדע פרוי, וואָס ער האָט געזעהן, אויפ'ן וואָקזאַל האָט איהם אויסגעוויזען צו זיין לאה.

— אפשר האָט זי נישט ערהאַלטען זיין בריעף, אין וועלער שרייבט וועגען זיין קומען?...

די לעצטע צייט האָט ער פון איהר זעלטען בריעף געהאַט. אינ'ם לעצטען בריעף שרייבט זי, אַז זי וואוינט שוין לאַנג נישט ביי איהר מאַמע.

די באַהן־טרעגער האָבען זיך שוין גענומען בעדיענען אַ צווייטען צוג און שלום איז נאָך אַלץ אויף זיין אָרט געשטאַנען. דערנאָך איז ער דורכגעגאַנגען די פּלאַטפאָרמע מיט'ן קעסטעל אויף דער פּלייצע.

דער ווייזער אויפ'ן גרויסען, לייכטענדען וואָקזאַל־זייגער האָט זיך לאַנגזאַם, אומבעמערקט פאַר'ן אויג גערוקט: דריי־פערטעל. אַ שעה... נאָך אַ פערטעל...

זי איז נישט געקומען.

קלײנע דרײפּיסיגע שוסטער=בענקעלעך. דערצװישען, אויף אַ נידעריגען ברודיגען שוסטער=װאַרשטאַט, האָט געברענט אַ קלײן פּעררויכערט לעמפּעלע; אינ׳ם האַלב=פינסטערן שטיבעל האָט זיך געפּיה׳ט דער װאַרימער ריח פון שוסטערײ מיט געקאָכטע קאַרטאָפּעל...

צװײ חברים זענען זײ נאָך פון יונגעלװײז. בײדע דאָס פאַך בײ אײן מײסטער געלערנט, און איצט, װען שלום האָט די טיר מיטן קעסטעל שװער אויפגעשטופּט, האָט בערל שוסטער (זײן פרײנד) די ערשטע מינוט אויף איהם געקוקט, מרוזשענדיג די אויגען, און דערקענענדיג איהם, האָט ער דעם האַמער מיט׳ן שוך אַ װאָרף געטון און מיט אַנ׳אויסגעשרײ פון פרײד און פערװאונדערונג געװאָרפען זיך איהם אויפ׳ן האַרץ און געקושט.

— שלום, שלום! װאָס=זשע מאַכסטו?... אַ? איבערגעלאָפּען... איבערגעלאָפּען...

— געדענקסטו מיך נאָך יאָ, בערל? אָבער אַנדערע האָבען שוין אָן מיר פערגעסען... האָט שלום אַ זאָג געטון און זײן הויכע גלײכע פיגור האָט זיך אויסגעבויגען. זײן שאַרף קרעפטיג פנים אונטער׳ן הויכען טשערקעסען=היטעל, האָט אויסגעדריקט טיפע, אינערליכע שמערצען.

איצט, זיצענדיג אײנער געגען צװײטען, האָבען זײ גערעדט װעגען די דרײ דורכגעלאָפענע יאָהר, װאָס שלום איז געװען אין מיליטער.

— דו פרעגסט װעגען לאה׳ן?.. נישט פערגעסען נאָך? אַ?.. אַנ׳אַלטע ליעבע... שמײכעלט בערל, לעקענדיג אַ שטיקעל פּאַדעשװע=לעדער מיט דער צונג.

— װאָס זאָל איך דיר, גוטער ברודער, זאָגען... די ערשטע צײטען פלעג זי אַהערקומען, דאָ, צו מײן װײב, דערנאָך זעלטען, ביסלעכװײז האָט זי אויפגעהערט קומען... שפּעטער האָב איך זי שוין אַ לאַנגע צײט נישט געזעהן.

שלום איז געזעסען, די פינגער צונויפגעפלאָכטען. מיט אַנ׳אויסדרוק פון טרויער האָט ער געהערט בערל׳ס װערטער.

— און אז ס׳האָט זיך פון דער מאַמען אַרויסגעצויגען וואו האָט זי געוואוינט?

— דאָס ווייס איך נישט, שלום.. כ׳קאָן דיר נישט זאָגען..

— און וואו קאָן איך זי טרעפען?

בערל האָט פלוצלינג די אַרבייט אַוועקגעלעגט, און זיך צוגערוקט נעהנטער צו שלומ׳ן:

— זעהן קאָנסטו זי, שלום! נאָר דו וועסט דען געהן צו איהר?..

דעם יונג׳ס אויגען האָבען געבליצט מיט פייער, די ליפען צוגעפרעסט, ווי ער וואָלט זיך מיט אַ שווערער מאַכע גע־ראַנגעלט.

— בערל, זאָג מיר גלייך... וואָס איז מיט לאה׳ן?..

— ז׳איז נישט קיין לייט!..

בערל האָט זיך אויפגעהויבען, ווי צום שלאָגען זיך מיט שלומ׳ן:

— גאָר נישט קיין לייט...

*

אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַ הערבסטיגע פייכטקייט, דער הימעל גרוי - רויטליך און אַ ווינטעל אַ פייכטס, אַשטע־כיגס האָט זיך גע׳גנב׳עט אין לייב אַריין. די לייכטענדע לאַמ־טערען-קעפ זענען אַרומגעזוימט געוועזען מיט אַ ליכטיג-גרינער לופט. אין דער פראָסטיגער לופט האָט טויב אָבגעקלונגען דאָס גערויש פון דער גאַס.

— פאָלג מיך, שלום, שלאָג דיר די מויד פונ׳ם קאָפּ אַרויס... כ׳בין דיר אַ גוטער פריינד, שלום...

דער יונג האָט אויסגעזעהן ווי ער הערט נישט, וואָס בערל האָט צו איהם גערעדט.

— זאָלסט זיך גאָר נישט וויסענדיג מאַכען, שלום... וועסט געהן מיט שלעכטען, וועסטו גאָר ניט מאַכען...

שלום קוקט אויף איהם מיט אַ לאַנגען, שטאַרען בליק. וואָס רעדט צו איהם דער מענש?.. וואָס פאַר אַ הייסע, גליהענדע קוילען לעגט ער לאַנגזאַם אין זיין האַרץ אַריין?..

וואָס קומט דאָ פֿאָר... רעדט ער דאָס וועגען יענעם קליינעם, פֿרעהליכען קינד?.. וואו פֿיהרט ער איהם... וואו געהט ער מיט איהם...

שלום האָט איצט דערפֿיהלט, אַז מיט איהם געשעהט עפּעס אונזיניגס... שווערס...

... ער זעהט זיך צווישען אַ רייהע זעלנער אין דעם ווייטען, פֿרעמדען קאַווקאַז, פֿאַר איהם דרעהען זיך מענשען, אין פֿערשיעדענפֿאַרביגער ווילדער קליידונג... קלינגען פֿאַר איהם ווערטער, אונפֿערשטענדליכע און ווילדע, ווי אַ קינדער-שפּיעל...

נאָר דאָס אַלץ איז אַזוי קלאָר... אַזוי פֿערשטענדליך...

... ליגט ער אויף דער זעלנערישער „קויקע"... פֿאַרנאַכט.. אין דער האַלב-טונקעלער „קאַזאַרמע"... נאָגט אַ דינע שטעכיגע בענקשאַפֿט נאָך דער היים...

נאָר דאָס אַלץ איז אַזוי געוועהנליך...

לאה, נישט קיין לייט...

און ער פֿרעגט, מיט אַ שטילער פֿערלוירענער שטים:

— וואוהין פֿיהרסטו מיך, בערל...

— כ'וועל זי דיר ווייזען... אויף דער גאַס... דו וועסט צוגעהן צו איהר...

— אויף דער גאַס...

— יאָ, וועסט זיך מאַכען, אַז דו ווייסט פֿון גאָרנישט...

איהם גלויבט זיך אַלץ נישט. וועט ער ווירקליך זעהן לאה'ן? און זי וועט זיין אַזוי ווי יענע...

ער געהט לאַנגזאַמער; ס'דערמאָהנט זיך איהם, ווי ער — ביט נאָך עטליכע חברים, שוסטער-יונגלעך, זענען געגאַנגען אָנקוקען פֿון „די" מיידלעך... ווי ר'איז אַנטלאָפֿען, ווען איינע פֿון זיי איז צו איהם צוגעגאַנגען...

— דאַכט זיך, אַז דאָ איז זי... זאָגט בערל, ווען זיי זענען צום ראָג צוגעקומען, פֿון אַ קליין שמאָל געסעל. דאָס געסעל איז שוואַך בעלויכטען געווען, מענשען זענען געגאַנגען איינציגע, נאָר וואָס עטליכע פֿרויען זענען אונגעדולדיג צהין-

און צוריק געגאַנגען, אַלע מאָל שטעהן געבליבען האַרט ביי אַ מויער, ווי זיי וואָלטען אויף עמיצען וואַרטען...

שלום האָט געקוקט צו די פרויען, נאָר ער האָט גאָר־נישט געזעהן. פייערדיגע רעדער האָבען זיך געדרעהט פאַר זיינע אויגען, זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

— שטעה דו דאָ, שלום! כ׳וועל צוגעהן נעהנטער, וועל איך זעהן, צי דאָס איז זיי..

שלום איז שטעהן געבליבען, ס׳האָט איהם געדאַכט, אַז אין גאַס איז פינסטער געוואָרען...

— געה, שלום, זי האָט מיך נישט געזעהען... דאָס איז זי...

שלום האָט אַ ציטער געטון, נעבען איהם איז געשטאַנען בערל. ער האָט כמעט לויפענדיג זיך אַ לאָז געטון אין געסעל אַריין.

די?

ניין!

אַ פּאָר גרויסע מידע, פוילע אויגען האָבען אַ קוק גע־טון צו איהם

די צווייטע.

ער שטעלט זיך אָפּ.

ניין!

„קום, קום, קעצעלע" — זינגט זי, און געהענדיג נאָך איהם, דריקט זי זיך צו זיין אָרעם.

און די דריטע כאַפּט איהם פאַר דער האַנד:

— „כאָדזש פּאַן!"

— לאה!!?

זיי האָבען זיך דערקענט.

און שטיל.

די חבר׳טע האָט אַוועקגעטאַנצט אָן אַ זייט — און צו־טאַנצענדיג צו דער דריטער:

— זעהסט, מרים, לאה האָט אַ גאַסט...

— אַ פעטען?...

— ניין, דער חתן... דער „יאָלד" פֿון קאַווקאַז איז געקומען...

*

— שוין לאַנג... לאה?...

— וואָס איז דער אונטערשיד?..

— אַך, לאה!.. ווען דו וואָלסט נאָר אַ פּיפּס געטון... כ'וואָלט די ביקס אַוועקגעוואָרפֿען... אין מיטען דער נאַכט וואָלט איך אַנטלאָפֿען... וואָס וועל איך דען נישט טון פֿאַר דיר, לאה?..

זיין קול האָט געציטערט פֿון טרעהרען, ער האָט געוויינט.

זי איז געשטאַנען נאָהענט פֿון איהם, ער האָט געפֿיהלט דעם שטאַרקען, רייסיגען פֿערפֿום-ריח, וואָס האָט זיך געטראָגען פֿון איהר. זי האָט געקוקט פֿאַר זיך, אַראָב אויף דער ערד, און אַ קאַלטע רוהיגקייט האָט אויסגעדריקט איהר דיק געפּודערט געזיכט.

זי האָט געשוויגען.

— שטעהענדיג מיט דער ביקס... האָב איך מיר געפּלאַנט... ס'וועט זיך ענדיגען די צייט... כ'וועל קומען... נעמען זיך צו דער אַרבייט... שפּעטער-צו... אַ חופּה שטעלען...

זי האָט אויף איהם אַ קוק געטון, און באַלד מיט אַנ'אונגעדולדיגקייט אין דער שטימע:

— אָבער ס'איז דאָך שוין פֿערפֿאַלען!

— ניין, לאה! ס'איז נאָך נישט פֿערפֿאַלען... לאָמיר אַוועקפֿאָהרען פֿון דאַנען... צפֿילו שוין... קום שוין אַוועק פֿון דאַנען...

— אַלע זאָגט עץ אַזוי... דערנאָך...

זי האָט אַ גענעץ געטון, און אַ'ועקקעהרענדיג דעם קאָפּ צו איהרע חבר'טעס, וועלכע האָבען זיך איינע די צווייטע געיאָגט, לויפֿענדיג איבער'ן טראָטואַר, האָט זי מיט אַ פֿרעכער, הייזעריגער שטימע אַ געשריי געטון:

— מרים!...

— ביינאַכט אין דער פינסטער וואָלט איך זי אַרויסגענומען פון איהר שטוב, אַוועקגעפיהרט זי ווייט... איך וועל זיין שוואַרץ ווי דער וואַלד, און זי וועט זיין ראָז און קלאָר און רונד.

מיטאַמאָל איז פאַר מיר אויפגעשוואומען אַ צווייטער וועג. אַן׳עלעקטריש-בעלויכטענע שטאָדט-גאַס, יולקע אין זייד און סאַמעט, אין פוטער געהילט. די טונקעלע נאַכט מיט׳ן וואַלד, די טונקעלע טויאיגע ווייטקייט פון די וועלדער זענען פערשוואונדען.

ס׳האָט מיך אַ ציה געטון צו דער בלינדער. מיר האָט זיך פלוצלינג געוואָלט איהר דערצעהלען פון ביינאַכט, פון דעם ווי אַנטאָש האָט אויף מיר עטיינער געוואָרפען:

מיר וועלען ביידע יולקע׳ן פון אַנטאָש׳ן צונעהמען.

*

מיט דעם זעלבען וועג האָב איך זיך געלאָזען צו יולקע׳ס שטוב. ס׳האָט זיך געשטעלט אַ גאָלדענער טאָג, פול פון זון און ריחות. דער גאַנצער וועג איז געלעגען פריי פאַר מיר, און אַלע וועגען האָבען מיך גערופען, וואו נאָר יולקעס טריט האָבען געקאָנט פיהרען.

איך בין לאַנג געשטאַנען אונטער דער טיר, דאָרט איז שטיל געווען, אַרום איז קיינער נישט געוועזען. איך האָב אָנגעקלאַפט, און אויף דער שוועל פון דער געעפענטער טיר האָט זיך בעוויזען די מוטער. זי איז געווען אָנגעטון שטאָדטיש, אין אַ הוט און אין אַ שוואַרצען קלייד.

— מיר פאָהרען באַלד אָב.

— אַזוי פלוצלינג...—האָב איך געפרעגט, פערשטעהענדיג, אַז דאָ איז עפּעס פאָרגעקומען.

— יאָ,—האָט זי געענטפערט,—ליידער קענען מיר דאָ נישט מעהר בלייבען, כאָטש די טעג זענען נאָך אַזעלכע שעהנע... אַ שאָד...

די בלינדע איז אַריינגעקומען פון צווייטען צימער, זי האָט דערהערט מיין שטימע און אויסגעשריגען:

— זי זאָל שוין אפילו צוריק ווערען אָרענטליך, איז אויך נישט אויף לאַנג...

דער יונג האָט ווי פון אַ טיפען חלום אַרויסגעמורמעלט:

— וואָס טון זיי איצט... זיי שלאָפען שוין?...

*

וויפיעל בערל האָט צו איהם גערעדט, ער זאָל דאָרטען אַהין מעהר נישט געהן, — נאָר שלום האָט ווי נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אַ גאַנצען טאָג איז ער איבער די גאַסען ארומגעגאַנגען, און פלוצלינג, אַליין נישט וויסענדיג ווי אַזוי, האָט ער זיך געפונען אין יענעם קליינעם געסעל. ער האָט אַריינגעקוקט אין פרעמדע טויערן און פענסטער, נישט וויסענדיג אַליין, וואָס ער זוכט.

ווען ער זאָל איצט בעגעגענען לאה'ן, וואָלט ער, דאַכט זיך, נישט געפונען קיין איין וואָרט פאַר איהר — ווייל וואָס האָט ער דען נעכטען צו איהר נישט גערעדט... און זי האָט אויסגעזעהן איהם נישט צו הערען.

אַך, די שטאָדט, וואָס איז איהם אַזוי נאָהענט און בעקאַנט! אָט די געסלעך, וואָס קניפען זיך, שלענגלען זיך באַרג-אַראָב צו דער ווייכסעל. דאָ איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה פון זיין טאַטען... דערנאָך דער מאַמען... דאָס האָט ער זיך איצט אַלץ דערמאָהנט, ווייל אַזוי עלענד און אָבגעריסען פון אַלעם האָט ער זיך געפיהלט. איהם האָט זיך געוואָלט אַוועקגעהן ערגעץ אין אַ ווינקעל און ווייגען... ווייגען אָהן אַן אויפהער...

האָט אָנגעהויבען טונקעל ווערען, און דער פלוצלומער ווינטערדיגער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגערוקט, איז איהם אַזוי שווער געוואָרען, אַז דער יונג האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. וויפיעל מאָל ער האָט דאָס געסעל אויסמיידען געוואָלט, האָט איהם ווי אַ געהיימע קראַפט אַהערגעשלעפט.

איז ער געשטאַנען אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו ער האָט נעכטען לאה'ן בעגעגענט. ער האָט איצט פון גאָר נישט גע-

קלערט, ער האָט נאָר געפֿיהלט, אַז איהם איז אונמעגליך פֿון דאַנען אַוועקצוגעהן. איז ער אַזוי געשטאַנען אין מיטען דער גאַס. דער לאָמפּען־צינדער האָט איינע נאָך דאָך אַנדערער די לאַמטערען אָנגעצונדען, ס'האָט זיך געשטעלט אַ נעפּעל.

קאַלט איז איהם געוואָרען אין דער פּלייצע, נאָר ווען ס'איז איהם געקומען אַ געדאַנק אַוועקצוגעהן פֿון דאַנען, האָט ער זיך פֿאַר דעם געדאַנק דערשראָקען. ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז קוים געהט ער אַוועק — וועט מיט לאה'ן געשעהן אַזעלכעס, וועגען וואָס ער האָט נישט געקאָנט קלערען. ווי עפּעס הייס, גליהענדיגס האָט ער געפֿיהלט אין זיין מח.

נאָר אָט איז געגען איהם שטעהן געבליבען לאה, אין אַ גרויס טוך איינגעוויקעלט. יאָ, דאָס איז לאה. זי האָט זיך פֿאַר איהם אָבגעשטעלט מיט אַזאַ בּעוועגונג, ווי זי וואָלט זיך נישט געריכט און נישט געוואָלט איהם טרעפֿען...

— שלום... נאָך וואָס קומסטו אַהער?...

— כ'וויל דיך אַרויסנעמען פֿון דאַנען!

— שלום, קענסט נאָך דאָ שלעכט אָבשניידען.

זיינע פֿויסטען האָבען זיך קראַמפּהאַפֿט צוזאַמענגעדריקט:

— כ'האָב נישט מורא פֿאַר קיינעם, לאה... כ'וועל געהן פֿאַר דיר בּיז אַהער...

ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין האַלז.

— אָבער צו וואָס דאַרפֿסטו דאָס, שלום... וואָס טויג עס דיר?... זוך דיר בּעסער אויס אַן אָרענטליך מיידעל...

און פּלוצלינג האָט זי זיך האַסטיג צוויינט.

ער האָט זי פֿאַר אַ האַנד אָנגענומען, ער האָט דערפֿיהלט די האַנד פֿון דער אַמאָליגער קליינער לאה. אַ הייסער שטראָם האָט זיך אין איהם אַ הויב געטון און זיינע אויגען זענען איבּערגעגאַנגען פֿון טרעהרען.

זיי האָבען זיך נישט געקאָנט בּעהערשען, האַלטענדיג זיך פֿאַר די הענד, זענען זיי אין אַ טויער אַריין, און ביידע, ווי קינדער, געוויינט...

זי האָט זיך אָבער שנעל געפֿאַסט, און מיט אַ שטאַרקען

בליק און טרוקענער שטימע געזאָגט:

נו, שלום... געה אַוועק פון דאַנען.

— לאה...

— שלום! טאָמער דערוויסען זיי זיך עפּעס, וועט מען מיך אַוועקנעמען פון דאַנען און ס'טניש וויסען, וואו כ'וועל אַהינקומען...

— ניין, לאה, קום מיט מיר...

— זאָג מיר, וואו דו ביסט, וועל איך קומען צו דיר מאָרגען בייטאָג.

ער האָט איהר אויפגעגעבען בערל'ס אַדרעס.

זיי זענען פון טויער אַרויס.

— געה, שלום, כ'וועל קומען...

און זי איז מיט שנעלע טריט אַוועק פון איהם.

* *

*

ער האָט אָבער אַוועקגעהן נישט געקאָנט, און ווען ער איז מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער דורכגעגאַנגען דאָס געסעל, האָט ער זי פון דערווייטען געזעהן.

זי איז פערשוואונדען, אין אַן'אַלטען נידעריגען טויער. מיט איהר אַ יונגערמאַן מיט אַ שירם...

י ו ל ק ע

ניִשט אומזיִסט האָב איִך אַלע פֿאַרנאַכט שפּאַציִרט אויף דיִ זאַמד־בערג, אַ וויאָרסט וועג היִנטער דער זומער־וואוינונג, וואו איִך האָב געוואוינט —

שוין עטליִכע אָוועגדען כסדר האָב איִך דאָרט בעגעגענט צוויי פֿרויען: איינע אַ יונג מיידעל פֿון אַ יאָהר זיעבצעהן, דיִ צווייטע אַן׳עלטערע, אַ בליִנדע. אַ חוץ אונז האָט מען דאָרט זעלטען געקאָנט בעגעגענען אַ מענשען. שטיִל און וויִכט האָבען זיִך דיִ זאַמד־בערג אויסגעצויגען ערגעץ ביִז צו אַ בלויליִך־פֿערנעבעלטען קענ־גרייך. זעלטען־ווען האָט אַ באָרוויִסער דאָרפֿס־וואַנדערער דיִ בערג אַדורכגעשניִטען און געקוקט אויף אונז וויִלד און פֿרעמד, אַזוי וויִ ער וואָלט ניִשט געקאָנט פֿערשטעהן, ווי מיר זענען אַהער פֿערוואָרפֿען געוואָרען.

איִך ביִן אין יענע טעג געוועזן איִבערפֿולט פֿון אַ ברייטען און פֿרייען יום־טוב. ניִשט איינמאָל האָב איִך געקלערט, אַז דער קאַלטער, אומעטיִגער וויִנטער, וואָס איִז ניִשט־לאַנג פֿערשוואונדען, איִז געוועזן נאָר אַ בייזער, דריִקענדער חלום: וויִ לאַנג זענען אויפגעשטאַנען די בלינדע און גרויע טעג, וואן די נעכט, וויִסט און האָפֿנונגסלאָז, האָבען דאָס האַרץ מיִט אייז און פֿראָסט אַרומגעפֿרוירען! יעדער געדאַנק איז געוועזן איִן יענע לאַנגע וויִנטער־נעכט — וויִ אַ פֿויגעלע אַ קראַנקס,

וואָס גוסס'ט אין אַ קאַלטער וואַרימקייט, ערגעץ ביי וואַסער־לעך פערדאַרבענע...

בין איך אַרומגעגאַנגען אויף די זון־בעגילדעטע רוקענס פון די בערג, און פול איז געווען מיין ברוסט מיט אַ ליבע־געזאַנג דער שעהנער, פרייער וועלט אַרום.

*

די זון האָט בעגאָסען די בערג מיט אַ רויט־צוגליהטען גאָלד, און דער ווייטער מיט פייער פערטרונקענער האָריזאָנט האָט זיך געגעפעלט אין אַ שטיל־פערבענקטען פאַרבען־געזאַנג.

כ'בין געזעסען אויף אַ נידעריג זאַמד־בערגעל און גע־קוקט אין־דער־ווייט, וואוהין די בערג האָבען זיך פערטראָגען. פרישע טוי־נעפלען האָבען זיך געהויבען צוגלייך מיט דער זו־מער־נאַכט, וואָס האָט זיך שטיל געשפרייט.

שטיל איז געווען אַרום. נאָר ערגיץ ווייט האָט זיך אָהן אויפהער געגאָסען אַ פייפעלע, און די שטילע, ווייטע, אומע־טיגע טענער האָבען דערצעהלט פון אייביגער רוה און טיעפע, גרויסע שטילקייטען.

פון אונטער אַ באַרג, נישט ווייט פון מיר, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען. די יונגע איז געגאַנגען די ערשטע, פיהרענ־דיג די צווייטע פאַר איר שטייף־אויסגעצויגענער האַנד. נאָהענט פון מיר האָבען זיי צווישען זיך עפעס שטיל גערעדט. איך האָב זיך צוגעהערט.

די בלינדע האָט גערעדט:

— זאָגסטו, יולקע, אַז די בערג ציהען זיך אַזוי ווייט אַוועק?

— יאָ, זעהר ווייט. זיי נעפלען זיך אַזוי געדיכט, אַז מען זעהט נישט זייער ווייטקייט.

— און קיינער איז דאָ נישטאָ, זאָגסטו, יולקע?

— ס'איז דאָ פאַרהאַן אַ יונגערמאַן. זיצט דאָ נישט־ווייט אויף אַ בערגעל.

— נישט־ווייט... גאָר נאָהענט פון אונז?

— יאָ, נאהענט.

— איין מענש איז דאָ... נישט מעהר... איין מענש... — האָט די בלינדע געמורמעלט, פערריסען דעם קאָפּ און גע־דרעהט מיט די ווייסע אַפּלען, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זעהן. איך האָב זיך אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען נאָהענט צו זיי. די בלינדע האָט נאָך מעהר פערריסען דעם קאָפּ און הויך געזאָגט:

— רעד עפּעס מיט דעם מענש, כ׳וויל הערען ווי ער רעדט.

יולקע האָט נערוועז אַ שטויס געטון דער בלינדערס האַנד, און די בלינדע האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען.

איך האָב געקוקט אויף די אויפגעהויבענע ליפּען פון דער בלינדער, וואָס זענען געווען אַ ביסעל אָפען, ווי אַ שנאָבעל ביי אַ פויגעל. זי האָט, דאַכט זיך, געשמייכעלט, צוהערענדיג זיך צו עפּעס; ס׳קאָן זיין, זי האָט געהערט דאָ ווייטע, שטילע פייפעלע.

איך בין געשטאַנען הינטער זיי און געקוקט אויף יולקע׳ן. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ברייט־צולאָזענעם העלראָזען קלייד. איהר פנים האָב איך נישט געקאָנט זעהן, כ׳האָב נאָר געזעהן איהרע רונד־געטאָקטע אַקסלען, איבער וועלכע ס׳האָבען זיך אַראָבגעלאָזען איהרע מאַט־ברוינע דיק־געפלאָכטענע צעפּ. פון איהרע קורצע אַרבעל האָבען זיך אַרויסגעזעהן פולע, קלאָרע הענד, וואָס זענען געווען אַזוי פריש און ראָז, ווי דאָס לייב פון אַ פריש־אָבגעשיילטען ווערבע־צווייג. די בלינדע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און אָנשטעלענדיג איהרע ווייסע אַפּלען איבער יולקע׳ן, האָט זי גערעדט:

— שוין, כ׳בין שוין מיד... קום, זיך אַוועקזעצען... וואו וועלען מיר זיך אוועקזעצען?...

יולקע האָט זי פאַר אַ האַנד אָנגענומען.

— קום.

איך בין געגאַנגען נאָך זיי.

די בלינדע האָט געפרעגט אויפ׳ן וועג:

— דאַכט זיך, יולקע, אַז ס׳וועט באַלד ווערען פינסטער..

נאַכט... און מיר וועלען נישט טרעפען אַהיים...

— ניין, ס'איז נאָך ווייט צו נאַכט.

— מ'קאָן נישט וויסען... דערנאָך וועט מען נישט טרעפען! — האָט די בלינדע זיך געשפּאַרט. איך בין אַ פּאָר מינוט געגאַנגען נאָך זיי. יולקע האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ בייזען בליק געגען מיר, אַ בייזע, פאַרוואָס איך געה איהר נאָך. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען געהן שנעלער, שלעפּענדיג פאַר דער האַנד די בלינדע, אַזוי אַז יענע איז איהר נאָכגעלאָפען מיט שפּרינגענדיגע טריט.

איך האָב געזעהן יולקע'ס פּנים. בלייך־ראָז איז עס געווען, און איהרע גרויסע שטיל־טונקעלע אויגען זענען געווען ווי מיט אַ גאָלד־גלאַנץ איבערגעגאָסען. דערזעלבער גאָלד־גלאַנץ איז געווען אויף איהרע פולע, בלוטיגע ליפּען.

אין דער מינוט האָבען זיי זיך פון באַרג אַראָבגעלאָזען. איך בין געשטאַנען אויפ'ן רוקען פונ'ם באַרג און געקוקט אויף זיי. דערנאָך, ווען איך האָב זיך אין טאָל אַראָבגעלאָזען, האָבען זיי זיך געזעצט אויף אַ קליין אָבגעריסען בערגעל, וואָס האָט געהאַט אַ פאָרם פון אַ שוואָם.

יולקע האָט זיך אַוועקגעזעצט זייטיג, אָנשפּאַרענדיג איהרע אַקסלען אָן דעם בערגעל. די בלינדע איז געזעסען גלייך, איהרע אויפגעהויבענע קניה מיט די הענד אַרומגעשלאָסען, דעם קאָפּ פאָראויסגעשטעלט אין דער לופט אַריין, ווי זי וואָלט עפּעס עמיצען נאָכשרייען. איך האָב זיך געזעצט געגענאיבער אויף אַ בערגעל און לאַנג צו זיי געקוקט. יולקע האָט צו מיר נישט געקוקט; זי האָט זיך געשפּיעלט, צונויפשאַרענדיג בערגעלעך זאַמד.

נאָר פּלוצלינג האָב איך זיך אויפגעהויבען און, צוגעהענדיג נאָהענט, האָב איך צו זיי עפּעס גערעדט.

די בלינדע האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געהערט מיט שאַרף־אויסגעשנאָבעלטע ליפּען. יולקע האָט מיט אַ צושראָקענע שמייכעלע אין די ברייט־אויפגעריסענע אויגען עפּעס געענטפערט, אַ ווײַלע געשוויגען און באַלד געזאָגט:

— איך פֿלעג דאָ קיינעם נישט טרעפֿען פֿאַרנאַכט. דאָס ערשטע מאָל...

די בלינדע האָט עפּעס געמאַכט מיט די ליפּען, געדרעהט מיט׳ן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן געפֿינען, אין וואָס פֿאַר א זייט עפּעס אַריינצוזאָגען; דערנאָך האָט זי מיט אַ מאָדנער, וויינענדיגער שטימע אַרויסגערעדט:

— דערלאַנגט מיר אייער האַנד... זאָגט מיר, ווי מ׳רופֿט אייך, וועל איך צו אייך רעדען...

יולקע האָט מיט איהרע הענד פֿערדעקט דאָס פּנים, און אַ קלינגענדיג געלעכטער האָט זיך צוטראָגען אַרום.

איך האָב שמייכלענדיג גענומען דער בלינדערס האַנד אין מיינער און געזאָגט ווי איך הייס.

די בלינדע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און מיין נאָמען גע׳חזרט.

איך האָב אַ בליק געטון אויף יולקע׳ן, אונזערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט און מיר האָבען זיך שטיל און איינגעהאַלטען צולאַכט.

*

שטיל איז געווען אַרום. מיט אַ קיהלען, פֿרישען אָטעם האָט זיך די נאַכט איבער אונז לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזען, און גרינע ציטעריגע שטערען האָבען אינ׳ם טונקעלען הימעל אויפֿגעצינטערט.

איך בין געזעסען נאָהענט פֿון יולקע׳ן. זי האָט שטיל, ווי פֿאַר זיך, געקוקט אין דער ווייטעניש, איבער די בערג, וואו ס׳האָבען נאָך שטיל געטליעט עטליכע פּאַסען פֿונ׳ם זון-אונטערגאַנג.

די בלינדע האָט דעם קאָפּ פֿעררייסען און גערעדט:

— זי, יולקע... זאָגט אַלע טאָג, אַז ס׳איז דאָ אומעטיג...

אַז קיינער איז דאָ נישטאָ... אָט דערצעהל איך אייך... איהר הערט?...

— איך הער — האָב איך שנעל געענטפֿערט.

— ניין, אָט דאָ, קומט אַהער... זעצט זיך נאָהענט... נעבען מיר...

— איך זיץ דאָך נעבען אייך.

— איז גוט... וועל איך אייך דערצעהלען... יולקע זאָגט, אַז ס'איז אומעטיג... און ווען ס'קומט אַריין אַ פּויער עפּעס פּערקויפען צו אונז... רעדט זי מיט איהם לאַנג... נאָך וואָס דאַרף יולקע רעדען מיט פּויערים?... כ'האָב איינמאָל ביי אַ פּויער די האַנד אָנגעריהרט, איז זי געווען אַזוי ראַציג...

יולקע האָט אויף מיר אַ קוק געטון, בייסענדיג די ליפּען פאַר געלעכטער.

— יולקע לאַכט... ווען איך זאָג איהר עפּעס, לאַכט זי... זי זאָגט, אַז די פּויערים זענען גוטע מענשען... מ'דאַרף זיי ליעב האָבען...

יולקע האָט זיך הויך צולאַכט, די בלינדע האָט ווייטער גערעדט:

— יולקע, אָט וועל איך פרעגען ביי דעם הער... ביי דעם פּויער, וואו מיר וואוינען, איז דאָ אַ זוהן: אַנטאָש...

זי האָט מעהר פעררייסען דעם קאָפּ, און שטאַרקער אָנגעהויבען דרעהען מיט די אַקסלען:

— אָט דער אַנטאָש האָט מיך פון דער שטריק־וויעג אַראָבגעוואָרפען... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פאַל... איך פאַל פון אַ הויכען באַרג אַראָב... איך האָב זיך געוואָלט אָן עפּעס אָנהאַלטען... נאַר אין־דער־לופט איז גאָרנישט געווען... אַראָב... אַראָב בין איך געפאַלען... אָט די האַנד, זי טוט מיר נאָך וועה... אַנטאָש... דעמאָלט האָב איך אויך געהערט... זי, יולקע, האָט געלאַכט... און אָט מיט דעם אַנטאָש... רעדט זי שטענדיג, יולקע... ביז שפּעט אין דער נאַכט... זיצט זי מיט איהם אויף דער באַנק... אָט מיט דעם...

— מאַניע! — האָט יולקע אַ געשריי געטון. אין איהר טונקעלע אויגען האָט אויפגעבליצט אַ גאָלדען פייערל פון כעס

די בלינדע איז שטיל געבליבען. איהרע ליפּען האָבען זיך שפּיציג געעפענט, ווי אַ שנאָבעל פון אַ שלעכטען פויגעל

און אַ פּערקרומטער שמייכעל איז פערגליווערט געבליבען אַרום איהר מויל.

*

שטיל האָט שוין די נאַכט איבער׳ן דאָרף געהאָנגען, ווען איך האָב זיי צו זייער היים בעגלייט.

זיי האָבען געוואוינט אין דער געגענאיבערדיגער זייט דאָרף פון מיר. אונזער וועג איז געווען אַ זאַמדיגער און ביי זיינע זייטען זענען געוואַקסען, קרום געבויגען, פייכטע ווערבע-ביימער, וואָס האָבען זיך געשפּיגעלט אין גרין-בעשוימטען וואַסער פון ראָוו, וואָס הינטער זיי.

איך בין געגאַנגען נעבען יולקע׳ן, זי האָט געפיהרט די בלינדע פאַר אַ האַנד.

— ס׳איז אַזוי וויט... און ס׳ווערט אַלעמאָל שווערער צו געהן... — האָט די בלינדע געזאָגט.

— צו וואָס-זשע געהסטו, אַז ס׳איז דיר שווער! — האָט יולקע שנעל אַרויסגערעדט. די בלינדע האָט זיך אָבגעשטעלט, איך האָב אויף איהר אַ קוק געטון. יולקע האָט שאַרף געקוקט אויף דער בלינדער, ווי זי וואָלט פון איהר אויף עפּעס גע-וואַרט.

די בלינדע האָט פּלוצלינג ברייט אויפגעריסען איהרע ווייסע אַפּלען, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס דערזעהן. און אויפרייסענדיג ברייט איהרע שנאָבעל-ליפּען, האָט זי ווי אַ מין פערשטיקטען קרעכץ געטון, אַזוי ווי זי וואָלט זיך טיעף פערהוסט. ווען זי האָט צוריק איהר מויל פערמאַכט, האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַזאַ געלעכטער.

באַלד האָט זי נאָכאַמאָל אַזאַ לאַך געטון, און געזאָגט:

— אַהאַ-אַ... דו, יולקע, ווילסט געהן אַליין...

נאָך אַ מינוט שטילקייט האָט זיך יולקע געווענדט צו מיר:

— אויב איהר דאַרפט אַהיים געהן, דאַנק איך אייך, וואָס איהר האָט אונז ביז אַהער צוגעפיהרט. מיר האָבען שוין נישט וויט... אָט דאָ, אין אָנהויב וועלדעל, וואוינען מיר...

איך האָב זיך אָנגעבאָטען, זיי צוצופיהרען.

— צו וואָס זאָל אייך אויסקומען ביינאַכט אַהיים צו געהן... איהר וואוינט ווייט פון דאַנען?...

— איהר קאָנט אַמאָל נישט טרעפען אַהיים... ס'וועט זיין פינסטער, ביינאַכט... — האָט די בלינדע זיך אָנגערופען.

— איך וואוין אין דער צווייטער זייט דאָרף פון דאַנען, ס'וועט זיין אַ האַלבע ווי'אָרסט וועג... צווייטענס, געה איך, ווען איך וויל און ווי איך וויל! — האָב איך זיך גע'כעס'ט, אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס...

— וואוינט איהר אויף יענער זייט דאָרף? — האָט יולקע אַ זאָג געטון — איך בין נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען.. איז דאָרט עפּעס שעהן... שענער ווי דאָ?...

— יאָ, — האָב איך געענטפערט — דאָרט, נישט ווייט פון דער באַהן-ליניע, איז פאַרהאַן אַ טייך, וואו איך באָד זיך... און שיף זיך... דאָ ביי אייך איז נישטאָ קיין וואַסער?...

אין דער מינוט האָט זיך מיין האַנד אָנגעריהרט אָן איהרער, וואָס איז געווען פערשאַרצט ביז אין-דער-העלפט. אונזערע בליקען האָבען זיך פלוצלינג בעגעגענט. זי האָט אַ מינוט געשוויגען. באַלד האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ שטילער, ציטערדיגער שטימע עפּעס צו זינגען. איך בין געגאַנגען שטיל און געהערט. די בלינדע האָט שווער געאָטעמט און מיד גע-גאַנגען, הויבענדיג הויך די פיס.

איך האָב פלוצלינג גענומען יולקע'ס האַנד און געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איהר נישט געוואָלט, איך זאָל אייך אָבפיהרען אַהיים?...

יולקע האָט נישט געענטפערט, זי האָט נאָר אַ שמייכעל געטון; און ביי דעם שמייכעל האָב איך דערזעהן, אַז איהר נאָז איז אַ ביסעל אַנ'אַראָבגעלאָזענע. איהרע פולע, בלוטיגע ליפּען האָבען זיך אין דער מינוט ווייך אַ שלענגעל געטון. זי האָט געוואָלט בעפרייען איהר האַנד פון מיינער, נאָר איך האָב זי קמיט כח אָנגעכאַפּט און אַ דריק געטון.

זי האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען. באַלד האָט זי געזאָגט,

קוקענדיג אויף מיר פון אונטען אַרויף!

— איהר וועט מיר ווייזען, וואו ס׳איז דער טייך?...

— יאָ, איך וועל אייך ווייזען, ווען איהר וועט נאָר וועלען...

— כ׳בין אַמאָל געזעסען נעבען אַ טייך, האָב איך געהערט, ווי דאָס וואַסער האָט גערוישט אויפ׳ן ברעג... — האָט די בלינדע געזאָגט — ס׳מוז זיין שרעקליך זיך צו באָדען אין אַ טייך...

— ס׳איז נישט שרעקליך... — האָב איך געענטפערט. — איהר האָט קיינמאָל נישט געלעבט אין אַ דאָרף?

— ניין. איך בין ערצויגען אין שטאָדט... אַ פּאָר מאָל בין איך געווען אויף זומער-וואוינונג... און איצט בין איך מיטגעפאָהרען אַהער מיט יולקע׳ן... — האָט די בלינדע געענטפערט. איהר פנים האָט זיך פּלוצלונג פערקרימט, ווי זי וואָלט פון עפּעס געליטען, און צובויגענדיג זיך צו יולקע׳ן, האָט זי געזאָגט:

— אָ, ווי לאַנג מיר געהען שוין!... איז נאָך ווייט, יולקע?

— מיר זענען שוין אין-דערהיים! — האָט יולקע געענטפערט, ווי זי וואָלט פון עפּעס ערוואַכט.

*

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין אָנהויב פון אַ יונג-שיטער סאָסנע-וועלדעל, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט קאַסטענס רויט-געלבליכע פעלד-בלימלעך. דאָס הייזעל, אין וועלכען זיי האָבען געוואוינט, איז געווען אַ פּויעריש׳ס, נאָר מיט אויפגעהויבענע, גרעסערע פענסטער און אַ בלוי-געפאַרבטער פאָדערשטער וואַנד. האַרט נעבען דעם איז געשטאַנען דאָך אַ קליין הייזעלע, ווי אַ קעמערל, מיט אַ שטרוי-געדעקטען דאַך; דאָרט, זעהט-אויס, האָט געוואוינט דער ווירט פון דעם הייזעלע.

צוקומענדיג צו דעם פּלויט, מיט וועלכען דאָס הייזעל איז געווען אַרומגעצוימט, האָב איך געזעהן אַ פּויערן-יונגעל זיצע אויף אַ קליין בענקעלע. זיין קאָפּ איז געווען צראָבגע-

לאָזען, און זיינע העלע, פלאַקסענע האָר האָבען אַראָבגעהאָנגען צו זיינע קניה; ער האָט געשניצט מיט אַ קליין טאַשען-מעסערל אַ דיקע אָבגעבראָכענע צווייג פון אַ ווערבען-בוים. ווען מיר זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי איהם, האָט ער זיין קאָפּ אויפגעהויבען. ער האָט אויסגעזעהן אַלט צו זיין אַ יאָהר אַכטצעהן, זיין פּנים איז געווען אַ ברוינס און די אויגען טונקעל-בלויע. ער האָט אַ שמייכעל געטון, און געבענדיג אַ בליק אויף דער בלינדער, האָט ער די צווייג אונטער איהרע טריט אונטערגעלעגט. די בלינדע האָט קרום אַ פאַל געטון, אָנהאַלטענדיג זיך אין יולקע'ן.

איך האָב אויפגעציטערט פון כעס. „דאָס מוז זיין דער אַנטאָש, וועגען וועלכען די בלינדע האָט דערצעהלט" — האָב איך אַ קלער געטון און אויסגעשריגען:

— פאַרוואָס טוסטו דאָס, דו אונפאַרשעמטער!?

ער האָט אויף מיר זייטיג אַ קוק געטון, און געענטפערט שטיל:

— שרייט נישט, קיינער שרעקט זיך נישט פאַר אייך..

— ער האָט דאָס נישט-ווילענדיק געטון — האָט זיך יולקע אָבגערופען שמייכלענדיג. די בלינדע האָט געשוויגען, איהרע הענד האָבען געציטערט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק הינטער דער וואַנד פון'ם הייזעל. די בלינדע האָט נאָך אַלץ געציטערט, אָנהאַלטענדיג זיך אָן יולקע'ן.

די טיר פון'ם הייזעל האָט זיך פּלוצלינג געעפענט, און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַ גרויליכע פרוי, מיט אַ ווייך-געקנייטשט פּנים, מיט גרויסע, ברוינע אויגען. אָן וועלכע איך האָב באַלד דערקענט יולקע'ס מוטער. זי האָט אַ פיהר געטון מיט דער האַנד איבער איהרע האָר און, אויפהויבענדיג די האַנד, וואָס האָט זיך ביז אין-דער-העלפט אַרויסגעזעהן פון איהר בלויען ברייט-צולאָזענעם אַרבעל, האָט זי מיט אַ שטילער, קלינגענדיגער שטימע געפרעגט:

— וואָס איז דאָ געווען, יולקע?

— גאָרנישט, מאַמע; אַנטאָש האָט נישט־ווילענדיג שיער מאַניע'ן אומגעוואָרפען...

יולקע'ס מוטער האָט די ליפען איינגעצויגען, איהר פּנים האָט אויסגעדרוקט פערדרוס. זי האָט אָבער באַלד אַ שמייכעל געטוהן, און געזאָגט:

— נו, פערפאַלען. מאַניע, געה אַהער, זעץ זיך דאָ אויף דער באַנק... — דערנאָך איז זי אריין אין שטוב, און פערמאַכענדיג נאָך זיך די טיר, האָט זי אַ רוף געטון: יולקע!...

יולקע האָט אוועקגעזעצט די בלינדע אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען נעבען הייזעל. איך האָב זיך געזעצט נעבען איהר. יולקע איז אַריין אין שטוב.

— איהר האָט זיך אַ קלאַפּ געטון? — האָב איך געפרעגט די בלינדע, בלייבענדיג מיט איהר אַליין.

די בלינדע האָט אַ מינוט געשוויגען, ווי צוהערענדיג זיך צו עפּעס. באַלד האָט זי זיך צוגעבויגען צו מיר, זי האָט מיין האַנד געזוכט און נישט געפונען. זי האָט געשעפּטשעט:

— יולקע זאָגט: נישט־ווילענדיג... איהר האָט געהערט, ווי זי האָט געלאַכט?... מיך שרעקט דאָ אַזוי!... — זי האָט זיך צו מיר אינגאַנצען צוגעבויגען — איך קען אייך נישט... דאָס ערשטע מאָל... נאָר איך ווייס, אַז איהר וועט קיינעם נישט דערצעהלען... איהר זענט אַ גוטער... איהר האָט געשריגען אויף איהם... איך האָב געהערט...

זי האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגען, אַלץ ווי צוהערענדיג זיך צו עפּעס, מיט אַ פערקרימטען שמייכעל. באַלד האָס זי אַ דרעה געטון מיט די אַפּלען און ווייטער געשעפּטשעט:

— נישט־לאַנג... מיט אַ פּאָר טעג פריהער, ביינאַכט... זאָגט זי, יולקע: „די לבנה שיינט אַזוי העל"... און כ'הער, ווי אַנטאָש קומט שוין אָן און פייפט... „יולקע, — זאָג איך, — קום שוין שלאָפען, כ'וועל דיר עפּעס דערצעהלען"... „ניין, — זאָגט זי, — די נאַכט איז אַזאַ ליכטיגע, קיינער שלאָפט נאָך נישט.. אָ, אַנטאָש פייפט נאָך, הערסט?"... און שפּעטער האָב איך געהערט, ווי זיי האָבען גערעדט — ער, אַנטאָש, פרעגט: „פאַר־

אָס?"... זאָגט זי, יולקע: „ווייל איך האָב דיך ליעב, אַנטאָש... ווייל דו ביסט אַזאַ שעהנער... אַ שטאַרקער... האָסט פאַר קיינעם נישט קיין מורא"... אָ, איך קאָן איהר נישט זאָגען... זי וועט לאַכען... ווען איך זאָג איהר עפּעס — לאַכט זי...

— איך האָב גערעכענט, אַז איהר זענט יולקע'ס אַ שוועסטער... — האָב איך געזאָגט.

— ניין. — האָט די בלינדע געענטפערט — איך בין שוין צוויי יאָהר ביי זיי אין שטוב... איך האָב זיך צוגעוועהנט צו די מענשען... איך האָב זיי ליעב־בעקומען... יולקע'ס מאַמע איז אַ גוטע פרוי... זי האָט מיך ליעב... דערפאַר בין איך ביי זיי...

— נו, און דער פאָטער יולקע'ס וואו געפינט זיך?... קומט ער ווען אַהער?

— אָ, יולקע'ס פאָטער איז געשטאָרבען!... שוין פינף יאָהר... די מוטער מיט'ן פאָטערס אַ ברודער האָבען אין שטאָדט אַ גרויס געלד־געשעפט... נאָר הערט! זאָגט זי, יולקע: „ווייל איך האָב דיך ליעב, אַנטאָש"...

די בלינדע האָט זיך אַ מינוט פערקלערט, וויעפּעס האָרכענדיג.

— יולקע מוז נאָך זעהר יונג זיין... — האָב איך אויסגענוצט די מינוט.

— יולקע... זיעבצעהן יאָהר... נאָר זי איז שוין, ווי אַן עלטערע...

איך האָב אַ שמייכעל געטון. די בלינדע האָט דאָס דערפיהלט, און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, גלויבט מיר...

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט איהרע ווייסע אַפּלען. באַלד האָט זי זיך ווי אַ כאַפּ געטון און ווייטער גענומען דערצעהלען:

— ביינאַכט הער איך... עפענט זי דאָס פענסטער אויף...

איך האָב אַ קוק געטון אויף דער טיר, וואָס האָט זיך שטיל געעפענט — יולקע איז אויף די שפּיץ פינגער צו אונ

בעגאַנגען. זי האָט זיך אַ ביסעל אָנגעבויגען, וועלענדיג דערהערען, וואָס די בלינדע רעדט. נישט וועלענדיג, אַז יולקע זאָל דערהערען, האָב איך פרעהליך אויסגעשריגען:

— אָט געהט פרייליין יוליאַ!

די בלינדע האָט אַ צאַפּעל געטון און איז שטיל געבליבען, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. יולקע איז צוגעקומען צו אונז. אַ מידער ערנסט איז געווען אויסגעגאָסען אויף איהרע אויגען. זי האָט געוואָרפען אַ לאַנגען בליק אויף דער בלינדער און, זעצענדיג זיך נעבען מיר, פרעהליך אַ זאָג געטון:

— נו, ווי פערברענגט איהר דאָ?...

זאָגענדיג דאָס, האָט זי געטון אַ שמייכעל, פון וועלכען איהר נעזעל האָט זיך אַ ביסעל אַראָבגעלאָזען. איך האָב איהר טיעף אין די אויגען אַריין אַ קוק געטון. איך האָב געפיהלט, אַז יולקע איז ווי די זון, וואָס האָט אויפגעשיינט — נאָכ׳ן דער צעהלען פון דער בלינדער, וואָס האָט דערמאָהנט אָן אַ לאַנגען קאַפּענדיגען רעגען...

ס׳איז שוין גוט נאַכט געווען, און אין דעם שטילען, טיעף-בלויען נאַכט-רוים האָבען גרינע זילבער-שטערען געציטערט. איבער די פעלדער, וואָס זענען אין טיעפער נאַכט פערהילט, האָט זיך געטראָגען די אייביגע שטילקייט. ערגעץ-וואו האָט אפשר אַ הונד געוויינט, אָדער אַ פויערטע האָט אויפ׳ן הויכען קול איבער איהר שכור׳ען מאַן געשריגען. נאָר דאָס האָט גאָר נישט געשטערט די טיעפע שטילקייט און רוה, וואָס האָט געהערשט אין דער נאַכט אויפ׳ן דאָרף.

יולקע איז געזעסען נעבען מיר, איהר קאָפּ איז געווען אַ ביסעל זייטיג פערוואָרפען. זי האָט עפּעס שטיל געזונגען, און עפּעס אַ שטילע בענקשאַפט האָט זיך אין איהר זינגען אַנגעהערט, ווי זי וואָלט עפּעס געבעטען, עפּעס שווערס-שווערס געוואָלט דערצעהלען... ס׳קאָן זיין דערפאַר, ווייל איך האָב יב, דער מינוט געקלערט, אַז דאָס מיידעל, מיט׳ן קלאָרען, ל ייך-ראָזען פּנים, מיט די גרויסע שטילע אויגען, וואָס פילען

זיך אָן מיט אַזאַ מיידעלש־צושראָקענעם שמייכעל, ווען מען רעדט צו איהר, האָט שוין אַמאָל געזאָגט: „ווייל איך האָב דיך ליעב, אַנטאָש", — אפשר דערפאַר האָב איך געהערט אַזאַ טרויער אין איהר זינגען...

— ווי פאַלט איהר אויס צו קומען אַהער אויף זומער־וואוינונג, פריילין יוליאַ? — האָב איך פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— וואָס איז דען?..

— דאָ איז דאָך אייגענטליך אַ דאָרף, בלויז פויערים... איהר וואוינט דאָ אַליין, דריי פרויען... איהר האָט גאָר קיין מורא נישט?...

— גאַנצע נעכט שלאָף איך נישט, — האָט די בלינדע אינגעהויבען, — נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז מ׳געהט אַהער... ביינאַכט קלאַפּט עפּעס אין די פענסטער... ווי ס׳וואָלט עמיצער אַריינגעקוקט... יענע נאַכט האָב איך געהערט, ווי מ׳האָט געלאַכט...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך יולקע צולאַכט. — נעכטען, ווען דו ביסט אויפגעשטאַנען, איז שוין געווען האַלבער טאָג, האָט מען געלאַכט...

— יאָ, איך שלאָף נישט... הער איך...

איך האָב געפרעגט יולקע׳ן, פאַר וואָס זי וואוינט נישט אין וו., דריי וויאָרסט פון דאַנען; דאָרט וואוינען כמעט בלויז שטאָדט־מענשען.

— דאָ איז שטילער, שענער... — האָט זי געענטפערט, און צוגעגעבען: — פאַרוואָס וואוינט א י ה ר דאָ?..

מיר האָבען געשמועסט וועגען דאָרף, וואו שטאָטישע מענשען קומען רוהען דעם זומער... „וואו מען געפינט אין די וועלדער פאַפּירלעך, שאָלעכץ פון פּאָמעראַנצען" — האָב איך צוגעגעבען.

יולקע האָט זיך צולאַכט:

— יאָ דאָס איז אמת...

זי האָט זיך אַ מינוט פארקלערט, דערנאָך פּלוצלינג

אָנגעכאַפּט מיין האַנד, צוויגט זיך אין אַ קלינגענדיג געלעכ־טער:

— יאָ, דאָס איז אמת, וואָס איר האָט געזאָגט, — כאַ־כאַ־כאַ. איך האָב מיטגעלאַכט.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, מ׳זאָל ביי נאַכט אַזוי הויך לאַכען? — האָט די בלינדע אונגעדולדיג אַרויסגע־רעדט און מאָדנע שווער אָנגעהויבען עטעמען.

פלוצלינג האָב איך הינטער זיך דערהערט אַ שטילען פייף; פון הינטער דער הויז־וואַנד איז אָנגעקומען אַנטאָש מיט אַ שטעקען אין האַנד, פיהרענדיג אַ גרויסען שוואַרצען הונד אויף אַ קייט. ער איז שנעל דורכגעגאַנגען פאַרביי אונז. איך האָב איהם נאָכגעקוקט.

— עס מוז שוין זיין שפעט: אַנטאָש געהט שוין אויף דער וואַך! — האָט יולקע געזאָגט.

— אויב איהר ווילט שוין געהן שלאָפען, וועל איך אייך נישט שטערען... — האָב איך זיך אויפגעהויבען.

— ניין, — האָט יולקע געענטפערט ס׳וועט נאָר אייך זיין שפעט אַהיים צו געהן... מיר געהען נאָך נישט שלאָפען...

די בלינדע האָט מיט דער האַנד דעם קאָפּ אונטערגע־שפּאַרט און געזאָגט:

— אַלץ־איינס שלאָף איך נישט... און דאָ זיצען איז אַזוי שרעקליך... מורא׳דיג. מ׳הערט קיין מענשען נישט... דאַכט זיך, יולקע, אַז אַנטאָש האָט שוין געפייפט...

יולקע האָט נישט געענטפערט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — ער איז דאָ פאַר־בייגעגאַנגען.

די בלינדע האָט דעם קאָפּ פערריסען, און ווי עפּעס זיך צוגעהערט. זי האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגען, דערנאָך אין אַ פלוצלינג טרוקען שלוכצען אויסגעבראָכען. איהר פּנים איז, דאַכט זיך, געווען רוהיג, די ליפּען אויסגעשנאָבעלט.

— גאַנצע נעכט הער איך איהם... אונטער׳ן פענסטער... איך קאָרטשע זיך... איך מאַך קיין אויג נישט צו...

איהר אָבגעריסען געוויין אין דער אַרומיגער שטילער נאַכט, האָט געשראָקען, ווי אַמענש וואָלט זיך אינ'ם ווייטען וויסטען וואַלד פון אונטער'ן גזלנ'ס האַנד געבעטען...

יולקע האט דער בלינדער'ס האַלז אַרומגענומען, און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט דעם צושראָקענעם שמייכעל, ווי זי וואָלט געפרעגט, אין וואָס מען בעשולדיגט זי.

איך בין אויפגעשפרונגען פונ'ם אָרט, נאָר יולקע האָט מיר מיט דער האַנד געוויזען, איך זאָל זיין רוהיג...

די בלינדע האָט שוין איצט שטילער געוויינט, נאָר וואָס שטילער דאָס געוויין, אַלץ מעהר האָט עס געשראָקען...

מיין בליק האָט זיך געווענדט צו דער טהיר פונ'ם הייזעל.

— די מאַמע מוז שוין שלאָפען. — האָט יולקע געזאָגט.

נאָר אין דער מינוט האָט זיך די טיר געעפענט און ס'האָט זיך דערהערט דער מוטערס שטימע:

— יולקע, אין שטוב אַריין!

יולקע האָט מיר די האַנד דערלאַנגט:

— אַ גוטע נאַכט!

זי האָט די בלינדע אין שטוב אַריין געפיהרט.

— אַ גוטע נאַכט!... — האָט די בלינדע גערעדט וויי-נענדיג. — קומט צו אונז... ס'איז דאָ אַזוי שרעקליך...

איך בין שוין געווען ווייט פון זיי. כ'האָב נאָר געהערט דאָס צומאַכען פון יולקע'ס טיר...

*

איבער די ווייטע, פינסטערע פעלדער זענען געווען צעוואָרפען רויטע פינטעלעך ליכט פון די הייזלעך, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. איך בין געגאַנגען מיט'ן שווערען זאַמדיגען וועג, מיט וועלכען כ'בין אַהער געקומען. שטיל האָבען די ווערבעס געשאָרכט ביי די זייטען און דער ראָוו האָט געגלאַנצט ווי אָנגעגאָסען מיט שוואַרצען גלאָז.

כ'בין געגאַנגען מיט גיכע טריט. אַ קיהל, פייכט

ווינטעל האָט געגלעט מיין פּנים, איך האָב געקלערט וועגן יולק׳ן.

זאָל עס אמת זיין, אַז יולקע האָט ליב דעם פויער „אַנטאָש"?—דאָס איז אויף מיר געלעגן ווי אַ פרעמדע שווערקייט. ווען זי האָט מיר אויף די בערג די האַנד אַ דריק געטון האָב איך צו איהר דערפיהלט אַזאַ נאָהענטקייט. איצט פיהל איך שוין אַנדערש, און כ׳קאָן זיך אַלץ נישט דערמאָהנען, וואָס כ׳האָב מיט איהר גערעדט.

זי האָט אויף מיר אַזוי שטיל געקוקט, צוגעזאָגט, אַז זי וועט צו מיר קומען, איך זאָל זי פיהרען צום טייך. און מיט וואָס פאַר אַ צושראָקענעם שמייכעל האָט זי פערענטפערט אַנטאָש׳ען, ווען ער האָט אונטערגעלעגט דעם שטעקען אונטער דער בלינדער׳ס טריט.

איך וועל זיך ביי דער בלינדער אַלץ דערוויסען, האָב איך בעשלאָסען אין געדאַנק, און פאַר מיינע אויגען איז אויפגעשוואומען יולקע׳ס פולע ברוסט, רונדיגע אַקסלען, און ראָזע הענט.

אויף אַ שיפעל וועל איך זיך מיט איהר שיפען. פאַרנאַכט, גאָלדיגע וואָלקענס, ווי בלומען, ציהען זיך אַזוי שטיל אויפ׳ן הימעל, שלאָגען זיך אָפּ אין׳ם וואַסער, וואָס רונצעלט זיך אונטער׳ן פאַרנאַכטיגען ווינטעל, ווי פון אַ זיסען תענוג.

איך וועל זיצען נעבען איהר נאָהענט.—ווי פול און גלוטיג זענען איהרע ליפען.

שאַ, אַ גערויש צווישען די בוימער, ווי ס׳וואָלט עפּעס דורכגעלאָפען אַ פערשטיקטער ביל פון אַ הונט. איך האָב זיך אָבגעשטעלט, מיין האַרץ האָט שנעל אָנגעהויבען קלאַפּען. אַ מינוט איז שטיל געווען און ס׳האָט עפּעס אַ שאַרפען פייף געטון איבער מיין אויער און איז באַלד שווער און ווייך אַראָבגעפאַלען נישט ווייט פון מיר. ס׳איז מיר הייס געוואָרען. כ׳האָב שטאַרק צונויפגעקוועטשט די אויגען און אַ צווייטער שטיין האָט צוזאַמען מיט אַ פייף אַ שאַרפען קלאַפּ געטון אין מיין אויפגעשטעלטער האַנד. כ׳האָב דערפיהלט, אַ שאַרפען,

בריִהענדיגען וועהטאָג, כ'האָב קרום אַ לויף געטון אויפ'ן וועג און געזעהן ווי אַ מענש האָט זיך אַראָבגעלאָזען אונטער אַ בוים; נעבען איהם האָט זיך געוואָרפען אַ הונט אויף אַ קייט, מיט אַ שווער, איינגעהאַלטען בילען.

„דאָס איז אַנטאָש", „דאָס איז אַנטאָש!", האָט אין מיין מח געקלאַפּט. איך בין אָבגעלאָפען מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם און אַ געשריי געטון:

— איך ווייס ווער דו ביסט... מיר וועלען זיך נאָך זעהן!

מיין שטימע האָט מיט אַ ווילדען אבקלאַנג אָבגעציטערט אין דער פינסטערער נאַכט. איך האָב זיך דערשראָקען פאַר מיין אייגען קול, און מיט אַ שטורעמדיג האַרץ האָב איך גיך אַוועקגעשפּריזט אין דער צווייטער זייט דאָרף צו מיין קליין שטיבעל מיט די בלויע לאָדענס.

אַזוי בין איך געלעגען אַ גאַנצע נאַכט מיט אָפענע אויגען, ביז וואַנען דורכ'ן שפּאַלט פון די לאָדענס האָט זיך אַריינגעגאָסען אַ גאָלדענער פאַס טאָג.

די מילך-גוי'ע האָט אָנגעקלאַפּט אין לאָדען:

— שטעה אויף פאַן, שוין שפּעט!—איך האָב זיך אָנגעטון און די טיר געעפענט. אַ זוניגער טאָג איז שוין געשטאַנען אינדרויסען.

איך בין געשטאַנען און געקלערט וועגען יולקע'ן, און פלוצלינג האָט זיך פאַרביי מיין אויער דער פייף פון די שטיינער דורכגעטראָגען.

— איך וועל געהן אויף דעם וועג וואו נעכטען האָט מיך דער שטיין געטראָפען, אפשר וועל איך דאָרטען טרעפען יולקען.

אין מיין האַרץ האָט געגליהט אַ בייסענדיגע קנאה צום פויער אַנטאָש. ס'האָט זיך מיר מיט אַמלאָל פערוואָלט קריגען ערגעץ אַ הונט אויף אַ קייט און אַוועקשלייכען זיך ערגעץ אין ווייטע ביינאַכטיגע פעלדער און וועלדער. אַ מאָדנע וואַרעמע געזונדקייט האָט זיך אַריינגעגאָסען אין מיינע פיס.

ט

ביינאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט לאה׳ן געזעהן, האָט ער קיין אויג ניט צוגעטון. כעס, עקעל, און נאָכמעהר — ליעבע האָבען אין זיין ברוסט געשטורעמט. דאָס טרעפען זיך מיט לאה׳ן אויף דער גאַס איז געוועזען אַזוי פרעמד, גלייך ניט ער, ניט לאה, זענען איינס געגען צווייטען געשטאַנען, נאָר צוויי אַנדערע, ווייטע פרעמדע... טויזענד מאָל בולט׳ער און העלער איז פאַר איהם אַרויסגעשוואומען, יענע ווייטע, קליינע לאה. מינוטענווייז האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז יענע ווייטע, ליעבע לאה וועט ער ערשט זוכען, געפינען. נאָר אין דער מינוט, ווי מ׳וואָלט איהם אַ גליהענדיגען שטאָך געטהון:

דערמאָהנט.

איז ער אין האַלבער נאַכט אַראָב פון׳ם געלעגער, ווי אַ משוגעגער איבער דער פינסטערער שטוב אַרומגעלאָפען. בעריל האָט פון דער צווייטער שטוב דערהערט, איז ער מיט אַן׳אָנגעצונדען לעמפעל צו איהם צו.

— וואָס איז דיר שלום, ליידסט? אַ? שלום... שלום... פאָלג מיך פערגעס אָן איהר... ס׳אַ פערפאַלענע זאַך...

שלום׳ס אויגען האָבען געבליצט מיט טרעהרען, זיין ברייטע ברוסט האָט זיך שנעל געהויבען אונטער׳ן ענגען, סאָלדאַטישען העמד...

דערנאָך איז בעריל געזעסען נעבען איהם און איהם געטרייסט:

— איך זאָג דיר, שלום, דאַרפסט זיך צו דער אַרבייט נעמען... וועסטו גיכער פערגעסען... ווייסט ניט? אַ „נאַשבראַט" פערקלאַפט אַלץ אין די לעדער אַריין... דערנאָך פאַרוואַקסט מען און ס׳ווערט נאָך אַ גלאַנץ...

ער האָט איהם אַ קיצעל געטון, געפרובט איהם פרעהליך מאַכען, נאָר דער יונג איז ווי אַ טויטער געלעגען.

בעריל האָט זיך צו זיין אויער צוגעבויגען און שטיל גערעדט:

— נו, גוט וואָס איר זענט דאָ, מיר וועלן זיך געזעגענען, מיר פאָהרען שוין אַוועק.

איך בין געשטאַנען און נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגען. צום סוף האָב איך ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— כ'וועל אויך... כ'וועל געוויס אויך אָבפאָהרען.

די מוטער האָט מיך טיעף אָנגעקוקט:

— צו וואָס? ווער ס'האָט אַ מעגליכקייט? ס'איז נאָך אַזוי שעהן...

יולקע איז אַריינגעקומען. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייס קלייד און אַ ווייסען הוט. זי האָט גלייך אַ שמייכעל געטון. מיר האָט זיך אויסגעוויזען אַז זי איז פערוויינט. ביידע, זי און די מוטער, האָבען זיך בעוועגט פיבערהאַפט, זיי האָבען צונויפגענומען קליינינקייטען און איינגעפּאַקט. איך בין געשטאַנען און געוואַרט.

איך האָב געוואַרט זיי צו בעגלייטען צו דער באַהן. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, די מוטער איז שוין פאַרטיג געווען, איך בין אַרויסגעגאַנגען פאַר דער טיר. פיהרענדיג די בלינדע, האָט די מוטער פּלוצלינג געפרעגט:

— וואו איז יולקע?

איהר שטימע איז געווען אויפגערעגט, איך האָב ווירקליך נישט בעמערקט, ווי זי איז אַהינגעקומען. עטליכע מינוט האָט די מוטער גערופען „יולקע!", ביז וואַנען יולקע האָט זיך מיט גיכע טריט בעוויזען פון אונטערן הויף.

— וואו ביסטו געווען? — האָט די מוטער אויפגערעגט אויסגעשריגען. יולקע איז מאָדנע בלייך געוואָרען, זי האָט זיך אַ וויג-געטון אויף אַנ'אָרט און זיך פּלוצלינג האַסטיג צעוויינט. די בלינדע האָט זיך צו מיר צוגעצויגען, זי האָט אויסציהענדיג שטייף דעם קאָפּ צו מיין אויער אַרויסגערעדט:

— צוליב איהם פאָהרען מיר אַוועק... דאָס מיידעל איז משוגע, צוליב אַנטאָש'ן ענטלויפען מיר...

ביז צום צוג האָבען מיר שוין גאָרנישט גערעדט. מיר

האָבען זיך שטום געזעגענט, און דער צוג האָט זיי אַלע דריי אַוועקגעטראָגען.

*

איך בין צוריקגעגאַנגען און פערקראָכען אויף די זאַמד-בערג, וואו כ'האָב יולקען צום ערשטען מאָל בעגעגענט. איך בין געגאַנגען צום טייך, און אין מיטען דעם גאָלדענעם טאָג איז פאַר מיר אַלץ ווי אָבגעשטאָרבען. אַ מאָדנע מאַטקייט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אַלץ און אַ צאַפּעלדיגע אונרו-היגקייט האָט זיך אַריינגעגאָסען אין מ:ר. איך האָב מיט אַמאָל דערפילט, אַז איך קען דאָ מעהר נישט בלייבען, און נאָך אין דעם אייגענעם טאָג, פאַרנאַכט, האָט מיך דער צוג אין שטאָט אַריינגעטראָגען.

איבער די שאַרף — בעלויכטענע גאַסען האָבען זיך פאַר מיר דורכגעטראָגען אַזוי פיל יולקעס. איך האָב געקוקט אין זייערע אויגען. און געזוכט יענע יולקע, וואָס כ'האָב אויף די שטילע, ווייט פאַרבלוטע זאַמד-בערג געלאָזען אונטער דעם גאָלדענעם זון-אונטערגאַנג.

וואַלענטי דער שוואַרצער

אַזוי ווי אַ שאָרך האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער לענג פון דער פויער׳שער אָסאַדע מיט איר׳ע קרומע פלויטען און נידעריג־בעגרינטע פורטקעס. — דער „קסיאָנדז“ פאָהרט מ׳פיהרט איהם שוין!...

ס׳איז שוין צוגעפאַלען די נאכט; איבער די ווייטע, פון טוי־בענעפּעלטע פעלדער, האָט זיך דער הימעל געטונקעלט און אין דער טונקעלקייט האָבען געפינקעלט בלייך און געציטערט, שיטערע זילבער־שטערען...

אַ טיפע שטילקייט האָט גערוהט אַרום.

אויפ׳ן ווייכען שוואַרצען זאמד־וועג, וואָס ציהט זיך דורך דעם סאָלטיס׳ס הויף, האָט זיך געטראָגען און געהויבען אַ קליין געל־געפלאָכטען בריטשקעלע, געשפאַנט אין אַ ברוין גרויס פערד, מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ, (געבארגט פונ׳ם הויף). אין דער בריטשקע זענען געזעסען: דער קסיאָנדז, איינגעהילט אין אַ ברייטען שוואַרצען פלאַשטש, מיט אַ ברייט געקנייטשט פנים; ביי דער זייט צוויי אַלטע פויערען. זיי זענען געזעסען, די קעפּ אויף די הענד אָנגעשפאַרט. אַלע דריי האָבען געשוויגען... די בריטשקע האָט זיך פארקירעוועט אַראָפּ אין דער פויערישער „אָסאַדע“ אַריין. זי איז אַראָפּ, פערגאנגען, איינגעהילט געוואָ־

ען אין ביינאַכטיגען נעפעל, און ארום איז ווייטער שטיל געוואָרען...

די ברישקע איז צוגעפאָהרען און אָבגעשטעלט זיך נעבען אַ נידעריגער כאַטע, מיט אַ טיעף־אַראבגעלאָזענען שטרויענעם דאך. דאָס איז געווען וואלענטי דעם „שווארצענס" כאַטע, און דער קסיאָנדז איז געקומען אָבנעמען ביי איהם זיין לעצטע „ספּאָוויעדזש".

דער קסיאָנדז איז דער ערשטער פון דער בריטשקע אַראָבגעגאַנגען, נאָך איהם די צוויי פויערען; זיי האָבען זיך איבערגעצלמ'ט, איינער אויפ'ן צווייטען אַ שטומען קוק געטאָן, ביז איינער האָט די נידעריג, ווייס־געקאַלכטע טיר אין אַ גרויער טונקעלקייט אַריינגעעפענט, און אַלע דריי זענען אַריין אין דער טונקעלקייט...

אַרום איז צוריק שטיל געוואָרען.

די נאַכט ארום האָט זיך געטונקעלט, און אויף די שטילע ווייטע פערטרונקענע פעלדער האָט זיך געשפרייט דער טויווי ווייט־פערנעפעלטע ימים, און די ווייטע ווייס־געקאַלכטע כאַטע, וואָס זענען ווי דרעמלענדע, פערגעסענע, צוואָרפען געווען איבער די פעלדער, האָבען אויסגעזעהן, ווי ווייסע פוילע קעץ, וואָס גייען איבער פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, דערפיהלענדיג שטילקייט אַרום...

נאָר ביים סאָלטיס'ס פורטקע איז געשטאַנען דער סאָלטיס, דעם קאָפ אַראָבגעלאָזען, די פיס צושפּרייט, די הענד אין די הויזען־קעשענעס; אַרום איהם זענען געשטאַנען עטליכע פויערען; דער סאָלטיס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האנד און דער ערשטער אָנגעהויבען רעדען:

— נאָ, פערפאַלען, אַ מענש לעבט נישט אייביג... עה, עה, אַ שאָד וואַלענטי; כאָטש ליעב האָט ער געהאט אַ מאָל אַ „גראַגדע" צו מאַכען..

— און גערעדט האָט מען — האָט אַ צווייטער אָנגעהויבען, — אַז דאָס „גאָלדענע בערגעל" האָט ער, וואַלענטי, אונטערגעצונדען, נישט „פּאַוועל פאַנאַסעק"; אומזיסט אַ מענש צום

ווייטען סיביר געברענגט...

— פּאָרט אַ גוטער מענש געווען — האָט ווייטער דער סאָלטיס גערעדט.—אין שענק זיך געטראָפען: וואָס זאָגט וואַלענטי?... אַ שנאַפּס, אַ גלעזעל ביער, קיין ראָל־ע נישט געשפּיעלט!...

— ליגען ליגט ער גלייך, די הענד אַרונטערגעדרעהט, און מיט די אויגען דרייט ער אַזוי... — האָט זיך אַ דריטער אַביסעל צוגעבויגען און מיט שרעק אין די אויגען דערצעהלט...

— אַ בעהאַלטענער מענש געווען — דערציילט ווייטער דער סאָלטיס.—פּלוצלינג אויף אַ גאַנצער וואָך פערפאַלען גע־וואָרען... קומט דער סטראַזשניק אין גמינע און דערצעהלט, אַז ער האָט איהם געזעהן אין מיטען וועג, ערגיץ אין אַ ראָוו, מיט נאָך עטליכע, עפּעס ווי ציגיינער האָבען זיי אויס־געזעהן... קיין מאָל נישט געגלויבט!.. מיט אַ פּאָר טעג שפּע־טער האָט מען טאַקע געהרג׳עט דעם „זנאַכער״...

דער סאָלטיס האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און מיט אַ שטילער פּערלוירענער שטימע ווייטער גערעדט:

— שטאַרקע שונאים זיך געווען... און ציגיינער, זאָגט מען, האָבען איהם געהרג׳עט... דעם זנאַכערס ווייב דערצעהלט, אַז ווען זי האָט זיך אין מיטען דער נאַכט אויפגעכאַפּט, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי האָט געהערט אַ רעש, נאָר ס׳איז שטיל געווען... האָט זי ערשט דערזעהן, אַז דאָס פענסטער איז אויפגעריסען, און אין פענסטער איז געשטאַנען אַ קאָפּ... אַ שוואַרצער קאָפּ... מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, זי האָט אַ קוויטש געטון און דער קאָפּ איז פערשוואונדען...

— אין „קאָשציאָל״ קיין מאָל נישט געגאַנגען...

— אַ זינדיגער מענש!..—האָבען אַלע אַ קרעכץ געטון, און זענען זיך צוגאַנגען...

*

אין דער טיפער ביינאַכטיגער פינסטערניש האָט זיך וואַלענטיס כאַטע־פענסטערעל אויסגעשניטען אין אַ העל־ליכטיגען פלאַם און אין דער פייער־קאַנטיגער ליכטיגקייט איז געווען אַזוי שטיל, ווי אַלעס וואָלט אָן אָטעם געבליבען...

דער קסיאָנדז איז שוין אַוועקגעפאָהרען; קיינער, אַ חוץ זיין ווייב, איז אין וואַלענטיס שטוב נישט געווען...

וואַלענטי איז געלעגען אויף אַ הילצערנעם געל-געפאַרבטען באַנק-בעטעל, גלייך און שטייף אויסגעצויגען, די אַפּלען אונ-טער די ברעמען פעררוקט, די נאָז שטייף פערשפּיצט, און דאָס שאַרף שפּיציגע שוואַרצע בערדעל האָט זיך אַלע מאָל אַ הויב געטון, צוזאַמען מיט אַ שאַרפען צאָהן-קריץ...

אַרום איהם, האַלב-קיילעכיג, האָבען געברענט הויכע ווייסע גלייכגעצויגענע ליכט, און זייערע רויט-בלויליכע פלעמלעך האָבען צוגאָסען אַ בלייך-גאָלדענעם נעפּעל אין דער כאַטע... און אין דעם נעפּעל, האָט זיך געדאַכט, טאַנצען, שווימען פינסטערע ווייכע פלעקען אָהן אַ שיעור, אָהן אַ שיעור...

מאַרטע, וואַלענטיס ווייב, אַ יונגע הויכע פויערטע איז געזעסען אין אַ זייט אויף אַ קעסטעל, די העלע פלאַקס-האָר צולאָזען אויף ביידע זייטען קאָפּ, איין האַנד אונטערגעשפּאַרט אונטער דער באַקבע; מיט אָפענע בלויע אויגען האָט זי געקוקט אינ'ם ליכט-נעפּעל אַריין און געקלערט:

— איך בלייב אַליין... ס'שטאַרבט שוין וואַלענטי מיין מאַן, און ס'קומט מיך קיינער נישט טרייסטען...

ס'בייסט זי טיף דער געדאַנק און זי דערמאָהנט זיך, ווען ס'איז געשטאָרבען זייער שכן „קאָפּערעק", ווי פול ס'איז געווען זייער שטוב פון שכנים, גוטע-פריינד, וואָס זענען גע-קומען טרייסטען זיין ווייב... און אַזוי קלערענדיג, ציהט זי אויס איהר לאַנגען האַלז שאַרף צום מאַן, און רופט אין אַנ'-איינגעהאַלטען שעפּטשען:

— וואַלענטי, קיינער קומט מיך נישט טרייסטען, הערסט?... פאַרוואָס ווילען זיי נישט קומען?...—ס'קלינגט איהר לאַנג אָב אין די אויערען...

ס'איז ווייטער שרעקליך שטיל; זי קוקט אויפ'ן גוסס און ס'דאַכט איהר, אַז ער שמייכעלט קרום... ווילט זיך פלוצלינג איהר וויסען, צי וואַלענטי איז שוין טויט, צי ער לעבט נאָך. הויבט זי זיך שטיל אויף און וויל צוגעהן נאָהנט.

ס׳גיט זיך איהר אַ מיש פֿאַר די אויגען, זי ווערט פֿערבלאָנזשעט אין מיטען וועג; זי זעהט גאָרנישט אין דער ליכטיגקייט, נאָר פֿלעקען פֿינסטערע טאַנצען פֿאַר איהר... און פלוצלינג דערזעהט זי, ווי וואַלענטי שמייכעלט שוין נישט, נאָר ער איז שוין אַזוי בלייך, ווי ער וואָלט זיך געביייזערט...

מאַרטע זעצט זיך אויפ׳ן זעלבען אָרט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, די הענד גראָבט זי איין אין די האָר, און בלייבט אָהן געדאַנקען...

נאָר איין געדאַנק פֿלאַטערט איבער איהר: עס דאַרף עמיץ קומען! אָט קומט מען שוין, אָט מאַכט מען אויף די טיר!.. און ס׳הויבען איהר אָן קלאַפּען אין מוח אַזעלכע געדאַנקען, שוואַרצע שווערע, ווי האַמערס. בוך... בוך...

אַ הונד בילט אין דרויסען: ס׳געהט עמיץ; מאַרטע הויבט אויף דעם קאָפּ און ס׳ווערט שטיל... זי זעהט נישט קיינעם; דערמאָהנט זי זיך פלוצלינג, אַז אין דרויסען איז אַזאַ העלע וואַרעמע זומער-נאַכט. זי הויבט זיך אויף, געהט-צו צום פֿענסטער און אַ מין קאַלטע פרעמדקייט צוגיסט זיך אין איהר, צו איהר טויטען מאַן און צום גאַנצען דאָרף... ס׳ווילט זיך איהר אַוועקגעהן פֿון דער שרעקליך ליכטיגער כאַטע, אַוועק אין ווייטען שוואַרצען וואַלד, דאָרט ווייט, וואו די קליינע זילבער-גרינליכע שטערען לאָזען זיך אַזוי נידעריג אַראָב, ווי זיי וואָלטען אינ׳ם פֿעלד געפֿינקעלט...

זי וואָלט איצט דאָרט געוואָלט ליגען און קוקען, קוקען, וואו די וייך גאָלדענע האַלבע לבנה געהט שטיל אויף...

און זי הויבט זיך אָן פֿרעגען; עפּעס פֿראַגען שטעהען אויף פֿאַר איהר, קריכען, ראָיען זיך אַרויס פֿונ׳ם ליכט-נעפּעל...

— וואָס איז געווען וואַלענטי?...

וואַלענטי ליגט דאָרט אין אַזאַ מאָדנער לענג אויסגעצויגען, און זיין פּנים איז פֿערצויגען ווי מיט אַ בלוי הייטעל... און מאַרטע דערמאָהנט זיך אַזוי פֿיל שרעק און פֿערוואונדערונג פֿון איהר צוזאַמענזיין מיט איהר מאַן, וואַלענטי: דעם שוואַרצען...

ערגיץ ווייט אין דער נאַכט שפּילט אַ פייפעלע און ס׳דאַכט זיך פון די טענער, אַז אַ סך קליינע פערטריבענע קינדערלעך וויינען אַזוי שטיל אין דער טיפער נאַכט אַריין; אָט שלענגעלט זיך דאָס פייפעלע מיט אַ שטילען איינזאַמען טאָן, ווי ס׳וואָלט געוואָלט אָננעהמען דעם טיפען טרויער אין מאַרטיס האַרץ...

און זי דערמאָהנט זיך יענע לאַנגע אומעטיגע ווינטער־נעכט, ווען וואַלענטי איז פערפאַלען געוואָרען אויף גאַנצע טעג, נעכט און וואָכען... זי אַליין פלעגט זיצען אין כאַטע, שטענדיג אַליין; „וואַלענטי דעם שוואַרצענס ווייב וועט דער טייוועל נישט כאַפּען", פלעגען אַנדערע זאָגען. און ווען זי איז געוועזן אַליין, פלעגט זיך איהר אַזוי בענקען אַ היים, זי האָט זיך דערמאָהנט: אָן איהר דאָרף, פון וואַנען זי איז אַוועק מיט וואַלענטין, ווען זי איז נאָך געוועזן אַ מיידעל, די פרעהליכע אָווענדען, וואָס זיי האָבען פערבראַכט, זי, מיט איהרע חבר׳טעס, זומער פאַרנאַכט, ווען זיי זענען פון דער אַרבייט געגאַנגען און זייערע געזאַנגען האָבען זיך געטראָגען איבער די ברייטע גרינע פעלדער...

דאָס פייפעלע איז שטילער געוואָרען, ווייטער, שטילער און האַרציגער, גלייך ווי אַ מלאך פון טויט וואָלט זיך אַוועקגעטראָגען מיט דעם געזאַנג איבער די ווייטע פינסטערע וואַלד־שפּיצען... און די לאַנגע אומעטיגע ווינטער־נעכט אין דעם אומעטיג־שרעקיגען דאָרף האָבען איהר דאָס פנים אַזוי צוקנייטשט און די אויגען אַזוי טיף אונטער׳ן שטערען פעררוקט... אָרעמע מאַרטע!..

... און האַלבע נאַכט, ווען זי איז געלעגען אויפ׳ן געלעגער און געזעהן, ווי וואַלענטי שאַרט זיך שטיל אַריין, ווי אַ קאַץ, ווי ער וואָלט זיך היטען, מ׳זאָל איהם נישט בעמערקען;

זי האָט געפיהלט, אַז ער קומט פון עפעס אַ בעהאַלטענער אַרבייט; עפעס פינסטערס, בעהאַלטענס האָט געציטערט אונטער זיינע שוואַרץ־פערוואָקסענע ברעמען...

ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, נאָר זי, מאַרטע, האָט

געפיהלט, אַז ער שלאָפט נישט...

זי האָט איהם ביינאַכט פון געלעגער אַראָפ געפרעגט:

— שלאָפסט, וואַלענטי?

און ער האָט איהר אַלע מאָל דאָס זעלבע געענטפערט:

— שלאָף דו, מאַרטע; מיך פרעג נישט: איך וויל נישט שלאָפען, שלאָף איך נישט...

און זי וויס, מארטע, אַז מען רעדט אויף איהר מאַן, אַז ער איז אַ פערבעהאַלטענער מערדער...

זי גיט אַ ציטער, און דערמאָנט זיך:

— דערפאַר בין איך אַליין דאָ מיט איהם...

לאַנג איז זי אַזוי געזעסען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, די הענד אין די האָר איינגעגראָבען, און קוקענדיג מיט בריית־געעפענטע אויגען אין איהר פינסטערער שויס, האָט זי געזעהן, ווי פערשידענפאַרביגע פייערדיגע רעדער האָבען זיך געדרעהט און פערגאַנגען אין אונענדליכער פינסטערניש...

די טיפע שרעקליכע שטילקייט פון אַ מת האָט איהר אין מח געקלאַפט מיט האַמערס...

*

שפעטער, האַלבע נאַכט, ווען אַ סך ליכט האָבען זיך שוין צולאָזען אין חלב און געקנאַקט מיט בלויע שטיקענדע רויכלעך, און איבער דער שטוב האָבען זיך צולייגטע און געציטערט אַזעלכע משונה׳דיג-לאַנגע פינסטערע שאָטענט, האָט מאַרטע געהערט אַ לייכטען, לייכטען שאָרך. זי האָט האַסטיג דעם קאָפּ אויפגעהויבען און געזעהן, אַז איבער וואַלענ־טין שטעהט אָנגעבויגען אַ גרויסער שוואַרצער מענש; מיט׳ן רוקען צו איהר איז ער געשטאַנען און עפּעס געמורמעלט...

מאַרטע איז געבליבען אָהן אָטעם; זי איז אויפגעשפרונ־גען מיט ווילד־צושראָקענע אויגען, די הענד פון הינטען, ביים פענסטערעל אָנגעשפּאַרט. דער מענש האָט זיך הינטערווייליכך אָבגערוקט פון׳ם טויטען און פלוצלינג אומגעדרעהט זיך צו מאַרטען, און מאַרטע האָט דערזעהן אַ גרויסע שרעקליך־

שוואַרצע בּאָרד, פון וועלכער ס׳האָט אַרויסגעשמייכעלט אַ שורה ווייסע נייע ציין...

— שוין נישטאָ וואַלענטי...—האָט רער מענש געשמייכעלט, און מאַרטע האָט מיט אַלע כוחות אַ געשריי געטון...

אַ שטילער פייף האָט זיך געהערט פון דרויסען, און דער מענש איז פערשוואונדען... די שכנים, וואָס זענען זיך פון געשריי אונטער׳ן פענסטער צוזאַמענגעקומען, זענען זיך צוגאַנגען בּורטשענדיג:

— וואָס דען, קיין גוטע מלאכים היטען איהם נישט...